STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00222

PIONERN UN BOYER

John Mill

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Abe H. Kosik
in memory of
Sally H. Kosik

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע ר ש ט ע ר ב אַ נ ד

פּיאָנערן

דושאַן מילל

דזשאָן מילל

פּיאָנער און בויער

מעמואַרן

פאָרוואָרט פון פ. קורסקי

פאַרלאַג דער וועקער
175 איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק
1946

JOHN MILL

PIONEERS
and
BUILDERS

Published by
"DER WECKER"
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Futuro Press, 476 Broadway, New York 12, N. Y.
200
Printed in U.S.A.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט פון פראַנץ קורסקי — I

1טער טייל
פּאָנעוועזש

די קינדער־יאָרן — 13
דאָס עפענען אַ רעאַל־שול אין פּאָנעוועזש — 18
די רוסיפיצירונגס־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג. איר מפּלה ביי די ליטווינער און פּאָליאַקן, דערפאָלג ביי אידן — 21
דאָס ערשטע קרייזל. גייסטיקע זוכעניש. פּאַוול בערמאַן — 24
אונזער גאַנצע פאַמיליע עמיגרירט. איך פאַרבלייב אין אייראָפּע — 26
צמח קאַפּעלזאָן אין פּאָנעוועזש — 29
ערב דער אַרבעטער־באַוועגונג — 31
פּאַוול בערמאַן און איך „גייען אין פאָלק" — 33
די ליטוויש־פּוילישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. דאָקטאָר דאָמאַשעוויטש — 35

2טער טייל
ווילנע

דער ערשטער איינדרוק — 41
דער אידעאָלאָגישער איבערברוך. דער קרייז פון דער שטודירנדער יוגנט — 45
פּראָמינענטע פיגורן אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: סטראַ־שונסקי, ליובאַ אַקסעלראָד, חיים ראַפּאָפּאָרט, יאַגיכעס — 52
דאָס וויגעלע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די ערשטע טוער. קאַפּעלזאָן אין ווילנע — 59
דאָס מיליטער־דינסט — 65
מיינע ערשטע אַרבעטער־קרייזן: שיינע־רייזל סעגאַל, ליובאַ די קאָנטערטניצע, מערל וועווער, פרידמאַן, באַסקין, מאָטל דער בערשטער, קאַפּלינסקי — 67
עס אָרגאַניזירט זיך אַ צענטער. די פּעריפעריע. נחס ערשטע שריט — 77
פּאַטי סרעדניצקאַיאַ. ליובאַ לעווינסאָן. אייזנשטאַט. גאָזשאַנסקי — 82
אַרקאַדי קרעמער — 88
דער ערשטער מאַי 1892 — 94

די אָפּאָזיציע — — — — — — — — — — — — — — — — — 101
די „האַלב־אינטעליגענטן" — — — — — — — — — — — — — 106
פּאַול בערמאַן אין ווילנע און מינסק. א. ליעסינס „אָפּאָזיציע" — — 109
אונזער אייגענער וועג — — — — — — — — — — — — — — 113
דאָס הונגער־יאָר 1892 — — — — — — — — — — — — — — 118
די פאַמיליע שאַרעי. מיין אַרעסט — — — — — — — — — — 120
אונזער אומגעדולד און דער אָפּטימיזם פון די אַרבעטער. פּערזענלעכער
פּאַטאַליזם — — — — — — — — — — — — — — — — — 126
אַ לעקציע אין אַ פּוילישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע — — — — 128
אַ נייע באַקאַנטשאַפט — — — — — — — — — — — — — 133
צעלינאַ דאַווגיערד. איך פאַרלאָז די שטאָט — — — — — — — — 138
זשעמעליאַני — — — — — — — — — — — — — — — — 143
גלעב־מיטניקאָוויטש — — — — — — — — — — — — — — 148
דאָס יאָר 1893 אין ווילנע — — — — — — — — — — — — 151
דער „נס" — — — — — — — — — — — — — — — — 153
מאַרטאָוו. זיי געזונט, ווילנע! — — — — — — — — — — — 157

3טער טייל

צ י ו ר י ך

פון ווילנע ביז ציוריך — — — — — — — — — — — — — 163
די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ר. לוקסעמבורג — — — — — — — — 167
די סטודיעס אין אוניווערזיטעט — — — — — — — — — — — 169
די רוסישע און פּוילישע קאָלאָניעס — — — — — — — — — — 171
פעליקס פּערל. פּאַול אַקסעלראָד — — — — — — — — — — — 175
ראָזאַ לוקסעמבורג. אַ פּאָר ביאָגראַפישע שטריכן — — — — — — 179
ראָזאַ לוקסעמבורג און די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן — — — — — 187
ר. לוקסעמבורג און דער רעפאָרמיזם — — — — — — — — — — 196
נייע באַקאַנטשאַפטן. פלעכאַנאָוו — — — — — — — — — — 199
וועראַ זאַסוליטש — — — — — — — — — — — — — — — 205
אַ פאַרגעסענער דענקמאָל — — — — — — — — — — — — — 208
אַן אינטערליוד — — — — — — — — — — — — — — — 211
דיסקוסיעס. אַ וויכטיקע קאָנפערענץ — — — — — — — — — — 214
וולאַדימיר קאָסאָווסקי — — — — — — — — — — — — — 218
ווידער ציוריך. טיכווינסקי. בורצעוו. לוקסעמבורג וועגן דער ווילנער
קאָנפערענץ. מאַרכלעווסקי — — — — — — — — — — — — 223
צוריק אַהיים — — — — — — — — — — — — — — — — 227
אַ יאָר פון גרויסע אויפטוען — — — — — — — — — — — 229

4טער טייל

ווארשע

זייט

איך אָרדן זיך איין — 233
דער אָנהייב פון אַ באַוועגונג. פייסאַכזאָן און זיין גרופּע. צביה הורוויטש 236
דער דוחק אין אַ אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. הילף פון פּאָליאַקן.
מאַרכלעווסקיס משפחה — 242
אונזער אָפּגעריסנקייט פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. די פוילישע
סאָציאַל דעמאָקראַטיע (פּ.ס.ד.). דזיערזשינסקיס ערשטע שריט — 247
אונזער השפעה וואַקסט. די אידישע סעקציע פון פּ.פּ.ס. דער צייטווייליקער
שידוך — 251
נאָך דער שפּאַלטונג.. אַרקאַדי זעט זיך מיט פּלעכאַנאָוון. דער אַרבעטער־שוץ
קאָנגרעס אין ציוריך — 257
ערב דעם ערשטן צוזאַמענפאָר. די אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט צו
דער גרינדונג פון „בונד״ — 262
די ראָלע פון וואַרשע אין דער גרינדונג פון „בונד״ — 267
די וואַרשעווער דעלעגאַציע. אַרקאַדי וויל אָפּלייגן דעם צוזאַמענפאָר — 269
די געבורט פון „בונד״ — 272
דער נאָמען — 276
אַ נייע נשמה, נייע האָפענונגען — 278
די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — 280
דער „בונד״ פאַרשפּרייט זיך איבער פוילן. פּ.פּ.ס. איז באַאומרואיקט — 284
שנאה און קנאה. דזשאַן פאַרוואַנדלט זיך אין „פּראָאים״ — 287
די אידישע „אינוואַזיע ״אין פוילן. די ליטוואַקעס און די „פּאָליאַקן פון
משה רבנוס גלויבן״ — 290
עס בענקט זיך נאָך וואַרשע — 294
אַ קאָרב פון לאָדזש. דער באַריכט צום צאַר — 296
זובאַטאָווס נעץ. די גרויסע אַרעסטן — 299
שפּיאָנען אָן אַ שיעור. דער פּלאַן אַוועקצושטעלן אַ דרוקעריי אין זשענעווע.
איך ווער פאַרוואָרפן אין אויסלאַנד — 301
זוכצעטל פון נעמען — 304

אינהאַלט פון די בילדער:

זייט

דזשאַן מילל — — — — — — — — — — — — — — 3

פראַנץ קורסקי — — — — — — — — — — — — — VII

פאַטער און מוטער פון דזשאַן מילל. דזשאַן מילל אין די יונגע יאָרן — 15א

שילער־גרופּע אין פּאָנעװעזשער רעאַל־שול. פּאַול בערמאַן, צמח קאַפּעלזאָן 29א

צעלינאַ דאַװגיערד, דזשאַן מילל, שילער־גרופּע אין װילנער רעאַל־שול — 30א

נח, אַרקאַדי, פּאַטי, טאַראַס — — — — — — — — — — — 77א

ש. אײַזנשטאַט־יודין, ליובאַ לעװינסאָן, פּ. אַנמאַן־ראָזענטאַל, אַנאַ ראָזענטאַל 87א

אַ גרופּע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. װ. קאָסאָװסקי, ל. מאַרטאָװ 157א

פּייסאַכזאָן, צביה הורװיטש, ביניש מיכאַלעװיטש, א. ליטװאַק — — — 239א

די הויז, וואו עס איז פאָרגעקומען דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד".
אַ גרופּע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד — — — — — — — 240א

אַרייַנפיר

דורך זיין בוך „פּיאָנערן און בויער" פירט אונז דזשאַן מילל אריין אין דער שוין באַלד לעגענדארער סביבה פון די מענטשן, וואָס האָבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן סאָציאַליזם בכלל און פאַר דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בפרט. ווייל מען טיפער פאַרשטיין אַ באַוועגונג, איז נויטיק צו קאָנען די סביבה פון די, וואָס האָבן זי אָנגעהויבן און געפירעמט, בפרט איז דאָס ריכטיק בנוגע דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צייכנט זיך אויס מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. געוויס, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין יעדן לאַנד און ביי יעדן פאָלק וויַזט ארויס געוויסע איני־דיווידועלע שטריכן. אין אַן אינדוסטריעל אַנטוויקלטן לאַנד טראָגט די באַוועגונג אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי אין אַן אגראַר־לאַנד; אין אַן אייניהייטלעך נאַציאָנאַלער מלוכה, ווי למשל אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך, איז זי אַנדערש ווי אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, למשל אין אַמאָליקן עסטרייך. דער גרונט כאַראַקטער פון דער באַוועגונג ווערט באַשטימט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, פון נאַציאָנאַלן באַשטאַנד און דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער מלוכה. און זיכער וואָלט מען געקאָנט אַרויסגעפינען אַ גאַנץ שטאַרקע ענלעכקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג ביי פאַרשיידענע פעלקער, וואָס לעבן אין אומגעפער גלייכע באַדינגונגען, למשל אין די דריי סקאַנ־דינאַווישע לענדער און פינלאַנד, אין ליטע און לעטלאַנד א. אַ.

ניטאָ אָבער אַ צווייטע באַוועגונג, וואָס זאָל אין איר כאַראַקטער, אין איר אַנטוויקלונג און פּראָבלעמאטיק ענלעך זיין צו דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואָרום ס'איז ניטאָ אויך אַן אַנדער פאָלק, וואָס זאָל ענלעך זיין צום אידישן פאָלק: מלוכהלאָז, טערי־טאָריעל ניט קאָנצענטרירט, דורך דורות און ביזוויליק געטריבן

פאָרוואָרט

פון אַלע רעאַקציאָנערע כוחות, אָרמגערינגלט מיט שנאה אָפּטמאָל אפילו פון די גערודפטע קלאַסן פון אַנדערע פעלקער — ווי „פּרעמדע" און אַנדערש־גלויביקע, און דעריבער שוצלאָזע.

וואו האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי אידן? אין צאַרישן תחום, וואו די אידן האָבן געלעבט אין מער אָדער ווייניקער קאָמפּאַקטע מאַסן אויף אַ שטח לאַנד, וואו זייער צאָל האָט שוין דערגרייכט אַרום 6 מיליאָן נפשות. דער שטח לאַנד ציט זיך פון שוואַרצן ים ביז צום באַלטישן. אין דרום איז דער גרענעץ־פּונקט פון געבורטס־לאַנד פון אידישן סאָציאַליזם — די שטאָט אָדעס, האַרט ביים ברעג פון שוואַרצן ים, אין צפון — דווינסק. אמת, דווינסק ליגט ניט ביים ברעג פון באַלטישן ים; עס ליגט אויף דער ליניע פון ים אין באַלטישן געגנט, און ביים באַגינען פון דער באַוועגונג איז דווינסק געווען אין צפון דער גרעסטער אידישער ישוב מיט אַן אַלט איינגעוואָרצלטער אידישער באַפעלקערונג. אָדעס־דווינסק איז די געניטע לענג פון דעם שטח לאַנד. שווערער איז צו באַשטימען די קאָנטורן אין דער ברייט. יענער שטח האָט זיך פון יאָר־צו־יאָר פאַרברייטערט און איז אין מזרח דערגאַנגען ביז דער וואָלגאַ. אין מערב איז ער אַריבער די גרענעץ־ליניע פון דער צאַרישער אימפּעריע און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער רומעניע, בוקאָווינע און גאַליציע. אידייען און גייסטיקע שטרעבונגען רעכענען זיך ניט מיט גרענעץ־סלופּעס.

אין די שטורעם־יאָרן פון דער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך די טעריטאָריע פון אידישן סאָציאַליזם געהאָט אויך שטאַרק פאַרלענגערט. זי איז דאַן אין דרום דערגאַנגען ביז באַקו, טיפליס און באַטום, אין צפון ביז פּעטערסבורג און ציטווייליק אפילו ביז וואָלאָגדאַ.

אָט אויף דעם שטח לאַנד איז געבוירן געוואָרן דער אידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דאָ זיינען אויסגעוואַקסן די אידישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

פאָרוואָרט

די פּיאָנערן און די בויער פון אידישן סאָציאַליזם אין מערב אײראָפּע און אַמעריקע זײנען אַלע אָן אויסנאַם געקומען פון גע־בורטסלאַנד פון אידישן סאָציאַליזם. אהרן ליבערמאַן, לײזער צוקער־מאַן, מאָריס װינטשעװסקי, בנימין פײגנבױם, אב. קאהאַן, פילים קראַנץ, יעקב מילך, באַראַנאָװ א. אז. װ. א. אז. װ. — אַלע די, װאָס האָבן באַשאַפן דאָס אידישע סאָציאַליסטישע װאָרט אין דער פרײער װעלט, צוערשט אין העברעאיש, שפּעטער אין אידיש, קומען פון יענער טעריטאָריע.

די אידישע סאָציאַליסטן זײנען אויף דער טעריטאָריע גופא פון אידישן סאָציאַליזם יאָרן־לאַנג געבליבן שטום. ס'האָט זיך אָנ־געזאַמלט בײ זײ אַ גרויסער מאָראַלישער כוח, זײער געדאַנק האָט זיך פאַרטיפט, אָבער דער רעזשים, אונטער װעלכן זײ האָבן גע־לעבט, האָט זײער שװער געמאַכט צו פאַרשפּרײטן דאָרטן די סאָציאַליס־טישע תורה בכתב. דער ערשטער פּרוּאװ, װאָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געװאָרן, שטאַמט פון 1881 — אַ אידישע איבער־זעצונג, העקטאָגראַפירט, פון ערשטן נומער „אַרבעטער צײטונג", אָרגאַן פון דער „נאַראָדנאַיא װאָליא". אַ צװײטער פּרוּאװ איז גע־מאַכט געװאָרן אין קיעװ. די מחברים זײנען נישט באַקאַנט. אָבער נאָך אין 1878 האָט זיך אין דער ליטע און אין װײס־רוסלאַנד אין משכילישע קרײזן באַװיזן פון װין ליבערמאַנס „האמת" (דרײ נומערן, 1878־1879). דאָס איז געװען דער ערשטער פּרוּאװ פון אַ אידישן סאָציאַליסט צו העלפן פון אויסלאַנד פאַרשפּרײטן דאָס סאָציאַליסטישע װאָרט אין דער אַלטער היים, און אויך אין אויסלאַנד גופא. מיט אַ 6־7 יאָר שפּעטער איז דערגאַנגען אין װילנע און מינסק אויך די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע בראָשור „יהי אור" פון װינטשעװסקי (1884). די שפּעטערדיקע פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליס־טישער באַװעגונג, די מיטגלידער פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אין װילנע, האָבן סײ פון „האמת" סײ פון „יהי אור" גאָרנישט געװאוסט. צו זײ זײנען די אויסגאַבן ניט דערגאַנגען. דער מקור פון זײער גײסטיקער שפּײז איז אין די ערשטע יאָרן געװען די רוסישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך די אויסגאַבן

פאָרוואָרט

פון דער ערשטער מאַרקסיסטישער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“ (באַפרייאונג פון אַרבעט).

***

אויף דעם אָנגעצייכנטן שטח לאַנד, פון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן, האָבן זיך די אידן, אין קעגנזאַץ צו די אַרומיקע פעלקער, אין גאַנצן נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. זייערע חיונה־קוואַלן זיינען געווען מלאכה, שטאָטישער קליין־האַנדל, שענקערײַ און פאַר־מיטלערײַ צווישן דאָרף און שטאָט, הויפּטזעכלעך האַנדל.

אין דער פאַרשטעלונג פון קונה איז האַנדל אַלעמאָל אַפּנאַ־רערײַ — „ניע אָבמאַניעש ניע פּראָדאַש“ (אָן אָפּנאַרערײַ וועסטו גאָרנישט פאַרקויפן). ווען דער בעל מלאכה לאָזט זיך גוט באַ־באַצאָלן פאַר זיין טרחה, „באַרײַסט“ ער; מען מעג אומצופרידן זיין מיט אים, אָבער מען פאַראַכט אים נישט. דער הענדלער, ער מעג אין דער אמתן פאַרדינען אַ קופּערנעם גראָשן, „נאַרט אָפּ“, און מען פאַראַכט אים. אגב, ווען דער האַנדל גייט אויף וואָג און מאָס, איז דער נסיון אָפּצונאַרן זייער גרויס. אין גאַנץ אייראָפּע גייט אַרום אַ ווערטל, אַז די קוילן־ליפעראַנטן ווערן רייך פון דעם טייל קוילן, וואָס זיי ליפערן נית אָפּ. ווער קען קאָנטראָלירן די וואָג פון אַ וואָגן קוילן . . . אין באַלטישן געגנט און אין דער ליטע (מסתמא אויך אין אַנדערע געגנטן) זיינען אין קליין־האַנדל מיט טעקסטיל־סחורה צוויי דורות לאַנג אָנגעגאַנגען מאַניפּולאַציעס מיט דער דיפערענץ צווישן אַ אייל (לאָקאָץ — 12 ווערשאָק — אָדער 13?) און אַן אַרשין (16 ווערשאָק). אָט די אָפּנאַרערײַ, וואָס איז געלעגן אין כאַ־ראַקטער פון האַנדל, ביי וועלכן לויט אַ גמרא־ווערטל איז נישט די מויז דער גנב נאָר די לאָך, האָט, אויסער דער טראַדיציאָנעלער שנאה צו די אידישע פאָלקס מאַסן, באַשאַפן אַרום זיי אַן אַטמאָספערע פון פאַראַכטונג, און אָט די פאַראַכטונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן ביי די אידן צו זיך גופא, צו טאַטע־מאַמען, וואָס האָבן געהאָרעוועט איבער די כוחות, געלעבט אין דחקות און צו בעסערע חיונה־קוואַלן קיין צו־טריט נית געהאַט.

***

נאָך דעם קרימער קריג (1855), ווען עס הויבט זיך אָן אין צאַרישן רוסלאַנד אונטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן די עפּאָכע פון

פּאָרוואָרט

די אַזוי גערופענע גרויסע רעפאָרמען, דאָס לאַנד הויבט זיך אָן צו אינדוסטריאַליזירן, עס פאַרשטאַרקט זיך פון יאָר צו יאָר דאָס שול־וועזן, דאָס געדרוקטע וואָרט דרינגט אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין די פאָלקס מאַסן, — ווערט די פרעסע, ביי אַ געוויסער אָפּשוואַ־כונג פון דעם צענזור־רעזשים, אַן איינפלוסרייכער כוח אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן. די הויפּט־טעמע פון דער פרעסע פאַר און יאָרן־לאַנג נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים פון פּאַנשטשיזנע (1861) ווערט אין אַלע מעגלעכע וואַריאַציעס — די זאָרג פאַרן מוזשיק, פאַרן פּראָסטן פּויער. דאָס פּויערטום, איבער 80% פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, בויט און קאָרמעט די מלוכה און פירט אַליין אַ הינטיש לעבן. באַרזשעס און שיפן גייען אויף דער וואָלגאַ אָנגעלאָדן מיט כל־טוב, — און ווער שלעפּט זיי מיט קאַנאַטן ביי די ברעגעס פון טייך, באַגיסנדיק זיך מיט שוויס? — דער מוזשיק. מעכטיקע אייזנ־באַן־ליניעס שניידן דורך די ריזיקע אימפּעריע און דורך טאָג און נאַכט דונערן די צוגן אויף שטאָלענע רעלסן. אָבער אונטער די רעלסן און שפּאַלעס זיינען די וועגן אויסגעלייגט מיט די ביינער פון מוזשיק, וואָס האָט זיי געבויט.

די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, וואָס אין איר באַוואוסטזיין האָט זי געפירט אַ פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ, האָט באַטראַכט פאַר איר ערשטן מאָראַלישן חוב באַפרייען דעם מוזשיק, איר „דערנערער", פון עלנט, נויט און פינצטערניש, וואָרום דער באַפרייאונגס־אַקט פון 1861 איז געווען ניט מער ווי שווינדל און אָפּנאַרעריי. אָט דאָס איז געווען דער מאָראַלישער פּאַטאָס פון בעסערן טייל פון רוסישן ליבעראַליזם אין דער עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס גרויסע רעפאָרמען. אין דער אַטמאָספערע האָט זיך אויסגעבילדעט די ערשטע פאַר־מאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָנהייב 70ער יאָרן, וואָס איז „געגאַנגען אין פאָלק", צום מוזשיק, כדי אים צו לערנען ווי זיך אַליין צו באַפרייען. די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס איז „געגאַנגען אין פאָלק", האָט געהאַט אין זינען בלויז דעם מוזשיק און מיט זיין מאַסן־אויפשטאַנד פאַרבונדן אַלע אירע האָפענונגען. — ווען זי איז געגאַנגען אויך צו די שטאָטישע רוסישע אַרבעטער —

פאָרוואָרט

אין קיעוו, אָדעס א"א — איז עס אויך געווען בלויז כדי זיי אריינ־צוציען אין דער מאַסן־באַוועגונג פון די פויערים. עס איז דאָ נישט דער אָרט זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַנטוויקלונג פון יענער באַ־וועגונג. מיר מוזן זיך אָבער אָפּשטעלן אויף דעם טראַגישן פלאַנטער, וואָס האָט זיך באַשאַפן אין דער אידעאָלאָגיע פון יענער באַוועגונג בנוגע דער ראָל פון די אידן, אַ פלאַנטער, וואָס זיינע אָפּקלאַנגען האָבן זיך צענדליקער יאָרן לאַנג געלאָזט פילן און זיינען דערגאַנגען ביז צו אונדז אין די סאַמע לעצטע יאָרן (למשל אין חיים זשיט־לאָווסקיס אַרטיקלען בעת דער איצטיקער מלחמה און מיט אַ 30 יאָר צוריק אין סירקינס אַרטיקלען). די נאַראָדניקעס האָבן זיך באַמיט צו ווירקן אויף דעם פויער, ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן זיינע שונאים, ער זאָל זיי „געבן קלעפּ". ווער זשע זיינען זיינע שונאים? די וואָס נוצן אים אויס, די וואָס „זויגן זיין בלוט": די צאַרישע מאַכט, די פּאָמיעשטשיקעס און אַלע די, וואָס לעבן פון זיין פּראַצע. פון אַלע די קאַטעגאָריעס האָט די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד געפירט צום אידן. די פּראָדוקטן, וואָס דער פויער ברענגט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק, קויפט ביי אים אָפּ דער איד — און „נאַרט" אים אָפּ. כמעט אַלץ וואָס דער פויער מוז קויפן אין שטאָט פאַר מזומן געלט, מוז ער קויפן ביים אידן — אַ זעג, אַ האַק, אַ פּאָר פונט נעגל, נאַפט, שוועבעלעך, אַ פּאָר אַרשין סיטץ, אַ געבלומטע טיכל א. ד. ג. און דער איד, וועמען ער באַצאָלט זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע גראָשנס „זויגט זיין בלוט". ער איז אַ „פּאַ־ראַזיט", זיין אַרבעט איז ניט „פּראָדוקטיוו" . . .

די נאַראָדניקעס האָבן לכתחילה זיכער ניט געהאַט אין זינען אַרויסצורופן פּאָגראָמען קעגן אידן. זייער ציל איז געווען אַרויסרופן בונטן און אויפשטאַנדן פון פויערטום קעגן דער צאַרישער מאַכט און די פּאָמיעשטשיקעס (די לענדלאָרדס), די זיילן פון צאַריזם. אָבער ווען די צאַרישע אַגענטן האָבן לויט אַן אויסגעפּרוּווטן מעטאָד אָנגע־הויבן אָפּצואווענדן די צעהיצטע שנאה פון פויערטום אין אַ פאַלשער ריכטונג — קעגן די אידן, און עס איז זיי דאָס געלונגען, — האָבן די נאַראָדניקעס באַגריסט די פּאָגראָמען ווי אַן אַקט פון רעוואָלוציאָ־

פאָרוואָרט

נערער אַקטיוויטעט פון די פויערים. דאָס איז געווען דער טרוי־עריקסטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

וועגן דעם נאָר אַ פּאָר ציטאַטן פון רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן פון יענער צייט:



פראַנץ קורסקי

. . . „ברידער אַרבעטער, איר שלאָגט די אידן, אָבער איר גיט זיך דערין קיין רעכנשאַפט ניט אָפּ . . . ניט דערפאַר דאַרף מען שלאָגן דעם אידן, וואָס ער איז אַ איד און בעט צו גאָט אויף זיין שטייגער — גאָט איז דאָך איינער פאַר אַלעמען — שלאָגן דאַרף מען אים, ווייל ער באַראַבעוועט דאָס פאָלק, ווייל ער זויגט דאָס בלוט פון האָרעפּאַשניק . . . דעם אָרעמען האָרעפּאַשניק, ער

מעג אפילו זיין אַ טאַטער, טאָר מען ניט טאָן קיין שלעכטס (פון אַ פּראָקלאַמאַציע אַפּריל 1881)."

סוף אויגוסט 1881, שרייבט דער אויספיר קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ": . . . „שטייט אויף, אַרבעטער, העלפט אונדז, זייט זיך נוקם אין די פּאָמיעשטשיקעס, ראַבירט די אידן, הרגעט די טשינאָווניקעס."

און מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין אַ ביילאַגע צום אָרגאַן פון דער „נאַרדאָנאַיאַ וואָליאַ" („ליסטאָק נאַר. וואָלי", 1883) לייענען מיר: . . . „דאָס פאָלק ראַבירט די אידן, ניט ווייל זיי זיינען אידן, נאָר ווייל עס זעט אין זיי „זשידעס", וואָס עקספּלואַטירן אים . . . ווען עס הייבן זיך אָן אַנטי־אידישע באַוועגונגען, קען מען זיכער זיין, אַז אין זיי איז פאַרבאַהאַלטן אַ פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער אָרדענונג און אַז עס גרייט זיך אַ פּיל טיפערע באַוועגונג."

אַ טיפערע באַוועגונג איז געקומען ערשט מיט 20 יאָר שפּעטער, אָבער שוין אָנהויב די 80ער יאָרן איז געקומען אַ פאַרטיפונג אין דעם זין און אין די מעטאָדן פון דער באַוועגונג. אין רעזולטאַט דערפון האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זייער גאַנצער נאַאיווקייט די אי־לוזיעס, וואָס די נאַראָדניקעס האָבן פאַרבונדן מיט אויפשטאַנדן פון די פּרימיטיווע פּויערים־מאַסן, און די אוואַנסצענע פון פּאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם פאַרנעמט דער אַרבעטער קלאַס. דאָס האָט באַדייט אַ זיג פון מאַרקסיסטישן געדאַנק, און דאָס פאַלט צענויף מיט דעם מאָמענט, ווען עס שטעלן זייערע ערשטע שריט אין דערמיטן פון די 80ער יאָרן, מיט 60 יאָר צוריק, די פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד, אין ווילנע און מינסק.

אונזערע פּיאָנערן זיינען אַלע אין זייערע יונגע יאָרן געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דער איבערגאַנג צו דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע האָט ביי זיי פאַראורזאַכט אַ שווערן אינערלעכן קאַמף, אָבער איבערנעמענדיק די נייע אידעאָ־לאָגיע האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער פּיאָנערן אַרבעט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם גאַנצן ליידנשאַפטלעכן

פאָרוואָרט

ברעז און די אומבאַגרענעצטע קרבנות־גרייטקייט, וואָס האָט אַזוי אויסגעצייכנט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", די אין איר קרבנות־גרייטקייט ביישפּיללאָז — איינציקע העראָאישע פּאַרטיי אין צאַרישן רוסלאַנד.

***

וועגן דעם אָנהייב און דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג שרייבט חבר דזשאַן אין ערשטן באַנד פון זיין מעמואַרן־ווערק. צוגעבן וואָס צו דעם, וואָס ער שרייבט, וואָלט געהייסן אָפּשוואַכן די ווירקונג פון זיינע שילדערונגען, ווארום חבר דזשאַן איז נישט נאָר איצט, נאָר איז פון אָנהייב אָן און אַלע מאָל געווען דער קאָמפּעטענטסטער אין פעסטשטעלן דעם פאַקטישן גאַנג פון אונזער באַוועגונג.

איינער פון די ערשטע אין אונזער פּיאָנערן גרופּע (אין דער ווילנער בונדישער „דינאַסטיע") איז ער אריין אין דער אַרבעט אין סאַמע באַגינען פון דער באַוועגונג; איינער פון די, וואָס האָבן אין חושך פון צאַריזם, אונטער די גרעסטע סכנות, אויפגעאַקערט די רויע ערד און פאַרפלאַנצט דעם גאָרטן פון אידישן סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך שפּעטער צעבליט אין אַזאַ וואונדערבאַרער פּראַכט.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אין 1897 אַ נאָמען געגעבן „בונד". גאַנצע 6 יאָר פאַר דער גרינדונג פון „בונד" האָט זי עקזיסטירט אונטערן נאָמען „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד". זי האָט אָבער עקזיסטירט שוין יאָרן פריער אָן אַ נאָמען און האָט נאָך אין 1886 באַשאַפן אין ווילנע אירע ערשטע אָרגאַניזאַציעס — סטרייק־קאַסעס א. א. די באַוועגונג עקזיסטירט אין אַ מאָדערנער פאָרם שוין 60 יאָר.

דער „בונד" איז געווען די ערשטע און יאָרן לאַנג די איינציקע אידישע פּאָליטישע פּאַרטיי. דער „בונד" איז אָבער געווען אין אידישן לעבן מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן צום פּאָליטישן קאַמף האָט געמיינט טאָן אַ גרויסע קולטור אַרבעט, האָט געמיינט עפענען די אויגן פון די מאַסן אויפן סאָציאַלן בוי פון לעבן, אויף די היסטאָרישע וואָרצלען פון די פּאָליטישע

פֿאָרוואָרט

רעזשימען א. א. וו. דער „בונד" איז געווען דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין מאָדערניזירן די אידישע שפּראַך און זי באַרייכערן מיט דער טערמינאָלאָגיע פֿון מאָדערנעם פּאָליטישן לעבן. די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַשאַפֿן דעם ערנסטן אידישן מאַסן־לעזער — די באַזע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. די בונדישע אומלעגאַלע פּרעסע (אַרבעטער שטימע" און די אַרטיקע אָרגאַנען: „וואַרשעווער אַרבעטער", לאָדזשער „פּריי־הייטס־גלאָק", „ביאַליסטאָקער אַרבעטער", „מינסקער אַרבעטער", ווילנער „קלאַסן־קאַמף" א. אז. וו. א. אז. וו.) האָט געצוואונגען די צאַרישע רעגירונג צו דערלויבן (סוף 1902) דאָס דערשיינען פֿון אַ לעגאַלער אידישער טעגלעכער צייטונג — „דער פֿריינט" אין פּעטערסבורג. דער „זשורנאַל" (פּראָטאָקאָל) פֿון אַ מיניסטאָרן באַ־ראַטונג אין פּעטערסבורג פֿאַרצייכנט דעם מאָטיוו צוליב וועלכן עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערלויבן אַ טעגלעכע אידישע צייטונג: כּדי צו באַקעמפֿן די ווירקונג פֿון דער בונדישער אומלעגאַלער פּרעסע.

און ווען דער „בונד" איז אין אידישן לעבן געווען מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, איז ער אין אַלגעמיין־רוסלענדער לעבן געווען מער ווי אַ אידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. אויפֿן קאַמף־פֿראָנט קעגן צאַריזם איז דער „בונד" אין די יאָרן אַרום 1905 געווען איינע פֿון די מערכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פֿעסטונגען. די מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין ראַיאָן פֿון „בונד", די מילי־טעריש־רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, פֿלוג־בלעטער, פּלאַקאַטן און פּראָ־קלאַמאַציעס, פֿאַרשטייט זיך אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס דער „בונד" האָט פֿאַרשפּרייט אין די גאַרניזאָנען אין הונדערטער טויזנ־טער עקזעמפּליאַרן, זיינען אַ טעמע פֿאַר זיך.

מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט אַן אויבן־אויפֿיקער כאַראַקטעריס־טיק פֿון דער באַוועגונג. די באַשרייבונג — ווי די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, זיך פֿאַרוואָרצלט און פֿאַרשפּרייט, דאָס וועט דער לייענער געפֿינען אויף די בלעטער פֿון חבר דזשאַנס מעמואַרן־בוך, ריכטיקער — ביכער; דערווילע האָט ער געגעבן צום פּובליקירן בלויז דאָס ערשטע בוך פֿון זיינע מעמואַרן. אַ פּאָר באַמערקונגען

פאָרוואָרט

מוזן מיר אָבער צוגעבן וועגן דעם אָפּקלאַנג, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אַלע מאָל מיט דער גרעסטער פרייד פאַרצייכנט ידיעות וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָרום דער צאַריזם איז געווען דער מעכטיקסטער זייל פון דער וועלט־רעאַקציע. קאַמף קעגן צאַריזם האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַטראַכט ווי איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן אין אינטערנאַציאָנאַלן מאסשטאב. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פּוילן איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ המשך פון דער אויפשטאַנדס־באַוועגונג פון 1863 (די פּ. פּ. ס. איז עס אין אַ געוויסן זין אויך געווען). די דאָרטיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערופן צו זיך די וואַרימסטע סימפּאַטיע, אָבער דער פאַקט גופא, וואָס אַזאַ באַוועגונג עקזיסטירט דאָרטן, איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך און איז קיין סענסאַציע ניט געווען.

דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט באַוויזן אויף דער אַרענע פון קאַמף. די ערשטע ידיעות וועגן סטרייקן פון ליטווישע אַרבעטער זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער פּרעסע, פאַרשטייט זיך, מיט צופרידנהייט, אָבער אויך ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. פאַרוואָס זאָלן די ליטווישע אַרבעטער ניט סטרייקן, ניט קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן? עס סטרייקן די בעלגישע און די האָלענדישע א. אַ. אַרבעטער, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז עס סטרייקן אויך די ליטווישע אַרבעטער, אמת — באַ פיל שווערערע באַדינגונגען. אָבער גאַנץ אַנדערש — די ערשטע ידיעות וועגן דעם קאַמף פון אידישע אַרבעטער, וועגן זייערע ערשטע סטרייקן און רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציעס. דאָס איז געווען אַ סענסאַציע! אידישע אַרבעטער? זיינען דען דאָ ביי אידן אַרבעטער? עס הייסט דאָך, אַז די אידן לעבן פון פרעמדער פּראַצע, אַז זיי זיינען פּאַראַזיטן . . . און מיט אַמאָל ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד, פּוילן און דרום־רוסלאַנד קעמפן אידישע אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַל און צאַריזם, קעמפן מיט מסירת־נפש פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט צונישט געמאַכט די פאַלשע פאָרשטעלונג, וואָס עס איז פאַרשפּרייט געווען איבער דער

פ אָ ר ו אָ ר ט

וועלט וועגן דעם לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד. די באַוועגונג האָט מאָראַליש רעהאַביליטירט אין די אויגן פון דער וועלט די אידישע פאָלקס מאַסן.

מיט 50־60 יאָר צוריק איז די דייטש־אידישע און פראַנצויזיש־אידישע פרעסע פול געווען מיט אַרטיקלען וועגן דער ביטערער לאַגע פון די אידן אונטערן צאַריזם. די כוונה איז דערביי געווען צו ווירקן אויף דער וועלט, זי זאָל פאָדערן, דער צאַריזם זאָל אָפּשאַפן זיינע רדיפות קעגן די אידן. אין טויזנטער אַרטיקלען האָט מען געזוכט צו באַווייזן, אַז די אידן האָרעווען שווער און ביטער, לעבן אין נויט און דחקות און באַגייען קיין שום פאַרברעכנס ניט. ווער האָט דאָס געגלייבט? בלויז אידן, וואָס האָבן עס סיי ווי געוואוסט. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אין דער ווייטער וועלט אַן אַנדער אוידיטאָריע. פלעכאַנאָווס ווערטער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין 1896: די אידישע אַרבעטער אין צפון־מערב געגנט בילדן דעם אוואַנגאַרד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד — האָבן אפּעלירט צו די הערצער פון מיליאָנען אַרבעטער איבער דער וועלט. יענער זאַץ פון זיין רעדע האָט פאַרשאַפט כבוד דעם אידישן פאָלק אין די אויגן פון אַלע די, וואָס האָבן זיך געגרייט צו בויען אַ נייע וועלט. דאָס איז געווען די ערשטע מתנה, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט באַקומען פון זיין קעמפנדן אַרבעטער. אָבער עס מוז דערביי דערמאָנט ווערן אויך אַ צווייטע מתנה, און זי האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג אין אידישן לעבן גופא: די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ענטגילטיק ליקווידירט די אַסימילאַציע אַלס אידעאָלאָגישע ריכטונג אין אידישן לעבן. — אויך דערין ווייזט זיך אַרויס דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די אָנגעגליטע אַטמאָספערע פון פּאָליטישן קאַמף האָט באַשאַפן אין לעבן פון די אידישע פאָלקסמאַסן אַ דערהויבנקייט, האָט פאַרשטאַרקט זייער מענטשלעכע ווירדע, פאַרטיפט זייער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פאַרברייטערט זייער גייסטיקן האָריזאָנט. די באַוועגונג האָט אַריינגעצויגן אין אירע רייען די אידישע אינטעליגענץ,

פ אָ ר װ אָ ר ט

װעלכע האָט דערזען פאַר זיך אַ נייעם פעלד פון לעבעדיקער אַרבעט. און װען אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ איז פריער — אין הינזיכט פון שפּראַך — געװען שטאַרק רוסיפיצירט אָדער פּאָלאָניזירט, איז זי איצט געװאָרן אַלץ מער און מער פאָלקסטימלעך און האָט זיך אין גאַנג פון דער אַרבעט צונויפגעגאָסן מיט דער מאַסע. װערטפולע כוחות, װאָס פלעגן זיך פריער אָפּפרעמדן פון דער מאַסע, זיינען דורך דער באַװעגונג געװאָרן איינס מיט איר. דער קאַפּיטל אסימילאַציע אין אידישן לעבן איז אידעאָלאָגיש דורכדעם פאַרענדיקט געװאָרן.

***

חבר דזשאַן איז געװען אין דער פּיאָנערן גרופּע פון „בונד" דער ערשטער און אַ לענגערע צייט דער איינציקער, װאָס האָט אַריינגעבראַכט אין אינטערעסן־קרייז פון די פירער פון „בונד" דעם פּוילישן עלעמענט — פאַרשטענדעניש פאַר די פּוילישע פּראָבלעמען, פאַרן אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף א. אז. װ. אַלע אַנדערע פּיאָנערן פון „בונד" — קלאַסישע „ליטװאַקעס" מיט אַ רוסישער בילדונג — זיינען געװען גוט באַהאַװנט אין די פּראָבלעמען פון רוסישן לעבן, דאָס פּוילישע לעבן איז זיי געװען װייניקער נאָענט. חבר דזשאַן האָט געמאָנט און געפאָדערט פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צום פּוילישן לעבן, און אים איז דאָס געלונגען. ער איז אויך געװען דער איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר פון די ערשטע בונדישע אויסגאַבן אין דער פּוילישער שפּראַך. ער האָט דערמיט אַרויסגעװיזן אַ װייטן בליק און אַ געזונטן חוש פאַר די פּערספּעקטיװן פון דער באַװעגונג. חבר דזשאַן האָט דער ערשטער געשטעלט פאַר דער פירונג פון „בונד" די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין דער פּיאָנערן־גרופּע איז קיין ספּעציעלער אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע ניט געװען. דער צוגאַנג צו איר איז געװען זייער פּרימיטיװ װי אין אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין יענער צייט. (אויסער אין עסטרייך צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות): מיר זיינען די פּאַרטיי פון אַ באַשטימטן קלאַס, נישט פון דער גאַנצער נאַציע; מיר פאָרמולירן די פאָדערונגען פון אונזער קלאַס; די נאַציע װיל גאַרניט, מיר זאָלן ריידן אין איר נאָמען. יעדער

פאָרוואָרט

נצחון פון אונזער קלאַס איז גלייכצייטיק אַ געווינס פאַר דער גאַנצער נאַציע, און מער דאַרפן מיר ניט.

מיט דעם געדאַנק וועגן אַ סאָציאַליסטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט זיך ח׳ דזשאַן פאַרנומען נאָך איידער עס האָט זיך באַוויזן די עסטרייכער סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אַרום דער פראַגע. דער באַזונדערער אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט זיך ביים יונגען ח׳ דזשאַן געמוזט נעמען פון זיין באַענטקייט צום פוילישן פאָליטישן לעבן און פון זיין באַהאַווונטקייט אין די פוילישע פראָבלעמען פון יענער צייט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער — אַלץ נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן די שריפטן פון קאַרל רענגער (שפּרינגער", „סינאָפּטיקוס"), האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע אויך וולאַדימיר קאָסאָווסקי. דאָס פאַלט זיך צונויף מיט דער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון די 90ער יאָרן, ווען די חובבי־ציון־באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט איר עוואָלוציע צום אַ. ג. פאָליטישן ציוניזם.

אויפן דריטן צוזאַמענפאַר פון „בונד", אין קאָוונע, 1899, האָט חבר דזשאַן דורכגעפירט אַ באַשלוס, וואָס דער זין דערפון איז געווען: זיך ערנסטער פאַרנעמען מיט דער פראַגע און צוגרייטן מאַטעריאַל צו איר לייזונג. דער פערטער צוזאַמענפאַר, מאַי 1901, אין ביאַליסטאָק, האָט, ווי באַוואוסט, די פראַגע געלייזט. חבר דזשאַן האָט דעריין אַ היסטאָרישן פאַרדינסט.

די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פראָגראַם האָט אין 1902 געגעבן וולאַדימיר קאָסאָווסקי. ער האָט זיך שפּעטער צענדליקע מאָל אומגעקערט צו דער פראַגע בא פאַרשידענע געלעגנהייטן. זיין בעסטער תלמיד — וולאַדימיר מעדעם האָט שפּעטער דער דאָזיקער פראַגע געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבנסאַרבעט.

דעם חבר דזשאַן געהערט די איניציאַטיוו ביים גרינדן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" (דעצעמבער 1898) — אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַ גוואַלדיק וויכטיק אָרט אין לעבן פון „בונד". דעם אימפּעט אין

פ אָ ר װ אָ ר ט

דער אַרבעט און דער גוואַלדיקער ענערגיע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון יינגן דזשאַן, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געהאַט צו פאַרדאַנקען די אַנטוויקלונג פון די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע דער קאָמיטעט איז אין גיכן אַרומגעוואַקסן: אַ פאַרלאַג, וואָס האָט זיך מיט דער צייט צעוואָקסן אין גאָר אַ גרויסן פאַרנעם און וואָלט אויסגעהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט פאַרלאַגן פון מאַנכע אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע פון די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד, וואו עס האָבן באַקומען זייער שולונג און צוגרייטונג אין פאַרלויף פון דער צייט מערערע הונדערטער סטודענטן און אַרבעטער, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אין דער באַוועגונג אין רוסלאַנד אַ וויכטיקן אָרט, און נאָך און נאָך.

און די הויפּט־זאַך: חבר דזשאַן איז שטענדיק געווען אַ מזלדיקער מענטש. אין די יאָרן פון זיין גרויסער אַקטיוויטעט איז ער פאַרן „בונד" געווען דער פּערסאָניפיצירטער מזל: זיין גאַנצע אַרבעט איז שטענדיק געווען מזלדיק. מזל אין איינצעלנע עפּיזאָדן קאָן זיין אַ צופאַל־זאַך. מזל אין אַ לאַנגער ערנסטער, שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער לעבנס־אַרבעט איז קיין צופאַל ניט. דערצו געהערט כאַראַקטער, דערצו געהערן אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס, וואָס נאָר יחידי־סגולה פאַרמאָגן זיי.

חבר דזשאַן איז איינער פון די פאַרבליבענע פון אַ וואונדערלעכן פּיאָנערן־דור, וואָס האָבן מיט קנאַפּע 60 יאָר צוריק אָנגעהויבן צו צעאַקערן דאָס האַרטע רוי־ערד פון דאַמאָלסטיקן אידישן לעבן און פאַרוואָרפן אַהינצו קערנער פון נייע שטרעבונגען. די קערנער האָבן זיך גוטצעוואָקסן נישט בלויז ווייל די ערד איז אין אירע טיפענישן געווען פרוכפּערדיק און פול מיט געבענטשטע זאַפטן. עס איז אין אַ גרויסער מאָס אויך דער פאַרדינסט פון די ערשטע אַקערער, וואָס זיינען מיט גייסטיקער גבורה אין דער פינצטערער נאַכט פון צאַרישן דעספּאָטיזם אַרויס צו דער אַרבעט, באַגייסטערט פון דער וויזיע פון אַ זון־אויפגאַנג, וואָס זיי דאַרפן העלפן ברענגען. פון דעם קרייז פּיאָנערן האָט געשלאָגן אַ לויטערקייט, וואָס האָט

פ אָ ר װ אָ ר ט

באַלויכטן די װײַטערדיקע דורות טוער און אָנגעפילט די באַװעגונג מיט איר דערהױבנדיקן אינהאַלט. ח׳ דזשאַן איז אײנער פון יענעם דור, אין װעמענס פּאָסטריט עס זײַנען געגאַנגען דורות.

אײנע פון די גרעסטע מעלות פון ח׳ דזשאַנס בוך, איז — װאָס דאָס איז נישט בלויז אַ בוך װעגן פּיאָנערן, נאָר אַ בוך פון אַ פּיאָנער — פון אײנעם פון די פאַרדינסטפולסטע און װירדיקסטע פאַרשטײער פון פּיאָנערן־דור פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג.

פּ. קורסקי.

פּאַנעווענעזש

די קינדער־יאָרן

איך געדענק זייער ווייניק מיינע פריע קינדער־יאָרן. אַ גערדיכטער נעפּל פאַרדעקט די ערשטע איבערלעבונגען. דער זכרון דערגרייכט נישט די פאַקטן און געשעענישן אין מיין לעבן פון יענער ווייטער צייט. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך: צופיל יאָרן זיינען פאַרפלאָסן, צו אָפט און צו שאַרף האָבן זיך אין די שפּעטער־דיקע יאָרן געביטן די אומשטענדן פון מיין לעבן. אָן עפּיזאָד דאָ, אָן עפּיזאָד דאָרטן, דאָס איז אַלץ — וועגן וואָס מיינע קינדער יאָרן האָבן איבערגעלאָזט אַ שפּור אין מיין געדעכעניש.

איך האָב געמוזט זיין אַרום 4 יאָר אַלט, ווען מיין פאָטער האָט זיך גענומען מיך לערנען שרייבן און לייענען אידיש און רוסיש. אַזוי ווי איך בין געווען אַ געדולדיקער און פלייסיקער תלמיד, און ער — אַ געדולדיקער לערער, האָט נישט גענומען קיין סך צייט, ווי איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען און צו שרייבן. אמת, אידיש האָב איך שפּעטער כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן, אָבער, פונדעסטוועגן, אין 15־16 יאָר אַרום, ווען די באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער טע־טיקייט צווישן אידישע אַרבעטער האָבן געפאָדערט צו באַנוצן זיך מיט אידיש פאַר צילן פון פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע, — האָבן די קענטעניש פון די קינדער־יאָרן מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפן.

ווי אַלט אומגעפער בין איך געווען, ווען דער פאָטער האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן אין אַ חדר, ווייס איך נישט. דער ערשטער רבי מיינער האָט נישט אויסגעזען, אַזוי ווי עס ווערט געוויינלעך גע־שילדערט אַ מלמד — ער איז געווען אַ מיטל־יאָריקער מענטש, אַ שטילער, ריין אָנגעטאָן, מיט אָנגענעמע מאַניערן. און דאָך איז מיין האַרץ נישט געלעגן צום חדר, און איך פלעג זוכן די געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען פון לערנען. ענדלעך בין איך געפאַלן אויף אַזאַ

דזשאַן מילל

המצאה: יעדן טאָג פלעג איך, ווי געוויינלעך, פאַרלאָזן אונזער הויז, און מיטנעמען דערביי וואָס צו עסן, אָבער אַנשטאָט צו גיין אין חדר, פלעג איך די גאַנצע צייט פאַרברענגען מיט אַנדערע אינגלעך אויף דער לאָנקע לעבן טייך. דער געהיימער סטרייק האָט געדויערט אַ 3־4 טעג, און ער האָט געהאַט אַ טרויעריקן סוף. דער פאָטער האָט זיך דערוואוסט וועגן מיינע קונצשטיק. נישט אַרויסווייזנדיק קיין צייכן, אַז ער וויס וועגן זיי, זאָגט ער צו מיר: „גיי אין בעט און טו זיך אויס. דער שניידער וועט גלייך קומען אָנמעסטן דיין נייעם בגדל”. מיט גרויס פרייד האָב איך תיכף זיך אויסגעטאָן, און אַנשטאָט דעם בגד, האָב איך געקראָגן עטלעכע שמיץ . . . דאָס אײנציקע מאָל, וואָס איך בין ווען־עס־איז געווען באַשטראָפט פון מיינע עלטערן. די שטראָף איז מיר געשטאַנען, ווי אַ ביין אין האַלדז, און איך האָב באַשלאָסן צו נעמען „נקמה”. ביי אונז אויפן הויף איז געווען אַ טיפער ברונעם, האָב איך לעבן ברונעם איבער־געלאָזט מיין היטל און רעקל, און אַליין זיך באַהאַלטן אויפןביידעם פון הויז. באַלד זיינען דערגאַנגען צו מיר נערוועזע, אויפגערעגטע קולות. ווען מען האָט געפונען מיינע זאַכן, האָבן אַלע געטראַכט, אַז איך האָב זיך דערטרונקען. אַ לייטער איז גלייך אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ברונעם. דאָ האָב איך זיך באַוויזן פון דער באַהעלטעניש. מיין מוטער האָט געוויינט. דער פאָטער, וואָס איז שוין געשטאַנען אויפן לייטער, האָט אַ קוק געטאָן אין מיין ריכטונג און איז אַריין אין הויז, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. ער איז געווען ווייס ווי קאַלך, זיינע הענט האָבן געציטערט. ווי איך האָב געליטן פון מיין געמיינעם אַקט! באַהאַלטענערהייט, אין אַ שטיל ווינקל, האָב איך אָפּגעוויינט דעם גאַנצן טאָג.

מיין צווייטער רבי איז געווען אַ נישט־ריינער, דיקער און כיט־רער איד און ער איז מיר געווען אומאָנגענעם. צום גליק, בין איך געגאַנגען צו אים נישט לאַנג. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַן אומרואיקע, אַוואַנטוריסטישע נאַטור, האָט זיך אים פאַרוואָלט וואַנ־דערן אַלס אַ מגיד אָדער מלמד פון איין ישובניק צו אַ צווייטן, פון שטעטל צו שטעטל. און כאָטש ער האָט געהאַט אַ פרוי און אַ יונגע טאָכטער, פלעגט ער אין יעדן שטעטל ווידער „חתונה” האָבן און

פאָטער און מוטער פון דזשאַן מילל



דזשאַן מילל
(אין די יונגע יאָרן)

פיאָנערן און בויער

איבערלאָזן אַ „ווייב" מיט אַ צוקונפטיקן יורש אָדער יורשטע. אַזוי האָט מען דערציילט אין שטאָט. געענדיקט האָט ער זיין קאַריערע אַלס אַ שכור און אַ בעטלער אין ווילנע. דער חדר האָט איבערגע־לאָזן ביי מיר אַן אומאָנגענעם טעם . . .

אַם בעסטן געדענק איך פון מיינע קינדער־יאָרן אַ לאַנגע „לוסט"־רייזע, וואָס איך האָב אונטערגענומען, ווען איך בין געווען אַרום 8 יאָר אַלט. איך האָב געגנוג „אַרומגעהאַטשקעט" אין מיין לעבן, אָבער קיינע פון מיינע רייזעס האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ טיפן איינדרוק. אונזערער אַ שכן מיט זיין פרוי, וועלכע זיינען גע־פאָרן אויף זומער קיין דובעלן, אַ ים־קוראָרט לעבן ריגע, האָבן מיטגענומען מיין עלטערע שוועסטער, אַ שוואַכע, קרענקלעכע מיידל, וואָס האָט זיך געגויטיקט אין ים־בעדער. האָט דאָס מיך פאַרדראָסן: פאַרוואָס עפּעס זי און נישט איך? איך האָב פאַרמאָגט אַפּגע־שפּאָרטע צען קאָפּעקעס און איך האָב אויסגערעכנט, אַז מיט אַזאַ קאַפּיטאַל איז געגנוג אַוועקצולאָזן זיך אין וועג. אַחוץ דעם האָב איך זיך באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט: אַ בייגל אין איין קעשענע, אַן עפּל אין אַ צווייטער. אַוועק צום וואָקזאַל, אַפּגעוואַרט אויפן זעלבן צוג, מיט וועלכן מיין שוועסטער איז אַוועק אַפּגעפאָרן, זיך אַריינ־געגנבעט אין וואַגאָן און אַרונטערגעקראָכן אונטערן לאַנגן באַנק. אַ מחנה אידן זיינען געדיכט געזעסן אויפן באַנק און האָבן מיך פאַר־שטעלט מיט זייערע פיס. אויף יעדער סטאַנציע, ווען דער צוג פלעגט זיך אַפּשטעלן, פלעג איך אויף אַ ווײַלע אַרויסקריכן פון מיין באַ־העלטעניש איינצוזאַטעמען אַביסל פרישע לופט און אויסצוציען די גלידער. אַזוי בין איך בשלום אַפּגעפאָרן דעם גאַנצן וועג פון פאַ־נעוועזש, וואו מיר האָבן געוואוינט, ביז מאַזשייקן, וואו אַ גוטהאַרציקער אידישער פּאַסאַזשיר האָט מיר אַנגעזאָגט, אַז איך דאַרף אַריבערגיין אין אַן אַנדער צוג, ווייל אונזער צוג גייט קיין ליבאַווע און נישט קיין ריגע. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט. דער נייער וואַגאָן איז געווען אַזאַ, וואָס איך האָב פריער קיינמאָל נישט געזען. דער אַריינגאַנג דורך זייט־טירן, נישט פון עק פון וואַגאָן; די בענק קורצע, און עס איז אונטער זיי געווען שווער זיך צו באַהאַלטן. האָט טאַקע דער נייער קאָנדוקטאָר מיך אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן באַנק.

דזשאַן מילל

גלייך ווי דער צוג האָט פאַרלאָזן מאָזשייקי, און ער האָט אָנגעזאָגט די אידן, אַז זיי מוזן קויפן פאַר מיר אַ בילעט, אויב זיי ווילן נישט, אַז ער זאָל מיך אַראָפּזעצן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. דער גוטהאַרציקער איד האָט גלייך זיך געלאָזט קלייבן קליינע מטבעות ביי די אידישע רייזנדיקע — עס זיינען אויך געווען אַ סך לעטן און דייטשן, ביי זיי האָט ער נישט געבעטן — און קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט אַחוץ איינעם — אַ איד מיט אַ גרויסער באָרד און מיט אַ דיקן בויך, אַ סוחר פון פּאָנעוועזש, וועלכן איך האָב אין שטאָט ביי אונז אָפט געזען. ער האָט אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז איך טראָג נישט קיין ציצית, און „פאַר אַ שייגעץ האָב איך נישט קיין נדבות". מיטן געקויפטן בילעט בין איך שוין ווייטער געפאָרן ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

אין ריגע זיינען מיר אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט. מיין פּראָטעקטאָר האָט מיך מיטגענומען אין אַן אכסניה אויף מיטאַווער פאָרשטאָט, געקראָגן פאַר מיר אַ שטיק חלה מיט אַ גלאָז מילך און אוועקגעלייגט שלאָפן. אַ פאַרמאַטערטער, אַן אומעטיקער, אין טיפער חרטה צוליב דער גאַנצער אַוואַנטיורע, בין איך גלייך איינגעשלאָפן ווי אַ טויטער. אויף מאָרגן האָט מיך דערזעלבער איד אָפּגעשיקט אויף אַ פראַכט־שיף קיין דובעלן, באַצאָלנדיק די 10 קאָפּיקעס, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. אין שרעק און מאַטערניש — אין שרעק, ווייל דובעלן האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכטער, שוואַרצער וואַלד — האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט אַ לאַנגע צייט אַ הונגעריקער, אַ דורשטיקער, אַ טויט־מידער ביז איך האָב מיט דער הילף פון אַ דינסט־מיידל ענדלעך געפונען מיין שוועסטער.

קיין געווינשטער, אַנגענומענער גאַסט בין איך נישט געווען. אַ טעלעגראַמע איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן צו די עלטערן; זיי האָבן מער ווי אַ מעת לעת דורכגעלעבט אין גרויסע יסורים, נישט וויסנדיק, וואו איך בין אַהינגעקומען. אַזוי ווי מען האָט געוואָלט וואָס גיכער פטור ווערן פון מיר, האָט מען אויסגעזוכט אַ פּאָנעוועזשער, וואָס איז אויף מאָרגן געפאָרן אַהיים, און ער האָט איינגעוויליקט מיך מיטצונעמען. מיין צוריקפאָרן איז נישט געווען אַ טריאומף־רייזע. נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט זיכער זיך נישט

פיאָנערן און בויער

געפילט ערגער פון מיר, ווען די רוסן האָבן אים און זיין אַרמיי פאַרטריבן פון רוסלאַנד.

ווען איך האָב זיך באַוויזן אין טיר פון אונזער הויז, האָט מיין פאָטער געזאָגט:

— וואָס עס קומט דיר, וועסטו קריגן, אָבער אַן אַנדערש מאָל, נישט היינט.

איך בין אָפּגעקומען בלויז מיטן סטראַשונעק.

קיין גרויסן נחת האָבן די עלטערן פון מיר אין מיינע קינדער־יאָרן נישט געהאַט.

ד ז ש אָ ן מ י ל ל

דאָס עפּענען אַ רעאַל־שולע אין פּאַנעוועזש

עס האָט זיך געקאָכט און געטומלט אין דער קליינער ליטווישער קרייז־שטאָט, פּאַנעוועזש, ווען די רוסישע רעגירונג האָט, אין יאָר 1882, געעפנט דאָרטן אַ רעאַל־שולע. נישט נאָר די פּאָר צענדליק אינטעליגענטערע משפחות פון שטאָט — אידישע און קריסטלעכע — זיינען געווען באַגייסטערט, וואָס זייערע חלומות און האָפענונגען זיינען ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן, נאָר כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע צופרידנקייט מיט דער געשעעניש. די גראָע, אומעטיקע, פאַרשלאָפענע שטאָט האָט פּשוט אָפּגעלעבט. אַלע, גרויס און קליין, זיינען געווען אָנגעפילט מיט פאַנטאַסטישע דערוואַרטונגען, און מער פון אַלעמען האָבן זיך געפילט גליקלעך יענע יונגע אידישע בחורים, וואָס האָבן געזוכט בילדונג און גע־טראַכט אַריינצוטרעטן אין דער דאָזיקער שולע. אויף אַן אמת קינ־דערשן, נאַאיוון אופן האָבן זיי זיך געמאָלט וואונדערבאַרע פּער־ספּעקטיוון, אַ ליכטיקע צוקונפט, העכערע בילדונג, אַ רעספּעק־טירטע פּראָפעסיע, אַ לעבן אין אַ בעסערער, שענערער און דערהויבט, אין אַ רייכערער וועלט.

ווי אַנטוישט האָט די גרעסטע צאָל פון זיי זיך שפּעטער גע־פילט אין זייערע פּלענער, וויפיל יונגע הייסע טרערן זיינען פאַר־גאָסן געוואָרן, ווי שמערצלעך האָבן זיי אויפגענומען די אומגע־רעכטיקייט און גרויזאַמקייט פון די צאַרישע פאַראָרדנונגען! ווייל די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידישע שילער — כאָטש ניט אָפיציעל — איז שוין דעמאָלט געווען אין פולער קראַפט. מער נישט ווי צוויי־דריי אידישע אינגלעך האָבן געהאַט אַ שאַנס אָנגענומען צו ווערן אין יעדן קלאַס. די צאָל בעלנים אָבער איז געווען זייער גרויס. נאָר די פעאיקסטע, די באַגאַבטסטע און די בעסט־צוגע־

פיאָנערן און בויער

פּאַסטעּ האָבן אין בעסטן פאַל בלויז געקאָנט האָפן, אַז די טירן פון דער שולע וועלן זיך אפשר עפענען פאַר זיי — האָט מען מיט היץ, מיט פיבער זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס.

אין יענער צייט בין איך געווען אַ שילער פון דער אָרטיקער אידישער רעגירונג־שולע („קאַזיאָנאַיע יעווריסקאַיע נאַטשאַלנאַיע אוטשילישטשע"). ווען איר פּאַרוואַלטער (זאַוועדויושטשי") האָט זיך דערוואוסט, אַז איך וויל פּרובירן אַריינצוטרעטן אין דער רעאַל־שולע, האָט ער זיך פשוט אויסגעלאַכט פון מיינע „פּוסטע פאַנטאַזיעס". אוממעגלעך, האָט ער געזאָגט צו מיין פאָטער, צו פיל בעלנים, צו גרויס די קאָנקורענץ, איך וועל די עקזאַמענעס נישט אויס־האַלטן. אָנשטאָט זיך צוצוהערן צו זיינע נביאות, האָט מיין פאָטער גלייך געדונגען אַ „לערער", וואָס זאָל מיר אַרויסהעלפן זיך גרייטן צו די עקזאַמענעס — אַ בחור אַביסל עלטער פון מיר, וואָס האָט אויך געהאַט בדעה צו פּרובירן זיין גליק, צו האַלטן די עקזאַמענעס. די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויסהאַלטן און מיין „לערער" זאָל דורכפאַלן — נישט ווייל ער האָט נישט געהאַט די נויטיקע קענטענישן, נאָר מסתמא דערפאַר, וואָס עטוואָס אין אים — זיינע אויגן, אָדער זיין נאָז, אָדער זיינע האָר — זיינען נישט געפעלן געוואָרן די עקזאַמינאַטאָרן . . .

אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר. נייע מענטשן, אַ נייע סביבה, נייע אינטערעסן, נייע קינדערשע זאָרג און פרייד. זיי־געזונט, קליינע חברה, מיט וועלכער איך האָב אַזוי ליב געהאַט זיך צו שפּילן און צו שטיפן אין גאַס, צו לויפן אין זומער־צייט צום טייך און זיך פּלוסקענען גאַנצענע טעג אין וואַסער, אָדער פאַרברענגען שעהן־לאַנג אויף דער גרויסער גרינער לאָנקע אויף די מי־ליטערישע פּאַראַדן; אַ זיי־געזונט צו מיינע שול־חברים פון דער אידישער „קאַזיאָננאַיע אוטשילישטשע", וואָס זיינען אַזוי מקנא מיין „מזל"; און אויך אַ זיי־געזונט צום חדר, וועלכן איך האָב באַזוכט נאָר עטלעכע חדשים און וואו איך האָב זיך גאָרנישט נישט אויס־געלערנט נישט העברעאיש, נישט דאַווענען, נישט די איינפאַכסטע דינים פון דער אידישער רעליגיע. אַזוי איז עס שוין געבליבן, אַז אפילו דעם חומש, דאַכט זיך מיר, האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

נישט דורכגעלייענט, און אויב איך האָב זיך ווען־עס־איז אַביסל דער־
וואוסט וועגן דער ווייטער־ווייטער, אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט פון
אידישן פאָלק, איז דאָס געווען נישט פון חדר, נאָר אַ דאַנק מיינע
צופעליקע געשפּרעכן מיט מיין אַלטן זיידן אָדער פון די רעליגיע־שעהן
„זאַקאָן באָזשי", וואָס מען האָט איין מאָל אַ וואָך געגעבן אין דער
רעאַל־שולע.

די רוסיפיצירונג־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגי־רונג. איר מפּלה ביי די ליטווינער און פּאָליאַקן, דערפּאָלג ביי אידן

די צאַרישע רעגירונג האָט נאַטירלעך געעפנט די רעאַל־שולע נישט כדי צו באַזאָרגן די עטלעכע פּוילישע און אידישע יונגעלייט מיט בילדונג און צוקונפטיקע קאַריערעס. דאָס וואָלט גאָרנישט געלעגן אין איר נאַטור, דאָס וואָלט זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין איר אַנטי־פּוילישער און אַנטי־אידישער פּאָליטיק. איר הויפּט־ציל איז געווען צו באַשאַפן אַ צענטער פון רוסיפיקאַציע, אין דער ערשטער ליניע פאַר דער אָרטיקער דאָמינירנדיקער באַפעלקערונג — די „זשמודזשאַנעס״ (ליטווינער) — און קעגנווירקן דעם אַנטי־רוסישן איינפלוס פון דער פּוילישער קולטור און פון דער קאַטוילישער קירך. דעם זעלבן ציל האָט אויך געדאַרפט דינען אַן אַנדערע אינסטיטוציע אין פּאָנעוועזש, אַ לערער־סעמינאַר, וואו די ליטווישע שפּראַך איז געווען איינע פון די הויפּט־שטודיר־קעגנשטאַנדן און וואו אַ הונדערט סעמינאַריסטן — אַלע רוסן — זיינען צוגעגרייט געוואָרן אויף צו פאַרנעמען שטעלעס פון לערער אין ספּעציעלע עלעמענטאַר־שולן אין ליטווישע דערפער.

קיין צופיל נחת פון איר רוסיפיצירונג־פּאָליטיק האָט די צאַרישע רעגירונג נישט געהאַט. קיין רוסן־פריינט האָט זי פון די ליטווינער נישט געמאַכט. דער פּוילישער איינפלוס און די השפּעה פון דער קאַטוילישער קירך זיינען נישט פאַרשוואונדן, זיי האָבן זיך אַפילו נישט פאַרקלענערט. די פּוילישע קולטור האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן איר צוציאונגס־כוח ביי די ליטווינער שפּעטער, ווען עס איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע ליטווישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג. אַלע באַמיאונגען פון דער רוסישער רעגירונג צו געווינען די

דזשאַן מילל

ליטווינער אויף איר זייט האָבן זיך געענדיקט מיט אַ מיאוסן דורכפאַל. אַ געוויסע צייט האָט זי אַרויסגעגעבן אַ בלעטל און אַפילו ספרים, ווי קאַטוילישע סידורים, דעם אַלטן און נייעם טעס־טאַמענט און אַנדערע רעליגיעזע ביכער אין דער ליטווישער שפּראַך, אָבער געדרוקט מיט רוסישע און נישט מיט לאַטייניש‏ע אותיות. אַזאַ נאַרישער איינפאַל האָט, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן, געגעבן פאַרקערטע רעזולטאַטן. קיין ליטווינער האָט דאָס נישט גענומען אין האַנט. די ליטווינער פלעגן אַריינשמוגלען פון פּרייסן — פון טילזיט און מעמעל — גאַנצע טראַנספּאָרטן פון אַזאַ מין „ליטעראַטור", אָבער געדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות.

די פּאַנעוועזשער רעאַל־שולע און די גימנאַזיע אין שאַוועל (אין אַנדער קרייז־שטאָט אין קאָוונער גובערניע) האָבן אומדירעקט, קעגן דעם ווילן און פּלענער פון זייערע אָנפירער, אויסגעפירט אַן אויפגאַבע, וועלכע זיי האָבן אַליין אָם ווייניקסטן דערוואַרט: זיי האָבן געהאָלפן, אַז עס זאָל אַנטשטיין און וואַקסן אַ ליטווישע נאַציאָ־נאַליסטישע באַוועגונג. די ליטווישע תלמידים, קינדער פון פאַר־מעגלעכע פּויערים, האָבן שפּעטער געשאַפן די קאַדרען פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון ליטווישן נאַציאָ־נאַליזם. ביסלעכווייז האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסצובילדן אַ ליטווישער מיטלקלאַס, וועלכער האָט סיסטעמאַטיש, איינגעשפּאַרט, מיט גרויס דערפאָלג אַרויסגעשטופּט די אידן פון זייערע פּאָזיציעס: אין אינדוסטריע, אין האַנדל, אין פרייע פּראָפעסיעס.

די רוסיפיצירונגס־פּרוואון האָבן נאָך אַ סך אַ קלענערן דערפאָלג געהאַט צווישן די ליטווישע פּאָליאַקן. כאָטש זיי זיינען אין צאָל געווען קלענער ווי די ליטווינער, האָבן זיי מיט אַ פאַרהעלטנישמע־סיק גרעסערער עקשנות זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אומגעהויערן דרוק און זיך פאַרטיידיקט קעגן אַלע פאַרפאָלגונגען און שיקאַנעס. מיט דער הילף פון די שרעקלעכע אַנטי־פּוילישע געזעצן פון מוראַוויאָוו־דעם־תליון און פון די שפּעטערדיע משוגענע פאַר־אָרדנונגען פון די ווילנער סאַטראַפּן, וועלכע האָבן פאַרבאָטן צו געברויכן די פּוילישן שפּראַך אין עפנטלעכע פּלעצער, איז נישט געלונגען צו דערשטיקן די שנאה צו די רוסן און צו אַלץ, וואָס

פּיאָנערן און בויער

איז געווען אָדער האָט אויסגעזען רוסיש. אדרבא, אָט די מעטאָדן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די דאָזיקע שנאה. די דערינערונגען וועגן דעם לעצטן פּוילישן אויפשטאַנד (1863), דער קאַמף און העראָאיזם פון זיינע אָנטיילנעמער, דער מאַרטירער־טויט פון זיינע העלדן האָבן אָנגעפילט די הערצער מיט שטימונגען פון ווידערשטאַנד, האַס און נקמה. און זעלבסטפאַרשטענדלעך: דער צענטער פון זייערע גייסטיקע, פּאָליטישע און קולטורעלע אַספּיראַציעס איז געווען נישט סאַנקט־פּעטערבורג, נאָר וואַרשע.

נאָר אין איין טייל פון דער באַפעלקערונג פון ליטע האָט די צאַרישע רעגירונג געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר איר רוסיפיצירונג־פּאָליטיק — ביי אידן, הויפּטזעכלעך ביי זייער אויבערשטער און מיטעלער שיכט. נישט געקוקט אויפן ווילדן אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם, אויף די צאָלרייכע אויסנאַם־געזעצן, אויף די פאַרפאָלגונגען און באַליידיקונגען, וואָס זיי האָבן געמוזט אויסשטיין פון דער קאָרופּטירטער און אומוויסנדיקער רוסישער ביוראָקראַטיע, זיינען געוויסע טיילן פון די ליטווישע אידן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ספערע פון דער רוסישער קולטור, און דערמיט פאַרלייכטערט דעם באָדן פאַר שפרייטן אַנטי־אידישע געפילן צווישן דער אָרטיקער פּוילישער און ליטווישער באַפעלקערונג.

דזשאַן מילל

דאָס ערשטע קרייזל. גייסטיקע „זוכעניש".
פּאַוול בערמאַן

די שול־יאָרן האָבן זיך געצויגן מאָנאָטאָניש, לאַנגווייליק, מסתמא אַזוי ווי אין אַנדערע לער־אַנשטאַלטן פון דעם זעלבן טיפּ. די באַציאונגען צווישן אונז, שילער, און די לערער זיינען געווען — מיט זעלטענע אויסנאַמען — פרעמד, אפילו פיינטלעך. דער גייסט פון ביוראָקראַטיזם און פון קליינלעכע שיקאַנעס האָט געהערשט די גאַנצע צייט, אָן אַן אָפּהאַלט. עס וואָלט אָבער געווען אומגערעכט צו זאָגן, אַז די שולע האָט אונז גאָרנישט אָדער ווייניק־וואָס געגעבן. גאַר פאַרקערט: אין די ראַמען פון אָפיציעלן פּראָגראַם האָבן מיר געקראָגן אַ סך קענטענישן, וועלכע האָבן אונז שפּעטער גע־האָלפן צו אַנטוויקלען אונזערע פעאיקייטן, צו פאַרברייטערן אונזער גייסטיקן האָריזאָנט. וואָס די שולע האָט אונז נישט געגעבן און נישט געקענט געבן איז אַ פאַרשטענדעניש פונם אַרומיקן לעבן, פונם גייסט פון דער עפּאָכע, פון די קולטורעלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אויף אָט דעם געביט האָבן מיר, יענע קליינע גרופּע פון די שילער, וואָס האָט געשטרעבט אָט די אַלע פראַגן זיך קלאָר צו מאַכן, — געדאַרפט פון אָנהייב אָן זיך פאַרלאָזן אויף אונזערע אייגענע כוחות און פעאיקייטן און זוכן אונזער אייגענעם וועג. ביסלעכווייז, כמעט אומבאַמערקטערהייט, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אונזער כאַראַקטער און עס האָבן זיך פאָרמירט אונזערע געדאַנקען. אונזערע באַציאונגען צו דער אַרומי־קער וועלט האָבן זיך אָנגענומען אַנצייכענען. די וויכטיקע דער־שיינונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אונזערע הערצער. פון אָנהייב אַ סך געבלאָנדזשעט — קיינער נישט געווען אַרום, וואָס זאָל געבן אַן עצה, וואָס זאָל אויסטייטשן, וואָס זאָל פירן. אפילו נישט געוואוסט וואָס צו לייענען. די ערשטע ערנסטע ביכער, וואָס האָבן צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט —

פיאָנערן און בויער

און איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שילער פון דריטן קלאַס — זיינען געווען די ווערק פון דזשאָן סטואַרט מילל. דעם אמת זאָגנדיק, האָט מיך אינטריגירט נישט אַזוי דער אינהאַלט פון די ביכער, ווי דער נאָמען פון זייער מחבר. האָב איך מיר פאַרשאַפט זיין „לאָגיק" און די „עמאַנסיפּאַציע פון פרויען" — און איך האָב קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען! האָב איך געפּרואווט לייענען זיין „אויטאָ־ביאָגראַפיע" — עס איז געווען גרינגער, פאַרשטענדלעכער, און מער פון אַלץ איז מיר זייער געפעלן געווען און עס האָט מיך טיף גערירט זיין איבערגעבנקייט, ליבע און צאַרטע באַציאונג צו זיין פרוי, וואָס איז אפילו נאָך איר טויט געווען זיין אינספּיראַציע. זיין „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" האָב איך דורכגעשטודירט אַ פּאָר יאָר שפּעטער און בין ניט ערוב, אַז איך האָב זיך דעמאָלט פאַנאַנדערגעקליבן אין אַלע פאַלשע קאָנצעפּציעס פון אַ ליבעראַל־בורזשואַזן עקאָנאָמיסט. מסתמא נישט. ווייל דער פאַקט, וואָס אין דער זעלבער צייט בין איך געווען באַגייסטערט, בוכשטעבלעך באַגייסטערט, מיטן בוך פון דעם ענגלענדער סמיילס — אַ בוך, וואָס איך האָב כמעט אויס־געלערנט אויף אויסנווייניק און וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ טיפּישן קליין־בירגערלעכן סענטימענטאַלן קאַטעכיזיס פון מאָראַל, עטיק, פליכט, — באַווייזט אָם בעסטן, אַז פון מאַרקסיזם בין איך נאָך געווען זייער־זייער ווייט . . .

קרובֿהשע נשמות געפינען זיך אויס זייער גרינג. אַ קליינע צאָל פון די שילער האָט זיך דערנעענטערט צווישן זיך און געפונען אַ געמיינזאַמען לשון און אַ געמיינזאַמען באָדן פאַר זייער פּריינט־שאַפט און פאַר זייערע צוקונפטיקע באַציאונגען. געלייענט צוזאַמען, דיסקוטירט, פאַנטאַזירט, געפּלאַנעוועט. איינער פון דער גרופּע איז געווען פּאַוול בערמאַן, דער שפּעטערדיקער בונדיסטישער פירער פון די אידישע אַרבעטער אין מינסק.

געווען איז ער אין פּאָנעוועזש אַ פרעמדער, אַ ניי־אָנגעקומענער. ער איז געקומען מיט זיין שוועסטער און עלטערן ברודער און זיך באַזעצט ביי זייער באָבען, אַן אַלטיטשקע, פריינטלעכע און אידעלע פרוי. זיי זיינען אַריבערגעפאָרן פון אַן אַנדער שטאָט, אָדער ריכטיקער — פון אַ הויף, וועלכן זייער פאָטער האָט אַרענדירט.

דזשאָן מילל

די פאַמיליע איז פריער געווען זייער רייך, געהערט צו דער אַסימילירטער אידישער אַריסטאָקראַטיע, אָבער אַ טראַגעדיע האָט פּאַסירט אין זייער משפּחה אַ טראַגעדיע, אין וועלכער דער פאָטער איז געווען פאַרמישט, וואָס האָט אים ערנסט קאָמפּראָמעטירט, און די עצם געשיכטע איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שלייער פון געהיימניס. קיין מאָל האָב איך נישט געהערט אויסריידן אַן איין־איינ־ציק וואָרט אין צוזאַמענהאַנג מיט יענעם סוד. שטאָלצע מענטשן, פלעגן זיי זיך נישט אַריינלאָזן אין אינטימע געשפּרעכן מיט זייערע פריינט אָדער באַקאַנטע און נישט עפענען זייערע הערצער צו באַפרי־דיקן אימיצינס נייגיר. איך פערזענלעך האָב אַזאַ נייגיר קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן. טראָץ דעם, וואָס איך האָב מיט בערמאַנען זיך זייער באַפריינדעט און מיר האָבן געלעבט צוזאַמען אַ לענגערע צייט אין איין צימער, פריער אין פּאַנעווועזש, דערנאָך אין ווילנע, ווייס איך נישט עד היום אין וואָס יענע מיסטעריעזע טראַגעדיע איז באַשטאַנען.

אונזער גאַנצע פאַמיליע עמיגרירט. איך פאַרבלייב אין אייראָפּע

איך געדענק שוין נישט גענוי וואָס עס זיינען געווען די מאָטיוון, צוליב וועלכע פּאָול בערמאַן האָט פאַרלאָזן די גאַסט־פריינטלעכע הויז פון זיין סימפּאַטישער באָבען. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אים מיאוס געוואָרן צו לעבן אויף איר קעסט און ער האָט באַשלאָסן זיך צו שטעלן אויף זיינע אייגענע פיס. מיינע אייגענע מאָטיוון זיינען געווען כמעט די זעלביקע, אָבער אַ סך מער קאָמ־פּליצירטע. מיין פאָטער, כאָטש ער האָט באַזעסן אַ גלייכן שכל („קאָמאָן סענס") און געקענט נישקשהדיק אידיש, רוסיש און ליטוויש, איז אין „ביזנעס" געווען אַן אמתער שלימזל. קיין זאַך האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט, די הוצאות זיינען אומגעהויער געוואַקסן און ער פלעגט נישט וויסן, ווי צוזאַמענצוברענגען איין עק מיט אַ צווייטן. אייביק אויף צרות, פאַרזאָרגט, פאַרחושכט, האָט ער זיך געוואָרפן אַהין און אַהער, פון איין אונטערנעמונג צו אַ צווייטער, און כמעט כסדר

געליטן מפּלות. איך, דער עלטסטער זון אין דער משפּחה, כאָטש נאָך זייער יונג, פלעג נישט קענען זיך צוקוקן גלייכגילטיק צו מיין פאָטערס און מוטערס ליידן און זאָרג. אין אַזעלכע אומ־שטענדן האָבן איך זיך אַליין באַטראַכט ווי אַ לאַסט אויף מיין פאָטערס פּלייצעס און מיין הייסטער וואונטש איז געוואָרן צו ווערן פינאַנסיעל אומאָפּהענגיק פון אים, צו זוכן אַ פאַרדינסט, צו גע־פינען „שטונדן". אומדערוואַרטעט האָט זיך דאָס מיר גרינג איינ־געגעבן. אָבער סיי־ווי־סיי, אַפילו אָן אָט די סיבות, האָב איך געמוזט זיך איינאָרדנען זעלבסטשטענדיק. אין זוכעניש נאָך פּרנסה זיינען מיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין ראָסיין (ראָסיעני), וואו זיי האָבן פאַרבראַכט גאַנצע פיר יאָר. צום סוף, האָבן זיי, נאָך אַ סך וואַקלעניש, זיך אַנטשלאָסן צו עמיגרירן — צוערשט קיין דרום־אַפריקע און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער קיין אַמעריקע. זינט יענער צייט בין איך שוין מיין גאַנץ לעבן געבליבן אָפּגעריסן פון מיינע עלטערן און פון מיינע שוועסטער און ברידער. פון דער צאָלרייכער פאַמיליע בין איך געווען דער איין־איינציקער, וואָס האָט ניט מסכּים געווען צו פאַרלאָזן אייראָפּע.

עס זיינען נאָך געווען אַנדערע ערנסטע סיבות פאַרוואָס מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו עמיגרירן פון רוסלאַנד. נאָך עטלעכע יאָר — און מיינע ברידער וואָלטן געדאַרפט גיין אין מיליטער־דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי. דאָס האָט נישט געקענט אַפּעלירן צו זיי, און האָט זיי אַפילו געשראָקן. און איבערהויפּט, וואָס האָט דערוואַרט די קינדער אין דער צוקונפט? וואָס פאַר אַ תּכלית? וואָס פאַר אַ האָפענונגען? אַחוץ דעם האָבן זיך אין יענע יאָרן פאַרשפּרייט פּאָגראָם־שטימונגען און דראָענדיקע אַנצוהערענישן, וועלכע האָבן אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג. איך דערמאָן זיך וועגן אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. עס איז געווען פּריזיוו־צייט און אַ מחנה רעקרוטן האָט זיך פאַרגלוסט צו פּאָגראָמירן אידישע הייזער אין דער געגנט, וואָס מען האָט גערופן „אויפן זאַמד". מיין פאָטער האָט צוגעמאַכט אַלע לאָדנס פון אונזער הויז און מיט אַ האַק אין האַנט זיך אָוועקגעשטעלט אויפן גאַס ביים טיר. ווען די שכורע,

דזשאַן מילל

צעיושעטע פאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך דערנעענטערט און באַ־מערקט מיין פאָטער אין אַ קריגערישער פאָזע, זיינען זיי צעמישט געוואָרן, און נאָר אַ קליינע גרופּע איז צוגעקומען צו אים און אויסגעשריען: „גיב אונז אַ שנאַפּס און מיר וועלן דיך לאָזן צורו״.
און אַזוי איז עס טאַקע געווען. געקראָגן אַ פלאַש בראָנפן און ווייטער זיך אַ לאָז געטאָן צו ברעכן שויבן אין אידישע הייזער און צו ראַבירן אידיש האָב־און־גוטס, אָבער ביי די שכנים, נישט ביי אונז . . .



פּאַוול בערמאַן
(1922—1873)

צמח קאָפּעליזאָן („טימאָפּיי")
(1933—1869)

שילער־גרופּע פון פּאָנעוועזשער רעאַל־שול (יאָר 1888)
זיצן פון רעכטס צו לינקס: דזשאַן מילל און סטולגינסקי. שטייען: עגאָן־
גרעסער, לישעצקי און פּוזינא



דזשאָן מילל
(אין אויסלאַנד 1900)

צעלינא דאָווגיערד
Celina Dowgierd

שילער־גרופּע פון ווילנער רעאַל־שול (יאָר 1889)
זיצן אונטן רעכטס צו לינקס: ראָגאַלסקי, עגאָן־גרעסער, דזשאָן מילל.

צמח קאַפּעלזאָן

ווען אין איין שיינעם טאָג, סוף זומער, בין איך געקומען צוריק פון מיין וואַקאַציע אין ראַסיין, וואו מיינע עלטערן האָבן דעמאָלט געוואוינט, האָב איך געהאַט אַן איבערראַשונג. איך האָב געפונען ביי מיינע זיידע־באָבען אין פּאַנעוועזש אַ יונגנמאַן, וואָס איז אָקאָרשט אָנגעקומען פון ווילנע און וואָס האָט ביי זיי געדונגען אַ פּיטשינקן צימערל פאַר צוויי רובל אַ חודש. טאָג און נאַכט פלעגט ער פלייסיק לערנען, גרייטנדיק זיך צום עקזאַמען צום 5טן קלאַס פון דער רעאַל־שולע. דעם עקזאַמען האָט ער טאַקע אויסגעהאַלטן. אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט געדיכטע לאַנגע וואָנצעס, מיט אַן אויטאָריטעטער באַס־שטימע, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיטליאָריקן מענטשן, און מיר, זיינע שול־חברים, האָבן אין פאַרגלייך מיט אים אויסגעזען ווי אינגלעך. צוליב זיין מאָדנעם אויסזען האָבן מיר אים תיכף געגעבן דעם צונאָמען „פעלד־פעבל״.

דער יונגערמאַן איז געווען צמח קאַפּעלזאָן, וועלכער האָט שפּעטער אָנגענומען דעם פּאַרטיי־נאָמען „טימאָפיי״ און „גרישין״.

וואָס נענטער מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט אים, אַלץ מער האָבן מיר אים ליב געקראָגן. ער איז אינגיכן געוואָרן איינער פון אונז און מיר האָבן זיך געפילט מיט אים חבריש־פריינטלעך און אינטים. אפילו אין ריין־פערזענלעכע ענינים פלעגן מיר זיך נישט קווענקלען צו באַראַטן זיך מיט אים. איז ער טאַקע געוואָרן אַ ליבלינג פון דער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער יוגנט, מען קען זאָגן, אַ צענטראַלע פיגור אין שטאָט. פון אומצאָליקע זיינע חכמה־לעך, מעשהלעך, שפּריכווערטלעך און אַנעקדאָטן האָבן גרויס הנאה געהאַט אַ טוץ מיידלעך, וואָס פלעגן זיך דרייען אַרום אים, ווי בינען אַרום האָניק. אונזער סימפּאַטיע־באַציאונג צו אים האָט זיך נאַטיר־

דזשאָן מילל

לעך אָנטוויקלט גאָר אויף אַן אַנדער באַדן. נאָך אומדערפאַרן, נאַאיוו, פּראָווינציעל, האָבן מיר געזען אין אים אַ מין שליח פון אַן אַנדער, אינטערעסאַנטער, קאָכעדיקער וועלט. ער האָט אונז אימפּאָנירט צוליב זיינע, ווי אונז האָט זיך געדאַכט, וויכטיקע פאַרבינדונגען אין ווילנע, צוליב זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, צוליב זיין קאָנטאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַ דערנעענטערונג צום פאָלק, צו אַרבעטער, צו אָרימע צו פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע. אויף אונז האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק וואָס ער איז געווען, ווי אונז האָט זיך געדאַכט, באַהאַוונט אין אַלע פּראָבלעמען, אין וועלכע מיר זיינען געווען אַזוי ערנסט פאַראינטערעסירט. מיט פיבער פלעגן מיר צוזאַמען לייענען די עטלעכע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן, ווי „וועסט־ניק נאַראָדנאַי וואָלי", „די מעשה וועגן פיר ברידער", ביאָגראַ־פיעס פון רעוואָלוציאָנערע העלדן און נאָך, וואָס ער פלעגט ברענגען פון ווילנע נאָך די זומערדיקע און ווינטערדיקע וואַקאַציעס. זיינע געהיימניספולע דערציילונגען וועגן די רעוואָלוציאָנערן און טעראָ־ריסטן, וועגן די ליכטיקע געשטאַלטן פון די העלדן, וואָס האָבן זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן און האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס אין קאַמף קעגן דער אכזריותדיקער צאַרישער רעגירונג, האָבן געגערט אונזער פאַנטאַזיע און האָבן געווירקט אויף אונז ווי אַ כישוף. אַזעלכע דערציילונגען האָבן אונז היפּנאָטיזירט און געמאַכט פאַר שונאים פון אַלץ, וואָס איז אומגערעכט, שלעכט און פאַרדאָרבן. אַ פּאָר פון אונז האָבן אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן נאָכצוטאָן אַלע הערלאָישע אַקטן פון די אונז אומבאַקאַנטע העלדן, זיך אַרויס־רייסן פון אָפּגעשטאַנענעם, פאַרוואָרפענעם שטעטל, זוכן אין דער גרויסער און ווייטער וועלט אַ ברייטן וועג פאַר אַקטיווקייט און זעלבסט־אָפּפערונג.

ערב דער אַרבעטער־באַוועגונג

וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן מיר פון קאַפּעלזאָנען כמעט גאָרנישט געהערט. אָט די פראַגע פלעגט ער זעלטן באַרירן, כאָטש אין איראָפּע האָבן שוין די אַרבעטער פאַרמאָגט מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס און געפירט גראַנדיעזע האַרטנעקיקע קאַמפן. עס איז קלאָר, אַז קאַפּעלזאָן, איז אין יענער צייט נאָך געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון די רוסישע „פאָלקסטימלער" („נאַראָדניקי") און פון דער טעראָריסטישער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אמת, די רוסישע אינטעליגענץ האָט היציק דיסקוטירט די וואַרשיינלעכע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און די פּראָבלעמען פון טעאָרעטישן מאַרקסיזם, אָבער קיין רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נאָך נישט עקזיסטירט. אין ווילנע האָבן נאָר אַ פּאָר מענטשן געמאַכט די ערשטע שוואַכע און אומזיכערע שריט גייסטיק און קולטורעל צו דערהויבן אַ הייפל אַרבעטער און אַרבעטאָרינס און צוציען זיי צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָבער די לעצטע האָט דעמאָלט, לויט איר פּראָגראַם און טאַקטיק, גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג. צום רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, צום קלאַסן־קאַמף איז נאָך געווען אַ גרויסער מהלך. האָבן מיר טאַקע קיינע קלאָרע דיבורים פון קאַפּעלזאָנען נישט געהערט. עטלעכע מאָל האָט זיך צווישן אונז אַנטוויקלט אַ וויכוח אַרום דער פראַגע, וועלכע עלעמענטן, וואָסערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן זיינען אָם בעסטן צוגעפּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אייניקע האָבן געטענהט: פאַרוואָס עפּעס אַרבעטער? איז דען נישט דער פּראָוווּצוציען זיי אויף אונזער זייט אַן אומזיסטע פאַרשווענדונג פון צייט? צו וואָס גיין צו אומוויסנדיקע אַרבעטער און אָפּגעבן זיי אַזוי פיל מי — איז דען נישט גרינגער און שכלדיקער זיך צו ווענדן צו

דזשאָן מילל

זיי וועלן דאָך גיכער פאַר־מענטשן מיט בילדונג און אינטעליגענץ? זיי זיינען דאָך עמפּינדלעכער שטיין אונזערע שטרעבונגען און צילן; זיי זיינען דאָך עמפּינדלעכער צום דרוק און צו די אומגערעכטיקייטן, וואָס הערשן אַרום און אַרום. די רעוואָלוציאָנערע העלדן, וועגן וועלכע ער, קאַפּעלזאָן, האָט אַזוי פיל דערציילט, האָבן דאָך אַלע, אַחוץ גאָר קליינע אויסנאַמען, גע־שטאַמט פון די רייכע און געבילדעטע קלאַסן — איז דען דאָס נישט אַ זיכערער באַוויז, אַז זיי פאַרשטייען אָן אַ מאָס טיפער און גרינטלעכער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ? . . .

קאַפּעלזאָנס פשרהדיקער ענטפער איז געווען, אַז מען דאַרף אויף אַ גלייכן אופן אַרבעטן צווישן אַלע סאָציאַלע שיכטן און זוכן סימפּאַטיקער און נאָכפאָלגער אומעטום, וואו מען קען זיי גע־פינען. אַזאַ ענטפער האָט אונז דעמאָלט דורכאויס באַפרידיקט. ערשט שפּעטער, שוין אין ווילנע, זיינען מיר „קלוג געוואָרן" וועגן וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם און וועגן דער היסטאָרישער ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

פּאַוול בערמאַן און איך „גייען אין פאָלק"

קאָפּעלזאָן האָט פאַרלאָזן פּאַנעוועזש מיט איין יאָר פריער פאַר מיר, אָבער אונזערע באַציאונגען זיינען נישט אָפּגעהאַקט געוואָרן און, אויב איך געדענק גוט, האָב איך קאָרעספּאָנדירט מיט אים די גאַנצע צייט, ביז וואַנען איך אַליין האָב זיך אויך באַזעצט אין ווילנע. דער פּאַנעוועזשער קרייזל האָט פאָרגעזעצט זיין פּאָליטיש־ און סאָציאַליסטיש־באַפאַרבטע זעלבסטבילדונג און זיך געגרייט צו דער גאָר באַנטער צוקונפט. מען האָט אַ סך געלייענט די האַלב־אומלעגאַלע בעלעטריסטיק, ווי די ראָמאַנען „ספּאַרטאַק", שווייצערס „עממא", שפּילהאַגענס „ווען מען האַקט אַ וואַלד, פאַלן שפּענדלעך", טשער־נישעווסקיס „וואָס טאָן?" און אַנדערע. אָבער קיין אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון ווילנע האָבן מיר מער נישט געזען. פּאַוול בערמאַן און איך האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרואוו צו „גיין אין פאָלק". ווען איך דערמאָן זיך וועגן יענעם עפּיזאָד קען איך זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ האַרציקן שמייכל. בערמאַן האָט עפּעס אויסגעזוכט אַ העמד־נייטאָריך, אַ שיין, יונג מיידל, וועלכע האָט דעם פאָרשלאָג פון דעם שיינעם, יונגן שילער־רעאַליסט צו „לער־נען" מיט איר, אויסגעטייטשט אויף אַן עכט מיידלשן אופן. דער אָרימער פּאַוול איז קוים פּטור געוואָרן פון איר.

מיין ערשטער עקספּערימענט אויפן וועג פון פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אויך געענדיקט צרהדיק. איך האָב צוגעצויגן אַ וייטן אָרימן קרוב, אַ לערן־אינגל ביי אַ באַלמעלאָכע. עס האָט זי אָבער אַרויס־געוויזן, אַז ער איז געווען אַ נאַר און אַ פוילער און פאַרשאַפט האָט ער מיר אַזויפיל עגמת־נפש, אַז איך האָב באַשלאָסן אונטער אויס־געטראַכטע תירוצים וואָס גיכער זיך פון אים צו באַפרייען.

אייגנטלעך, אַזאַ סוף איז געווען גרינג פאָראויסצוזען. אומ־דערפאַרענע יונגעלייט, אַן נויטיקע קענטעניש, — האָבן מיר דאָך

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

נישט געהאַט דעם איינפאַכסטן באַגריף צו וועלכע אַרבעטער זיך צו ווענדן, ווי צוצוקומען צו זיי, וואָס און ווי מיט זיי צו ריידן. און פּאָנעווועזש האָט פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל נישט נאָר האַנטווערקער, נאָר אויך פאַבריק־אַרבעטער. צוויי בערשטער־פאַבריקן, אַ טאַבאַק („מאַכאָרקע") פאַבריק, אַ פּאָר גרויסע דאַמען־קליידער־וואַרשטאַטן, אַ היטל־וואַרשטאַט, צוויי — אמת פּרימיטיווע — גאַרבערייען, צוויי ברויזן — די אַרבעטער פון אָט די אַלע אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען זיינען געווען אַן אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פאַר סאָציאַ־ליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די וואונדערבאַרע רעזולטאַטן פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און סאָציאַליסטישער אַרבעט פון אַגיטאַטאָרס, וועלכע זיינען שפּעטער געקומען קיין פּאָנעווועזש — איינער פון זיי איז געווען אַ בערשטער פון מיין פּראָפּאַגאַנדע־גרופּע אין ווילנע — האָבן דאָס באַשיימפּערלעך באַשטעטיקט. ווען דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט, האָט די פּאָנעווועזשער אָרגאַניזאַציע זיך גערעכנט ווי איינע פון די בעסערע פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס. די באַוואָפנטע אַטאַקע פון די אָרטיקע בונדיסטן אויף דער תפיסה מיטן ציל אַרויסצו־ראַטעווען פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט אין יענער צייט געהאַט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג.

די ליטוויש־פּוילישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ.
דר. דאָמאַשעוויטש

פּאַראַלעל מיטן פּראָצעס פון פּאָליטישער און רעוואָלוציאָנערער אויפקלערונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונז, איז אַן ענלעכער פּראָצעס פאָרגעקומען צווישן דער פּוילישער (טיילוויז אויך דער רוסישער) לערנדיקער יוגנט. איך בין געווען אין פּאָנעוועזש דער איינציקער, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו דערנעענטערן צו זיי און מיט איניקע פון זיי זיך צו באַפריינדן אויף יאָרן און יאָרן לאַנג. אין אָט דעם פּרט האָט קאָפּעלזאָנען נישט געגליקט, אפילו נישט אין דער שולע גופא. געוויס איז דאָס נישט געווען זיין שולד. אַ דיקע וואַנט פון אומצוטרוי און טראַדיציאָנעלער אַנטיפּאַטיע איז געשטאַנען צווישן די נאַציאָנאַלע גרופּן פון די שילער. דערהויפּט זיינען געווען אָפּגעזונדערט די ליטווינער, אַפילו פון די פּאָליאַקן, מיט וועמען זיי האָבן דאָך געהאַט עטוואָס געמיינזאַמעס: די קאַטוילישע רעליגיע. פאַר די 7 יאָר, וואָס איך האָב שטודירט אין דער רעאַל־שולע, האָב איך זיך נישט געחברט מיט קיין איינציקן ליטווינער. דער אומשטאַנד, וואָס די שילער האָבן געשטאַמט פון שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען סאָציאַל, שפּראַכלעך און קולטורעל געשטאַנען זייער וויט איינע פון די אַנדערע, האָט זיכער אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף די באַציאונגען און געשטערט נישט נאָר אין ענגען צוזאַמענלעבן צווישן זיי, נאָר אַפילו זיך צו דערנעענטערן. פאַרוואָס איך בין געווען אַן אויסנאַם, איז מיר שווער צו זאָגן. אפשר דערפאַר, וואָס מיינע פריע קינדער־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט מער צווישן קריסטלעכע קינדער איידער צווישן אידישע, וויל מיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין אַ קריסטלעכער געגנט; אפשר וויל איך בין געווען אַן אייגענער, אַן אָרטיקער און נישט קיין פרעמדער, פון אַן אַנדער שטאָט; און אפשר דערפאַר, וואָס זיי, פון

דזשאַן מיל

דער ראַדיקאַלער פּוילישער אינטעליגענץ, האָבן געשפּירט, אַז איך האָב געהאַט אַביסל מער פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

די איינפלוסרייכסטע און פּראָמינענטסטע פיגור צווישן דער ליט־וויש־פּוילישער ראַדיקאַלער יוגנט איז געווען דער סטודענט פון מע־דיצין דאָמאַשעוויטש. בעת זיינע רעגלמעסיקע וויזיטן אין צייט פון וואַקאַציע פלעגט ער דורכפירן גוטע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט וואָס האָט אין אַ געוויסן גראַד זיך געקענט פאַרגלייכן מיט קאָפּעלזאָנס אַרבעט אין דער אידישער סביבה. אַ געוויסע צאָל ליטווישע פּאָליאַקן האָט זיך גרופּירט אַרום אים און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט איין טייל פון זיי געבילדעט דעם קערן פון דער ליטווישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי, און אַ צווייטער טייל, דער קלענערער, איז צו־געשטאַנען צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). דאָס זיינען געווען: קאַנטאַווט, אַ סטודענט טעכנאָלאָג, אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין פּאָנעוועזש, צו זיין מוטער; זיין שוועסטער, אַן ערנסטע מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך ווידער געטראָפן אין יאָר 1894, אין ציוריך, וואו זי האָט שטודירט אויף דאָקטאָר און וואו זי האָט געגרינדעט אַ סטודענטישע גרופּע צו לערנען זיך די ליטווישע שפּראַך; אָקוליטש, די טאָכטער פון אַ פּאַראַרעמטן פּריץ. — אין די יאָרן 1895—97 פלעג איך זיך זען מיט איר אין וואַרשע, — געשטאָרבן אין קראָקע; שוואַיניצקאַ, אַן איין־איינציקע טאָכטער פון אַ פּוילישן אַריסטאָקראַט, — אָפּגעזעסן, צו דער גרויסער שאַנד פון איר פּאָטער, עטלעכע חדשים אין דער פּאָנעוועזשער טורמע און באַלד נאָך דער באַפרייאונג געשטאָרבן אויף שווינדזוכט; און נאָך און נאָך.

ווי שוין געזאָגט, איז די צענטראַלע און קאָלירפולסטע פיגור צווישן זיי געווען דאָמאַשעוויטש. ווען ער האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט זיך באַזעצט אין ווילנע און דאָרטן פּראַקטיצירט מע־דיצין, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט אָפּגעגעבן פאַר גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז נישט נאָר געווען דער פּיאָנער פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־ און פּויערים־באַוועגונג, נאָר אויך דער גרינדער פון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישער פּאַרטיי. אמת, צוזאַמען מיט אים האָבן אויף דעם געביט אַ סך בייגעטראָגן מאַראַווסקי („זאַיאַנץ", „קאַטשאַן") און אַ קורצע צייט אויך סטאַניסלאַוו טרוסיעוויטש (זאַלעווסקי) און דזיער־זשינסקי, אָבער זייער השפּעה האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט דאָמאַשעוויטשעס. אונטער זיין פירערשאַפט האָט זיך שוין אין 1892—93 געגרינדעט אַ געוויסע צאָל פּויליש־ליטווישע קרייזלעך און אַרום 1895—96 האָט די באַוועגונג אַריינגעצויגן אַרבעטער פון אַ גאַנצער רייע פאַכן: גאַרבער, שוסטער, אַרבעטער אויף מילן, אויף ציגל־ און פּאַפּיר־פאַבריקן, אויך ערדלאַזע פויערים („פּאַראַבקעס"), וואָס פלעגן שרעקלעך עקספּלואַטירט ווערן אויף די הויפן פון די פּוילישע און דייטשע פּריצים אין ליטע. צאָלרייכע סטרייקן פלעגן אויסברעכן דאָ און דאָרטן. זיי האָבן זיך געפירט זעלבסטשטענדיק אָדער צוזאַמען מיט די אידישע אַרבעטער.

זיין גאַנץ לעבן איז דאָמאַשעוויטש געבליבן טריי זיינע יוגנט־אידעאַלן נישט קוקנדיק אויף די אייביקע פאַרפאָלגונגען און ליידן. צוליב זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון אַ סך טורמעס און זיך אַרומגעוואַלגערט אין פאַרשיקונג־פלעצער. אונטער דעם צאַר אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט אין געפענגעניש, פאַרשיקט אין טורקעסטאַן. אונטער דער פּוילישער הערשאַפט, ווען די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען ווילנע, ווידער אַרעסטירט און געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אין פּאָ־נעוועזש, אין זיין געבורטס־שטאָט, אונטער דער הערשאַפט פון די ליטווישע פאַשיסטן, חזרט זיך איבער די זעלביקע געשיכטע: ווידער אַרעסטירט, ווידער אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. עס האָבן זיך אַפילו אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר פון ליטע האָט געפּלאַנעוועט אים צו דערשיסן. אַזוי האָט אים דער אומברחמנות־דיקער גורל געוואָרפן פון איין פייער אין אַ צווייטן.

זיין לעבן האָט מיך אַלע מאָל העכסט אינטערעסירט. אין ווילנע פלעג איך זיך זען מיט אים אָפט — אַרקאַדי קרעמער און איך פלעגן אים באַזוכן צוליב פאַרשיידענע פּאַרטיי־אָנגעלעגנהייטן. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען קיין וואַרשע, האָבן מיר געהאַט אַ סך וועגן וואָס צו ריידן און וועגן וואָס צו דיסקוטירן. אין 1932, האָב איך,

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

דורכפֿאַרנדיק פּאַנעוועזש, פֿאַרבראַכט אַ פּאָר אַנגענעמע טעג אין זיין געזעלשאַפֿט און אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זיין זון, אַ סטודענט פֿון קאָוונער אוניווערזיטעט. ער האָט שוין אויסגעזען אַלט, אָבער פֿריש און יונג אין גייסט.

אין דער ליטוויש־פּוילישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פֿון פּאָנעוועזש האָב איך געפֿונען נישט נאָר אַן אָנשפּאַר־פּונקט פֿאַר מיינע זוכענישן נאָכן אמת, נישט נאָר נייע אידייען־חברים, נאָר אויך עטוואָס אַזעלכעס, וואָס אַן אַנדער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע גרופּע וואָלט מיר נישט געקענט געבן: אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם באַזונדערן פּויליש גאַנג צו די דעמאָלטדיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען און צילן. אָבער דאָס האָט זיך דייטלעכער אַרויסגעוויזן שפּעטער, אין ווילנע און אין וואַרשע.

ווילנע

פיאָנערן און בויער

דער ערשטער איינדרוק

שטאָלץ, דערהויבן, עקזאַלטירט האָב איך זיך געפילט, ווען איך האָב געענדיקט די פּאָנעוועזשער רעאַל־שולע. מיטן אַטעסטאַט אין קעשענע האָב איך זיך באַטראַכט ווי אַ פריי פויגל. דער וועג איז אָפן. וואָס גיכער זיך אַרויסרייסן פון דער קליין־שטעטלשער סביבה און זיך לאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין. אָבער פריער האָב איך נאָך געוואָלט און געמוזט ענדיקן דעם צוגאָב־קלאַס, דעם זיבעטן, וואָס די פּאָנעוועזשער שולע האָט נישט געהאַט. און עס איז גאָרנישט געווען קיין פראַגע וואָס צו טאָן, וואוהין צו גיין. ווילנע! וואו דען? די גאַנצע איבעריקע וועלט איז געווען פאַר מיר פרעמד, אַ געהיימניס. קיינע פריינט, קיינע קרובים. אומעטום וואָלט איך זיך געפילט אַ פאַראיינזאַמטער און אַ פאַרלאָרענער. אין ווילנע אָבער האָט גע־וואוינט טימאָפיי (קאָפּעלזאָן), מיט זיין הילף וועל איך זיכער קענען גרינג זיך איינאָרדענען, זיך באַקענען מיט נייע מענטשן, געפינען „שטונדן". אַחוץ דעם — ביים אריינטריט אין זיבעטן קלאַס, וועל איך נישט האָבן קיין שוועריקייטן, — אַ לערער פון פּאָנעוועזש האָט מיר מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום דעם אינספּעקטאָר פון דער ווילנער שולע.

אַזוי, אָט דאָס איז ווילנע! די וואונדערבאַרע שטאָט, וועגן וועלכער איך האָב געטרוימט, צו וועלכער איך האָב געשטרעבט מיט יעדן צוק פון מיין האַרצן. האָט אונז דאָך קאָפּעלזאָן געמאָלט ווילנע אין די שענסטע און בונטסטע פאַרבן, באַשריבן מיט ווערטער פון ליבע און ענטוזיאַזם, פאַרגעשטעלט ווי אַ צענטער פון קולטור און אינטעליגענץ. איידער איך בין נאָך געקומען קיין ווילנע, האָב איך שוין געוואוסט וועגן דער שטאָט, אירע מענטשן, איר לעבן. איך האָב נישט געדאַרפט זיך לאַנג אַרומקוקן. כמעט אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. און איך האָב די שטאָט גלייך שטאַרק ליב געקראָגן.

דזשאַן מילל

איך האָב ליב געקראָגן נישט נאָר די ברייטע און שיינע, מאָ־דערנע גאַסן, נאָר אויך די שמאָלע, קרומע און ענגע אידישע געסלעך; די מיסטעריעזע אַלטע שול און דעם שול־הויף, די מיטלאַלטערלעכע קאַטוילישע קאָשטשאָלן מיט זייער אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטור, — די קאָשטשאָלן, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון פּויליש־קייט אויף דעם אויסזען פון דער שטאָט; דעם פּאַרק מיטן מאָדנעם נאָמען „טעליאַטניק״, וואָס האָט אין זומער־צייט געשוויבלט און געגריבלט מיט אידישע יונגעלייט, מיידלעך און בחורים, וועלכע פלעגן שפּאַצירן אַהין און אַהער, לאַכנדיק מיט אַ הויכן, געזונטן און צעפרידענעם געלעכטער, אָדער פלעגן זיצן אויף די לאַנגע בענק און קוקן איינע אויף די אַנדערע מיט פאַרליבטע אויגן; איך האָב ליב געקראָגן דעם בערנאַרדינער גאָרטן — דער פּלאַץ פון אָפטע קאָנצערטן — אַרומגערינגלט מיטן טייך און מיט זאַמדיקע בערגלעך באַוואַקסענע מיט הויכע שטאָלצע סאָסנעס; דעם מאָלערישן שלאָס־באַרג, אינמיטן פון שטאָט, מיט די רואינעס פון אַ טעמפּל אָדער אַ פּאַלאַץ פון אַ ליטווישן קעניג. אָבער צום מערסטן, נאַטירלעך, האָב איך ליב געקראָגן די מענטשן, מיט וועלכע איך בין גלייך גע־קומען אין באַרירונג, די אינטעליגענטן, אַ פּאָר אַמאָליקע רעוואָלוציאָ־נערן, ראַדיקאַלע שילער און דערהויפּט אידישע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס.

דער אידעאָלאָגישער איבערברוך

אין משך פון דעם יאָר זינט קאָפּעלזאָן האָט פאַרלאָזן פּאָנעוועזש זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די שטימונגען און אָריענטאַציעס אין די רייען פון דער ווילנער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. די פראַגן וועגן דער ווייטערדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער ראָל פון די פּויערים און אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר דער פּאָליטישער פרייהייט אן סאָציאַליזם, וועגן כאַראַקטער פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע, וועגן די מעטאָדן פון קאַמף — דאָס אַלץ, מיט אייניקע וואַריאַציעס, זיינען געווען די טעמעס פון אַנאַליז און דיסקוסיעס. די נייעסטע אויסגאַבן פון די פּיאָנערן־טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון דער „גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט“ (פּלעכאַנאָוו, פּ. אַקסעלראָד, וו. זאַסוליטש) האָבן אַריינגעבראַכט אַ חורבן אין די קעפּ פון יענע, וואָס זיינען ביז דאַן נאָך געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר די אַלטע פאָרמולעס, טעאָריעס און טאַקטיק. עס האָבן זיך געעפנט די אויגן ביי אַלעמען, וואָס האָבן געוואָלט לערנען פון דער ווירקלעכקייט. אַן איבערשאַצן פון די פריערדיקע פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע ווערטן איז פאָרגעקומען גיך און ראַדיקאַל, און די אַלטע אידעאָלאָגיעס פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זיינען מעטאָדיש אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער מאַרקסיסטישער טעאָריע. די ווילנער ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט אויפגעהערט צו אידעאַליזירן דעם רוסישן פּויער און גלאָריפיצירן די רוסישע קאָמונאַלע דערפער („אָבשטשינאַ“) און די טעראָריסטישע טאַקטיק. זי זוכט אַ דערנעענטערונג צום אַרבעטער־קלאַס און מאַכט פּרואוון צו אָרגאַניזירן אים און צו פירן אין קאַמף. עס ווערן אָרגאַניזירט עטלעכע פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן צווישן די אידישע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס. די

דזשאַן מילל

זאַקנמאַכערקעס און שניידערקעס גרינדן „קאַסעס" — די פרימי־טיווע פאָרם פון די צוקונפטיקע פראַפעסיאָנעלע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס. דאָ און דאָרטן הויבט מען אָן צו ריידן וועגן דער נויטיקייט פון קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, העכערע שכירות, פאַר סאַניטאַרע אַרבעטס־איינריכטונגען, הומאַניטאַרע באַהאַנדלונג פון לערן־אינגלעך דורך די בעלי־בתים, און אַזוי ווייטער. אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס קען מען טרעפן עלעמענטן, וואָס פאַרשטייען שוין די נויטיקייט און מעגלעכקייט צו פאַרבינדן דעם קאַמף פאַר וויכטיקע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס מיטן פאָליטישן קאַמף. פאַמעלעך, אָבער זיכער, באַווייזן זיך די ערשטע שפּראָצונגען פון דער צוקונפטיקער גלאָררייכער סאָציאַליס־טישער ווילנע...

דער גורל האָט מיך גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין ווילנע אַריינ־געצויגן אין אָט דעם ווירוואַר, אין קרייז פון גייסטיקער זוכעניש, פּאָליטישער רעאָריענטירונג און פּראַקטישער אָנווענדונג פון ניי־אָנערקענטע טעאָריעס און פּרינציפּן. פאַר אַן אומדערפאַרענעם פּראָ־ווינציאַל, וואָס איך בין געווען, איז דאָס שוין געווען אַביסל איבער דער מאָס. איך האָב זיך נישט פאַרלוירן, ניין, אָבער, איך האָב זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אומרואיקייט. עפּעס אַן אינערלעכע קראַפט האָט מיך געטריבן זיך צו איילן, אַזוי ווי דאָס אַרומיק לעבן וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון מיר. איך האָב זיך טאַקע געאיילט צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר, אַריינדרינגען אומע־טום דאָרטן, וואו מען קען געפינען פאַרשטענדעניש און אַ מעגלעכ־קייט אויסצוברייטערן דעם אינטערעסן־קרייז. איך האָב זיך געאיילט וואָס שנעלער זיך איינצולעבן אין דער אָרטיקער סביבה. עס איז פּשוט זיך צו וואונדערן, ווי גיך איך האָב זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און צו דעם נייעם אַרום, און ווי דערפאַלגרייך עס זיינען געווען מיינע ערשטע שריט אין דער ריכטונג פון באַשיידענער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער קרייז פון דער שטודירנדיקער יוגנט

באַלד נאָכדעם, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לעקציעס אין דער ווילנער רעאַל־שולע, האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ געהיימען קרייז פון דער שטודירנדיקער יוגנט. פאַרגעקומען איז דאָס ביי באַזונדערע אומשטענדן. דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט אונז פאַרגעבן צו שרייבן אויף דער טעמע: „באַרימטע מענטשן אין ליטעראַטור און וויסנשאַפט". אַזוי ווי ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ליבעראַל צווישן אַלע זיינע חברים־פּעדאַגאָגן, האָב איך נישט מורא געהאַט אין מיין אַרבעט אָנצורופן פּיסאַרעוו, דאָבראָלובאָוו, דאַרווין, ספּענסער (וועגן ספּענסערס פילאָזאָפיע האָב איך זייער וויניק געוואוסט און איך האָב אים דערמאָנט נאָר מיט אַ פּאָר ווערטער) און נאָך אַנדערע — אַלץ נעמען, וועלכע זיינען אין די אויגן פון דער רוסישער שוואַרצער, רעאַקציאָנערער ביוראָקראַטיע געווען טריף. גאָר אומדערוואַרטעט האָט די ווילנער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון פאָלקס־בילדונג צוגעשיקט אַ רעוויזיע־אינספּעקטאָר — דאָס איז דאָך געווען די צייט פון דער פינצטערער רעאַקציע אין רוסלאַנד. ער האָט צוגענומען פון אונז אונזערע העפטן, און צו מיין אומגליק, איבערגעלייענט דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן וועגן די „באַרימטע מענטשן". עס איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. מען האָט מיך גלייך אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע (אָפיס) פון דער שולע און אָנגעהויבן אויסצופאָרשן און מאַטערן מיט פראַגעס: וואו האָב איך גענומען יענע ביכער, ווען האָב איך זיי געלייענט, צי האָב איך די ביכער געגעבן לייענען מיינע שולחברים, און אויב יאָ, וועמען. אפילו דער לערער האָט געמוזט אויסהערן ביטערע פאַרוואורפן, פאַרוואָס ער האָט מיך נישט באַשטראָפט ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן מיינע אפּיקורסישע געדאַנקען, נאָר, פאַרקערט, אפילו באַלוינט מיט אַ גוטן צייכן. איך

דזשאַן מילל

האָב זיך פאַרענטפערט מיטן תירוץ, אַז איך האָב געלייענט די ביכער, ווען איך בין נישט געווען קיין שילער — אין דער צייט צווישן פאַר־נעווזש און ווילנע. פונדעסטוועגן איז עס געבליבן אַ סוד פאַר מיר פאַרוואָס מען האָט מיך נישט אויסגעשלאָסן פון דער שולע. ביי די דע־מאָלטדיקע באַדינגונגען וואָלט אַזאַ שטראָף דערשינען גאַנץ נאַטירלעך. גאָר אַן ערנסטע פאָלגן איז די מעשה נישט פאַרביי: ווען איך האָב געענדיקט דעם זיבעטן קלאַס און אָוועקגעשיקט מיינע פאַפּירן אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין פעטערבורג, האָט מען מיר זיי גלייך צוריקגעשיקט אָן אַ וועלכער נישט איז דערקלערונג. דער זעלבער רעזולטאַט איז געווען, ווען איך האָב אָוועקגעשיקט די פאַפּירן אין ריגער פאָליטעכניקום. דער וועג צו העכערער בילדונג און אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע אין רוסלאַנד איז אויף אַזאַ אופן פאַר מיר געוואָרן פאַרצאַמט.

דער רושם אין קלאַס איז געווען אַן אומגעהויערער, נישט צו באַשרייבן. די פּאַסירונג איז געלעגן אויף די צינגער פון אַלע קלאַס־חברים, און אַ סך פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסן רעספּעקט צו מיר און באַוואונדערונג פאַר מיין „העלדישקייט".

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען צו מיר צוגעקומען צוויי שילער און איינפאַך, אָן צערעמאָניעס, דערקלערט, אַז זיי וואָלטן וועלן מיט מיר זיך דורכריידן. זיי האָבן כלומרשט געהערט וועגן מיר פון מיי־נעם אַ פריינט — עגאָן־גרעסער איז זיין נאָמען — וועלכער איז אויך געקומען פון פאָנעוועזש צו ענדיקן דעם זיבעטן קלאַס. זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו איינעם פון זיי, צו ראַגאַלסקין, וואו איך וועל זיך טרעפן מיט נאָך עטלעכע מענטשן און וואו מיר וועלן זיך נעענטער באַקענען און זיך דורכשמועסן.

איך בין געווען מלא שמחה צוליב דער איינלאַדונג. די פּאָר יונגעלייט האָבן שוין לאַנג צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט פון דער איבעריקער מאַסע תלמידים מיט זייער ערנסט, קלוגשאַפט און סימפּאַטישער האַלטונג. וואָלטן זיי נישט אָנגעהויבן צו ריידן מיט מיר, וואָלט איך סיי־ווי־סיי געפּרואווט צו פאַרקניפּן אַ באַקאַנטשאַפט מיט זיי.

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דער באַגעגעניש. דער

פיאָנערן און בויער

נייער קרייז פון געזינונגס־חברים האָט מיך העכסט אינטריגירט. וואָס וועט די נייע באַקאַנטשאַפט געבן, וואוהין וועט זי פירן, האָב איך זיך געפרעגט.

דער צוניפקום איז געווען אינטערעסאַנט און ניי פאַר מיר, ווי אין אינהאַלט, אַזוי אויך אין פאָרם. אַלע קריסטן, קיינע אידן. גערעדט און דיסקוטירט האָט מען וועגן זעלבסט־בילדונג, וועגן אַ פּאָר אָקאָרשט דערשינענע ביכער, וועגן דער נויטיקייט צו שטודירן „געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן", נייע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. דער שמועס און די דיסקוסיעס האָבן אויפגעדעקט, אַז מיינע נייע באַקאַנטע זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ פון פּאָליטישן באַוואוסטזיין און אַז זייער אָפּאָזיציע קעגן דעם צאַרישן רעזשים איז שוין געווען טיף איינגעוואָרצלט; אין אַלגעמיין אָבער, קאָנקרעט אידעאָלאָגיש און פּאַרטייאיש, איז דאָס געווען אַ מיש־מאַש פון שטימונגען, שאַטירונגען, שטרעבונגען.

אורבאַנאָוויטש, דער עלטסטער פון דער גרופּע, האָט געהאַט סימפּאַטיעס פאַר דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" כאָטש זי האָט שוין לאַנג נישט עקזיסטירט. שפּעטער, אין 1894, אַלס אַ סטודענט אין ציוריך, איז ער געוואָרן אַן אָנהענגער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) און אַ בייזער און ביטערער שונא פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פּ.ס.ד.). אויפן באָדן פון זיין קעגנערשאַפט צום פּוילישן מאַרקסיזם האָבן מיר אין ציוריך, וואו איך בין אויך געווען אַ סטודענט פון אוניווערזיטעט, געהאַט אָפטע דיסקוסיעס, אויף וועלכע איך האָב געקוקט ווי אויף אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אונזער פריינטשאַפט. ווען איך האָב אין צייט פון פּסח־וואַקאַציע פאַרלאָזן ציוריך און זיך באַזעצט אין אַ דערביאיקן דערפל, האָב איך פּלוצלונג דערהאַלטן פון אים אַן אַלטן חוב פון 50 פראַנק, וואָס ער איז מיר שוין לאַנג געווען שולדיק, מיט אַ בריוול, אין וועלכן ער האָט מיר פּראָסט, און אָן אָנגענומענער העפלעכקייט, אָנגעזאָגט, אַז ער איז געצוואונגען איבערצורייסן אונזערע באַציאונגען ווייל „אַלע יענע, וואָס זיינען פריינט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און טישקאָ (גראָזאָווסקי) און סימפּאַטיזירן מיט דער פּ. ס. ד. זיינען שונאים פון פּוילישן פאָלק".

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

און דאָס איז געווען דער סוף פון אונזער באַקאַנטשאַפט.

אַנדערע פון אַט דער גרופּע זיינען געווען:

פּלאַווסקי — אַ פּוילישער ראַדיקאַלער פּאַטריאָט מיט אַן אויפֿבערפלעכלעכער סאָציאַליסטישער באַפאַרבונג.

ראַגאַלסקי — אַ סאָציאַליסט פון אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. ער איז נאָך געווען אין סטאַדיע פון אַנטוויקלען זיך, פון זוכעניש. געענדיקט שפּעטער דעם פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, געוואָרן אַן אינזשיניער, אָבער וואָס פון אים איז געוואָרן פּאָליטיש און פּאַרטייאיש, ווייס איך נישט.

וויקטאָר שאַרעי — אַן אָנהענגער פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אַ סטודענט אין פּעטערבורג, האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון „יונגע נאַראָדאָוואָלצעס", צו וועלכער ער האָט אויך צוגעצויגן מאַרטאָוון (צעדערבוים). דער דורכפאַל פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגערופן גרויסע אַרעסטן אין פּעטערבורג, און צוזאַמען מיט שאַרעי און מאַרטאָוון בין איך אויך אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע. דאָקטאָר שאַרעי, אונטער דעם נאָמען וו. ריזשאָוו, איז שפּעטער זייער טעטיק געווען אין דער רוסישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

עגאָן־גרעסער — אַ טיפּישער רוסישער סימפּאַטישער און האַרציקער ליבעראַל, צו וועלכן קיינע סאָציאַליסטישע אידייעס האָבן זיך פּשוט נישט געקענט צוקלעפּן.

אָקוניעוויטש — אַ פּוילישער פּאַטריאָט און דעמאָקראַט, וועלכער האָט נישט געהאַט די מינדסטע נייגונג פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

מיעטשיסלאַוו קאָזלאָווסקי — אַ מאַרקסיסט. זיין נאָמען פּלעגט מען שפּעטער אָפט קענען טרעפן אין דער פּרעסע. אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט אין ווילנע, שפּעטער אין פּעטערבורג. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָרן אַ קאָמוניסט. מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין לענינגראַד.

אין דער סביבה בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט נאָר געהאַט ערנסטע פאַרבינדונגען מיט דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ און מיט אַרבעטער אין ווילנע, נאָר וואָס איז שוין געווען טעטיק אין דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט. דאָס האָט אימ־

פּיאָנערן און בויער

פאַנירט און טאַקע דעריבער האָבן זיי געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ מענטשן „מיט רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג". די רייכע ביבליאָטעק זייערע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו מיר און איך האָב זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין אַ יאָר אַרום, ווען זיי אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן ווער אין די רוסישע אוניווערזיטעט־שטעט, ווער אין אויסלאַנד, האָב איך די ביבליאָטעק איבערגעגעבן אין רשות פון אונזער ווילנער אָרגאַניזאַציע, פאַרבלייבנדיק איר פאַרוואַלטער ביז מיין אַרעסט אין 1892.

מיט פריינטלעכע געפילן — מיט ליבע וואָלט איך זאָגן — וויל איך דאָ באַזונדער דערמאָנען עטלעכע נעמען פון יענעם קרייז. 55 יאָר האָבן נישט אויסגעמעקט פון זכרין די אָנגענעמע דערינערונגען וועגן מיינע באַציאונגען מיט זיי. מיר האָבן געבילדעט אַן ענג־צוזאַמענגעבונדענע קליינע משפּחה, וואו איינער צום אַנדערן האָט זיך באַצויגן מיט דער צאַרטסטער אויפמערקזאַמקייט, מיט טאָלעראַנץ און ברידערלעכקייט. די אויפמערקזאַמקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן אפילו אין אומבאַדייטנטסטע, אָבער כאַראַקטעריסטישע קלייניקייטן. ראַגאַלסקיס עלטערן, אָרעמע איינפאַכע פוילישע מיטל־קלאַס מענטשן, פלעגן אונטער דעם איינפלוס פון זייער זון ביי יעדער געלעגנהייט פּשוט צווינגען מיך צו טיילן זייער מאָגערן אָוונט־עסן. פלאַווסקי, וואָס פלעגט אָפּט באַזוכן זיינע קרובים אויף אַ „פאָלוואַרק" (הויפל) לעבן ווילנע, פלעגט פון יעדן באַזוך מיר ברענגען אַ סלאָאיק מיט האָניק און אַ גרויסן האַרטן קעז. קאָזלאָווסקי, וויסנדיק, אַז איך זוך „שטונדן", האָט איינגערעדט זיינע עלטערן איינצולאַדן מיך פאַר אַ „רעפעטיטאָר" (לערער) צו זיין ברודער. עגאָן־גרעסער האָט מיך אריינגעפירט אין זיין פאַמיליע ווי אַן אייגענעם מענטשן. איך האָט געקענט זיין פאָטער נאָך פון פאָנעוועזש, וואו ער פלעגט קומען באַזוכן זיין זון. איצט האָב איך זיך באַקענט מיט דער גאַנצער משפּחה — מוטער, אַן איינגערער ברודער אַ — פרייוויליקער אין דראַגונער פאָלק, — אַ שוועסטער—אַ סטודענטין פון בעסטיוזשעווסקי קורסן אין פעטערבורג. מאָדנע מענטשן. אַזעלכע טיפּן האָט מען געקענט געפינען אויסשליסלעך צווישן רוסן: אַלץ איז ביי זיי געווען אַזוי איינפאַך, קינדערש־נאַאיוו, אָן הינטערגעדאַנקען, אָן

צערעמאָניעס, גוטסקייט אָן אַ סוף, זאַרגלאָזיקייט. טיפּישע גוטמוטיקע און ברייט־האַרציקע רוסישע ליבעראַלן, ווי מיר קענען זיי פון דער רוסישער ליטעראַטור. ווי קינדער שפּילן זיך מיט אַ ליאַלקע, אַזוי פלעגן זיי זיך אַרומטראָגן מיט יעדן געדרוקטן אָדער געשריבענעם וואָרט, וואָס איז געווען געריכטעט קעגן די צאַרישע פּאָראָנדקעס: צעבריקאָוואס בריוו צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אַ שאַרפער אָפּאָזיציאָנעלער אַרטיקל פון „רוסקיא וויעדאָמאָסטי", גראַף ל. טאָלסטאָיס אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען די צענזור און וואָס פלעגט אַרומוואַנדערן פון האַנט צו האַנט. דאָס איז געווען אַ רוסישע פּריצישע פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט אַ הויף, 30 וויאָרסט פון שאַוועל, אייביק פאַרזונקען אין חובות. ווי נאָר עס ענדיקט זיך דאָס אָפּצאָלן איין היפּאָטעקע, קומט די גאַנצע פאַמיליע קיין ווילנע צו זוכן אַ נייע הלואה אין אָרטיקן אַגראַר־באַנק און ווידער זיך איינצושפּאַנען אין „קאַבאַלע" אויף עטלעכע יאָר. אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי איך בין געקומען קיין ווילנע, האָבן זיי זיך באַזעצט אין שטאָט אויף עטלעכע חדשים. איינמאָל, ווען איך בין געווען ביי זיי אויף אַ גלעזל טיי, האָט מיר דער פאָטער אומגעריכט אַ זאָג געטאָן: „דו פאָר אַריבער צו אונז; מיר האָבן גענוג אָרט; קיינע צערעמאָניעס! עס וועט זיין היימלעכער". ער האָט מיר נישט געלאָזן עפּענען מיין מויל — איך האָב ביי זיי אָפּגעלעבט אַרום 3 חדשים.

עגאָן־גרעסער האָט שפּעטער געהייראַט שאַרעיס שוועסטער, אַ שול־לערערין, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט מיר און אָפּגעקומען מיט 2 יאָר פּאָליציי־אויפזיכט אין גרעסערס הויף.

אָקוניעוויטש איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו געפינען פאַר מיר „שטונדן". דער קרייז פון פּוילישע פאַמיליעס מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדעט, איז געווען זייער גרויס, און ווי נאָר ער פלעגט אויסגעפינען, אַז אימיצער פון זיי זוכט אַ לערער פאַר זייערע קינדער, פלעגט ער רעקאָמענדירן מיך אַלס דעם „בעסטן אין שטאָט". איך פלעג דאַרפן אויסהערן פון אים אינסטרוקציעס, ווי צו ריידן מיט יענע מענטשן, וויפיל איך זאָל זיי רעכענען און אַזוי ווייטער. אַ דאַנק אים האָב איך געהאַט די בעסטע לעקציעס

פּיאָנערן און בויער

אין שטאָט — אַלע, מיט איין־איינציקער אויסנאַמע, ביי קריסטן — און איך בין געווען דער בעסט באַצאָלטער לערער: אָפּט פלעגן מיינע פּאַרדינסטן גרייכן ביז 90—100 רובל אַ חודש, אַן אומגע־הויער גרויסע סומע אין יענער צייט.

געוואוינט האָט ער מיט זיין פעטער און מומען, אַמאָליקע פּוילישע „פּאָוסטאַנצעס", וועלכע האָבן אָפּגעפּינצטערט לאַנגע־לאַנגע יאָרן אין פאַרשיקונג אין סיביר און וואו ער, דער פעטער, איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויף איין פוס. זייער דירה האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער שולע און איך פלעג זיי אָפּט באַזוכן. אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון אויפשטאַנד און פון דעם טרויעריקן לעבן אין סיביר זיינען געווען די אייביקע טעמעס פון זייערע דער־ציילונגען. איך האָב געמוזטריידן מיט זיי פּויליש, נישט קוקנדיק אויף מיין שלעכטער גראַמאַטיק און אויף די אומצאָליקע רוסיציזמען. זייער האַס צו די רוסן, וועמען זיי האָבן באַשולדיקט אין פאַרקריפּלען זייערע לעבנס, איז איצט מסתמא געווען נאָך שטאַרקער, ווי אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד. ביי יעדער פּאַסנדער געלעגנהייט האָבן זיי געהאַט נאָר איין אויסרוף: „פּאַרפלוכטע מאָסקאַלעס!"

דזשאַן מילל

פראָמינענטע פיגורן ערב דער אידישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. סטראַשונסקי, ל. אַקסעלראָד, ראַפּאָפּאָרט, יאָגיכעס

עס איז איבעריק דאָ צו דערציילן, אַז אָט דער קרייז פון דער קריסטלעכער יוגנט, אונזער פריינטשאַפט, אונזער געמיינשאַפטלעכע שטרעבונג צו סאָציאַלער בילדונג איז אין אַ געוויסער מאָס געווע־ פאַר מיר נאָר אַ מין דיוועריסיע. מיינע הויפּטגעדאַנקען זיינען גע־ לעגן אין אַן אַנדער ספערע, מיין הויפּט אינטערעס—אין אַן אַנדער ריכטונג.

באַלד ווי איך בין געקומען קיין ווילנע, האָט קאַפּעלזאָן מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ גרויסער צאָל ראַדיקאַלע אינטעליגענטן און מיט עטלעכע אַרבעטער און אַרבעטערינס, אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן מיינע פאַרבינדונגען מיט דער קריסטלעכער ראַדיקאַלער יוגנט, האָט דאָס, ווי עס דאַכט זיך מיר, געמאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט אויפגעגעבן „קאָנספּיראַציע" און באַקאַנט מיך מיט אַלע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן אין שטאָט. טאַקע מיט אַלע. פון די „אַמאָליקע", פון די „געוועזענע" איז פאַר־ בליבן אין שטאָט נאָר אַ קליין אומבאַדייטנדיק הייפל. אומטעטיק, האָבן זיי זיך אפילו מער נישט געפּלאָנטערט אונטער די פיס. זייער פאַרטיי איז געווען טויט און זיי זיינען געווען טויט. פּוסטע שאָלעכץ פון אַמאָל געזונטע ניס. אַ געוויסע אויסנאַמע, אָבער אין אַ זייער קליינעם מאָס, איז געווען סטראַשונסקי, אַ געוועזענער נאַראָדאָוואָ־ לעץ. כאָטש נישט אַלט, אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער נישט געפונען קיין נוצלעכערע פאַרווענדונג פון זיין צייט ווי גאַנצענע טעג ביז טיף אין דער נאַכט צו שפּילן שאַך אין ראַדינס קאָנדיטאָריי אויף זאַמקאָווע גאַס. אַז מען האָט געזען, ווי ערנסט ער איז פאַר־ טיפט אין דעם שפּיל, האָט מען געקענט מיינען, אַז פון אַ ריכטיק־

פּיאָנערן און בויער

אָדער פּאָלשן צוג פון אַ פיגור הענגט אַפּ דער גורל פון דער וועלט, די צוקונפט פון דער מענטשהייט. זיין פרוי, אַ פשוטע אידענע, פלעגט אַליין די גאַנצע צייט אָפּפינצטערן אין אַ טונקעלן, פיטשינקן קרעמל אויף אַ ענגן געסל. מיר, פון דער אינגערער גענעראַציע, פלעגן אָפט אַריינקומען אין ראַדינס קאָנדיטאָריי אויף אַ גלעזל קאַווע, און סטראַשונסקי, ווען ער פלעגט קענען אויף אַ ווײַלע זיך אָפּרייסן פון שאָך־שפּיל, פלעגט מיט גוטע, פריינטלעכע, ליבנדע אויגן אויפמערקזאַם באַטראַכטן אונז, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט טרעפן אונזערע געדאַנקען און אַריינדרינגען אין אונזערע נשמות. אָפט פלעגן מיר הערן פון אים איינצעלהייטן פון אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און זיינע דערציילונגען פלעגט ער באַגלייטן מיט ברכות און וואונטשן פון דערפאָלג אין אונזער אַרבעט.

די צוויי רעוואָלוציאָנערן ל. אַקסעלראָד און ח. ראַפּאָפּאָרט, וואָס זיינען אין יענער צייט שוין געהאַט אָפּגעפאָרן פון ווילנע, האָבן נאָך זיך קיין גרויסע גייסטיקע ירושה אין שטאָט נישט איבער־געלאָזט. זייער זעלטן זיינען זייערע נעמען דערמאָנט געוואָרן, און איך גלויב נישט, אַז זיי האָבן געשפּילט די ראָלע, ווי זי ווערט געמאָלט פון אייניקע היסטאָריקער פון יענער עפּאָכע. ביידע זיינען אָפּגעפאָרן פאַר מיין אָנקומען און איך האָב זיך מיט זיי שפּעטער באַקענט שוין אין אויסלאַנד. אין ווילנע האָב איך געקענט ראַ־פּאָפּאָרטס ערשטע פרוי, אָגוז, אַ נישט פּרעטענציעזע מיידל, וואָס האָט זיך באַוועגט צווישן דער אינטעליגענץ, אָבער קיין שייכות צו דער באַוועגונג נישט געהאַט. ליובאַ אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס), איז אין דער „איסקראַ״־צייט, געווען, ווי אַלע איסקראַווצעס, אַ קעגנערין פון „בונד״, געהאַסט די אידישע שפּראַך, האַלטענדיק זי פאַר אַ מיאוסען, עקלהאַפטן „זשאַרגאָן״, וואָס איז מער נישט גוט ווי פאַר אידישע אַנעקדאָטן און וויצן. מיט ראַפּאָפּאָרטן האָב איך זיך דעם ערשטן מאָל באַגעגנט אין ציוריך אָדער בערן אַרום 1893—94. אַ מיטל וואוקסיקער, מיט אַ געדיכט־באַוואַקסענעם גרויסן קאָפּ, מיט אַ נישט געשאָרענעם באָרד, מיט אַ ברייטער נאָז, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט צוויי פּאָר שפּאַקולן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליין־שטעטלשן, סטאַטעטשנעם, אידישן הענדלער.

דזשאָן מילל

אָבער... זשאָרעס האָט וועגן זיין אויסזען אַביסל אַנדערש גע־טראַכט. אין אַ געשפּרעך וועגן אים, האָט ער איינמאָל זיך אויס־געדריקט, אַז ראַפּאָפּאָרט איז דער טיפּישסטער סלאַוו, וואָס ער האָט ווען עס איז געטראָפן... איך האָב נאָכגעפאָלגט ראַפּאָפּאָרטס סאָציאַליסטישע קאַריערע ביז זיין טויט. מענטשן האָבן רעכט צו בייטן זייערע מיינונגען, אָבער מיט אים איז דאָס געווען פענאָמענאַל. כמעט אַן אינערלעכע באַדערפעניש. זיינע פּאַרטייאישע מעטאַמאָר־פאָזן האָבן קיין גלייכעס נישט. אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, אַן איסקראַוועץ, אַ מענשעוויק, אַ באָלשעוויק, אַ קאָמוניסט, אַ קעגנער פון קאָמוניסטן; פאַר פראַנקרייך — אַ זשאָרעסיסט און קעגן זשאָרעסן, אַ געדיסט — און קעגן געדן. אין זיינע באַציאונגען צום „בונד" זיינען געווען דריי עטאַפּן: פאַר, קעגן, פאַר. קעגן, נאַטיר־לעך, אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַ פּראָמינענטע פיגור אין דריטן, קאָמוניסטישן, אינטערנאַציאָנאַל. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער אויסגעדריקט אַן אָריגינעלע מיינונג וועגן אַ באַזונדערער היסטאָ־רישער ראָל פון „בונד": „אַזוי ווי אידישע אַרבעטער, און אידן איבערהויפּט, זיינען פאַרשפּרייט און צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער „בונד" אַ נאַטירלעכע ספּעציעלע מיסיע צו דער־פילן — צו ווערן אַ פאָנענטרעגער פון אינטערנאַציאָנאַליזם, און נישט זיין איזאָלירט פּאַרטייאיש אָדער נאַציאָנאַל". אין יענע פּע־ריאָדן, ווען ער האָט זיך באַצויגן צום „בונד" מיט סימפּאַטיע, האָט ער צייטנווייז מיטגעאַרבעט אין זיין פּרעסע. די אַרטיקלען זיינען געווען געשריבן אינטערעסאַנט, מיט טאַלאַנט, סטימולירנד. אגב אורחא, ער פלעגט רעדן און שרייבן אויף עטלעכע שפּראַכן, געשריבן בעסער ווי גערעדט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען פלעכאַנאָוו, וואָס האָט ביי אַ געלעגנהייט געמאַכט אַ וויץ וועגן ראַפּאָפּאָרטס רעדן: „אָ, יע, האָט ער געזאָגט, ראַפּאָפּאָרט רעדט אַ גוזמא שפּראַכן, אָבער אַלע אויף אידיש"...

יאָגיכעס (גראָזאָווסקי) האָט פאַרלאָזן ווילנע אומגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען איך בין דאָרטן אָנגעקומען, און איך האָב זיך פּערזענלעך מיט אים באַקאַנט ערשט אין 1893, אין ציוריך, וואו איך בין געקומען צו אים מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון

פּיאָנערן און בויער

אַרקאַדי קרעמערן. מיט גרויס דערוואַרטונג האָב איך אים באַגעגענט און מיט גרויס נייגיר האָב איך זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. אַ ציניש גרינגשאַצונג כמעט פון אַלע מענטשן, וועמענס נעמען זיינען אָנגערופן געוואָרן. ווילנע האָט אים שוין נישט אינטערעסירט ווי אַמאָל, סיידן אַלץ דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט זיינע בייע פּאָליטישע און פּאַרטיי־אַמביציעס. דאָס האָט מיך געוואונדערט. אַזאַ קורצע צייט פאַרביי — און אַזוי לייכט איבערצושניידן די פעדים, וואָס האָבן אים צוגעבונדן צו געוויסע פריינט, צו אַ גרופּע אַרבעטער, צו דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָט די קאַלטבלוטיקע און גלייכגילטיקע באַציאונג איז מיר פאַרשטענדלעך געוואָרן שפּעטער, ווען איך האָב אים בעסער דערקענט און ווען זיין שווערער און פיינטלעכער כאַראַקטער האָט זיך בולט אַנטפּלעקט ביי יעדער קלייניקייט. אָבער אין צייט פון זיין פאַרלאָזן ווילנע האָט מען זייער אַ סך געהאַלטן פון אים. מען האָט מיר אים באַשריבן כמעט ווי אַ מיסטעריעזע, לעגענדאַרע פּערזאָן, אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון אויסערגעוויינטלעכער איבערגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך און פון אומדערשראָקענער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „ליאָווקאַ", איז ער געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַלדעמאָקראַטן אין ווילנע, וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין מיליטערישע קרייזן, האָט אָנגעפירט אַ קליינע פּראָפּאַגאַנדע גרופּע, געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ פּאָר סטרייקן. אָפּגעפּאָרן איז ער, ווי ער האָט דערציילט, מחמת דעם, וואָס עס האָט אים געדראָט אַן אַרעסט, אָבער עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דאָס איז געווען מער נישט ווי איינע פון די סיבות. די צווייטע סיבה איז געווען דאָס מיליטער־דינסט, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען און צו וועלכן ער האָט, נאַטירלעך, נישט געהאַט קיין גרויס חשק. אונטער דעם נאָמען טישקאָ אָדער גראָזאָווסקי האָט ער אין אויסלאַנד אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָל פריער אין די רוסיש פּאָליטיש־עמיגראַנטישע קרייזן, שפּעטער אין דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פּ. ס. ד.) און גאָר צולעצט, נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, אין דייטשלאַנד אין ספּאַרטאַקוס־בונד. צוליב זיין נאָענטקייט צו ראָזע

דזשאַן מילל

לוקסעמבורג — זי איז געווען זיין פרוי — און צוליב זיין טראַגישן טויט איז זיין נאָמען געוואָרן אַ היסטאָרישער. בכלל האָט מען אים אין אויסלאַנד, אין דער פּאָליטישער עמיגראַציע, נישט אָפּגעשאַצט אַזוי, ווי אין ווילנע. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין אײן אײנציקן פּערזענלעכן פרײַנט. לויט דער נאַטור אַ סעקטאַנט־מאַניאַק, האָט ער געלעבט ווי פאַרמויערט אין זײַן צימער און פלעגט קיין מאָל נישט באַזוכן אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַרויסטרעטן עפנטלעך. עס איז געווען אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס פלעגט נישט צוציען קיין מענטשן, נאָר פּאַרקערט, אָפּשטויסן. זײַנע פּאָליטישע קעגנער פון דער פּ. פּ. ס. פלעגן קריצן מיט די ציין יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט דערמאָנען זײַן נאָמען. אפילו דאָס הייפל סימפּאַטיקערס זײַנע פון דער פּ.ס.ד. פלעגן אויסמײַדן זיך צו באַווײַזן מיט אים עפנטלעך, האָבנדיק מורא צו ווערן אויס־געשלאָסן פון דער פּוילישער סטודענטישער קאָלאָניע. נישט פיל מער ליבשאַפט צו אים האָט אַרויסגעוויזן אויך די גרופּע רוסישע ס.״ד. „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ״ מיט פּלעכאַנאָוון בראָש.

גראָזאָווסקי האָט אָפּט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו, גע־שפּרודלט מיט ענערגיע, האָט זיך געוואָרפן אַהין און אַהער — און אומעטום געליטן מפּלות.

אַזוי האָט ער אין אײנעם מיט ראָזע לוקסעמבורג אַרויסגעגעבן די צייטונג „ספּראַוואַ ראָבאָטניטשאַ״ און אַ רײ פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בראָשורן, אָבער זיי פלעגן נישט דערגרייכן פּוילן, זיי פלעגן בלײַבן אין אויסלאַנד. האָבנדיק גענוג מאַטעריעלע מיט־לען — זײַנע עלטערן זײַנען געווען רײַכע הויז־אייגנטימער אין ווילנע אויף דער ברייטער גאַס — האָט גראָזאָווסקי־יאָגיכעס גע־גרינדעט דעם פאַרלאַג „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ביבליאָטעק״ און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן מאַרקסיסטישע ליטעראַטור אויף רוסיש, דער עיקר די ווערק פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. האָט ענגעלס, אין אײן שײנעם פרימאָרגן, אונטער דעם אײנפלוס פון פּלעכאַנאָוון, אָנגעשריבן צו אים זייער אַ שאַרפן און בייזן בריוו, אין וועלכן ער האָט אים פאַרבאָטן צו דרוקן זײַנע אָדער מאַרקס ווערק, און די בראָשורן, וואָס זײַנען שוין געווען פאַרטיק, האָט

דזשאַן מילל

גראַזאַווסקי געמוזט פאַרניכטן. דאָס איז געווען דער טויט פון דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ביבליאָטעק".

דעם קלאַפּ, וואָס גראַזאַווסקי האָט געקראָגן פון פּלעכאַנאָוון, האָט ער יאָרן לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן און פאַרגעבן.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט פּלעכאַנאָוון אין זשענעווע — דאָס איז געווען אין יאָר 1894 — האָט ער מיך גע־פרעגט, צי די ווילנער אָרגאַניזאַציע האַלט אָן באַציאונגען מיט יאָגיכעסן. מיין ענטפער איז געווען: „געוויסע באַציאונגען, צייט־ווייז, האַלטן מיר יאָ אָן; מיר וואָלטן וועלן קריגן זיינע אויסגאַבן; אויב ער וועט אונז געבן, וועלן מיר נעמען". פּלעכאַנאָוו איז גע־וואָרן אויפגערעגט, אין כעס. „איך פאַרשטיי דאָס נישט — האָט ער געזאָגט — עס איז וויכטיק נישט נאָר וואָס מען נעמט, נאָר אויך פון וועמען מען נעמט; יאָגיכעס האָט גאָר נישט קיין רעכט אַרויסצוגעבן מאַרקס און ענגעלס ווערק".

ווי ער האָט פיינט געהאַט גראַזאַווסקין! ער האָט אים קיין מאָל נישט אָנגערופן מיט זיין פּסעוודאָנים, נאָר דעמאָנסטראַטיוו מיט זיין אייגן נאָמען — יאָגיכעס, און דאָס פלעגט, איך ווייס נישט פאַרוואָס, אַרויסברענגען גראַזאַווסקין פון די כלים.

גראַזאַווסקי האָט נאַטירלעך צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. ער פלעגט אַרונטעררייסן פּלעכאַנאָוון אויף יעדן טריט און שריט, אָפּלייקענען זיין באַדייטונג און זיינע פאַרדינסטן אין פאַר־פלאַנצן דעם מאַרקסיזם אויפן רוסישן באָדן. מחמת דעם פלעגט אים אָפט אויסקומען אויסצוהערן שאַרפע ווערטער אפילו פון ראָזע לוקסעמבורג, וועלכע האָט נישט געקענט קוקן אויף פּלעכאַנאָוון מיט זיינע אויגן.

די פיינטלעכע אַטמאָספערע אַרום גראַזאַווסקי־יאָגיכעסן האָט געבראַכט דערצו, אַז מיאוסע פאַרדעכטיקע קלאַנגען האָבן אָנגעהויבן צו קורסירן אין אויסלאַנד וועגן זיין פּאָליטישער פאַרלאָזלעכקייט און ערנטלעכקייט. דאָס איז געווען אַזוי משונהדיק, אַז די ווילנער אָרגאַניזאַציע אונזערע האָט געשיקט דורך מיר אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די דאָזיקע קלאַנגען. דער פּראָטעסט איז קיין מאָל נישט

דזשאָן מילל

פאַרפּענטלעכט געוואָרן, ווייל גראַזאָווסקי אַליין האָט געבעטן דאָס נישט צו טאָן.

אין דער שטורעמדיקער נאָך־מלחמה־צייט אין דייטשלאַנד איז גראַזאָווסקי געווען איינער פון די הויפּטגרינדער פון באַרימטן ספּאַרטאַקוס־בונד, און דאָס האָבן אים די דייטשע רעאַקציאָנערן נישט געקענט מוחל זיין; באַלד נאָך דעם, ווי ראָזע לוקסעמבורג צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכטן זיינען דערהרגעט געוואָרן, איז אויך דערשאָסן געוואָרן — דעם 15טן אַפּריל 1919 — גראַזאָווסקי אין אַ בערלינער געפענגעניש דורך די טורמע־וועכטערס.

דאָס וויגעלע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די ערשטע טוער. קאַפּעלזאָן אין ווילנע

דאָס יאָר 1889/1890 דאַרף אַריין אין דער געשיכטע אַלס די צייט פון דער אינטענסיווסטער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און פון פּיאָנערן אָנשטרענגונג אויפן באָדן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע. ווען איך טראַכט זיך אַריין אין יענער צייט, וואונדער איך זיך צייטענווייז: פון וואַנעט האָבן זיך גענומען מיט אַמאָל, ווי דורך אַ כישוף, אַלע יענע כחות, אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן, אינטעליגענטן און אַרבעטער, וואָס האָבן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, מיט אַזוי פיל לעבנס־לוסט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אידישער מאַסע צו זיין איינס מיט איר, זיך צו „פאַנאַנדערלאָזן" אין איר, צו אויפוועקן אין איר נייע שטרעבונגען און אידעאַלן, אַריינצופירן זי אין אַ וועלט פון האָפענונג און דער־לייזונג. אויסערלעך האָט מען דאָס נישט געקענט אָננעמען פאַר אַ המשך פון דער ביז־דאַמאָלטיקער סאָציאַליסטישער אַרבעט. אַלץ האָט אויסגעזען אַנדערש, ניי: די מענטשן, דער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, די פאָרמע, דער פאַרנעם. פון דעם פריערדיקן דור איז פאַרבליבן אין קאַפּעלזאָן. עס האָט אויסגעקוקט אַזוי, ווי די נייע כחות וואָלטן זיך אָנגעזאַמעלט אומבאַמערקטערהייט, פאַ־מעלעך און ווי פון הימל אַרונטערגעפאַלן. עס איז זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז אַזעלכע ניסים פאַסירן נישט אין לעבן. דער פאַ־טענציעלער מאַטעריאַל האָט עקזיסטירט, אָבער עס האָט געפעלט אַן אָרגאַניזירטער, דיסציפּלינירטער, צענטראַליזירטער קאָלעקטיוו, וואָס זאָל דעם דאָזיקן מאַטעריאַל געבן אַ פאָרמע, אַן אינהאַלט, און אַ גוט־אויסגעאַרבעטע און דורכגעטראַכטע ריכטונג. און דערפאַר טאַקע האָט אַ זייטיקער מענטש נישט געקענט אפילו זיך אָנשטויסן, אַז דער מאַטעריאַל איז פאַראַן. עס זיינען געווען בויער, אָבער

צעשפּרייט ווי שטויב. דאָ און דאָרטן האָבן די אינטעליגענטן געבילדעט קרייזלעך, געלייענט צוזאַמען, זיך געלערנט, אָבער אָן אַ פּראָגראַם, אָן אַ סיסטעם. די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט צווישן די אַרבעטער האָט זיך אויך געפירט אָן אַ פּראָגראַם און אָן אַ סיסטעם. ווי אײנעם האָט זיך פאַרגלוסט, אַזוי האָט ער געפירט. געוויס זיינען די טעטיקסטע אָפּט זיך צוזאַמענגעקומען, איין מאָל אַ וואָך, צייטענווייז צוויי מאָל, אָבער נישט צו באַהאַנדלען און אָנצונעמען נויטיקע באַשלוסן וועגן דער אַרבעט. דאָס איז גיכער געווען אַ מין בירזשע, וואו מען פלעגט דורכפירן טראַנזאַקציעס: אומבייטן די געליענע ביכער און בראָשורן; פאַנאַנדערטיילן די ניי־צוגעצויגענע אַרבעטער צווישן די פאַרשידענע פּראָפּאַגאַנדיסטן; אַביסל זיך דורכשמועסן וועגן לאָקאַלע און אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייטן. אויב דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע, איז זי געווען אַ לייזע, אָן פאַראַנדלונגען, אָן דיסקוסיעס און אָן באַשלוסן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער אינהאַלט און די מעטאָדן פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אין יעדן קרייז אַנדערש: מען האָט געלערנט, וואָס אײנער האָט געוואָלט און ווי ער האָט געוואָלט. אַזאַ לאַגע האָט עקזיסטירט איבער אַ יאָר צייט. און דאָך איז אין אָט דעם יאָר אָוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט, אויף וועלכן די פּרעקטיקע געביידע פון דער ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע איז אינגיכן אויפגעבויט געוואָרן.

איך גלויב נישט, צי אין אַנדער שטאָט אין רוסלאַנד אין יענעם יאָר האָט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע מחנה אידישע סאָציאַליסטן — אינטעליגענטן און אַרבעטער — ווי ווילנע. סטודענטן, תלמידים פון די מיטל־שולן און פון דעם אידישן לערער־אינסטיטוט, לערער און לערערינס, גראַדואירטע פון די גימנאַזיעס און פון דער רעאַל־שולע, וועלכע האָבן צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע נישט געקענט פאָרזעצן זייער בילדונג, עטלעכע מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס — זיי האָבן געבילדעט דעם קערן פון די טוער אין דער אידישער אַרבעטער־מאַסע פון יענער צייט. די אויבערשטע שיכט פון די אַרבעטער — דער עיקר אַרבעטערינס, — די באַוואוסטזיניקע צווישן זיי, זיינען פּסיכאָלאָגיש געווען מער אינטעליגענטן ווי אַרבעטער.

פיאָנערן און בויער

מיט אַ שטאַרקער שטרעבונג צו אַלגעמיינער בילדונג, מיט אַ ברייטן גייסטיקן האָריזאָנט, מיט אַ נישקשהדיקער און אָפט גוטער קענטעניש פון דער רוסישער שפּראַך.

נייטערינס, זאָקנמאַכערינס, מאָדיסטקעס, שניידער, האַנדלס־אַנגעשטעלטע („פּריקאַשטשיקעס"), בערשטער, שלאָסער, פּאַפּי־ראָסן־ און קאָנווערטן־פאַבריק אַרבעטער און אַרבעטערינס, הענטש־קעמאַכערינס, זעצער אין דרוקערייען, קאַמאַשענמאַכער, יובעלירן און אַנדערע זיינען געווען די אַרבעטער־פּיאָנערן פון יענער עפּאָכע.

אַ פילפאַרביקער קאַליידאָסקאָפּ פון אינטעליגענטן און אינטע־ליגענטקעס, פון אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון דער באַוועגונג, גייט פאַרביי פאַר מיינע אויגן. איך געדענק שוין נישט אַלעמענס נעמען, אָבער אַ טייל פון די, וועלכע איך געדענק נאָך, זיינען אַ לאַנגע צייט געווען גוט באַקאַנט אין די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע קרייזן און אַ טייל איז נאָך באַוואוסט ביז היינט.

אָט זיינען יעקב גערשאָווסקי און אַלטער — ביידע קאַמאַשענ־מאַכער, דער יובעליר מ. ליפשיץ, דער קצב סאָלאָמאָן מענאַקער, אַן ערנסטער, סאָלידער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע השפּעה אויף זיינע חברים; די שניידערינס טערעזאַ, די דריי שוועסטער בערטאַ, גוסטאַ און זשעניאַ וואָלפסאָן; העלענאַ געלפאַנד, איצט אין לענינגראַד, די גרינדערין פון אַן אַרטעל (קאָאָ־פּעראַטיוו), וואָס האָט אָבער לאַנג נישט עקזיסטירט; די צוויי שוועסטער יוזעפאָוויטש, ביידע אַרעסטירט אין 1898 — שפרה אין באָברויסק און ליובאַ אין מינסק, וואו זי איז געווען אַ פאַר־וואַלטערין פון אַ האַנטווערקער־שולע; פאַניאַ לעווין, אָסוואַריץ, גרישאַ סאַראַקאַ — אַ סטאָלער, אַרעסטירט אין 1898 אין באָברויסק אין דער בונדישער דרוקעריי; נאַאום ליפשיץ, אַ שלאָסער, אַרעס־טירט אין 1896 אין ביאַליסטאָק; יאָכע און פייגע—זאָקנמאַכערינס; יעוואַ און ליזע, האַנדלס־אַנגעשטעלטע, עמיגרירט; מאַרק ווילטער, אַרעסטירט אין באָברויסקער דרוקעריי אין 1898; דער זעצער

דזשאָן מילל

סווערדלאָוו, וואָס איז פּריצייטיק געשטאָרבן פון שווינדזוכט און וועמענס לוויה האָט געטראָגן אַ דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, — אויף דער לוויה בין איך געווען.

די נעמען פון אינטעליגענטן, וועלכע איך געדענק נאָך גענוג צו קענען זיי פאַרצייכענען: פאַליאַ גאָרדאָן, וועלכע איז שפּעטער, אַלס אַן „איסקראַווקאַ", געווען טעטיק אין דרום־רוסלאַנד; אַננאַ גאָרדאָן, אַ מיטאַרבעטערין פון גראַזאָווסקי; צוויי שוועסטער פּוזירענסקאַיאַ; וויטקינד, נאָך זיין אַרעסט אין וואַרשע, זיך געשמדט און אַוועק פון דער באַוועגונג; זיין שוועסטער יעווּאַ; מענדל ראָזענבוים, געוואָרן אַ פּראָמינענטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, איצט אַ ציוניסט; אַנטאָקאָלסקי, אַ פּלימעניק פון סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, געווען פאַרשיקט אין סיביר, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געוואָרן אַ קאָמוניסט און פאַרנומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין „געפּע־או", איצט אַרבעט ער אין מלוכה־פאַרלאַג אין מאָסקווע; דער לערער פּין און זיין פרוי רעוועקאַ ליאַס — ביידע אַרעסטירט אין 1898; דער לערער גאָדלעווסקי, גאָזשאַנסקי (לנו); ישראל פּעסקין, שפּעטער אַן אַקטיווער טוער אין „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד" און אין דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי" אין אַלגעמיין; שמואל פּעסקין, געווען אַ דאָקטאָר אין ניו־יאָרק, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס"; זיין פרוי ציליאַ קאַרטשמאַר, אַ פּריוואַטע לערערין, וועלכע איך האָב — לויט אַ באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע — „אַריבערגעפּעקלט" איבערן גרענעץ, אין טאַוריג, ווען זי איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד; ביי די פּעסקינס האָב איך זיך דעם ערשטן מאָל געטראָפן מיט ליעסינען, אין 1890, ווען ער איז געקומען אויף אַ וויזיט פון מינסק; צילע וואָלק; סטודענט פיינבערג פון שאַוועל; גאָכמאַן; קליאַטשקאַ; ס. בלומענפעלד; יאַקאָוו קאַרטשמאַר; די לערערין צילע קריס, די צוקונפטיקע פרוי פון גאָזשאַנסקי; דאָקטאָר ליאַכאָווסקי, אַ לאַנגע צייט אַ טעטיקער מיטגליד פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, שפּעטער אַוועק פון סאָציאַליזם און געוואָרן אַ טוער אין דער רוסישער ליבעראַלער „קאַדעטישער" פּאַרטיי; אַלבערט זאַלקינד, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע באַ־

פיאָנערן און בויער

שטימט געוואָרן פאַר אַ פּאַרוואַלטער פון טעקסטיל טראָסט אין לע־
נינגראַד; זיין פרוי, מינע וואַלק, אַ פּריוואַטע לערערין.

צווישן אַט דער מהנה אינטעליגענטן און אַרבעטער, האָט צמח קאַפּעלזאָן געשפּילט אין יענעם יאָר די באַדייטנדיקסטע ראָל. ער האָט געקענט אַלעמען, ער האָט זיך געזען מיט אַלעמען, ער איז געווען אומעטום. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז גע־שטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אייניקע סאָציאַליסטן אין אַנדערע שטעט. ער האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע קרייזן פון דער אינטעליגענטישער יוגנט, וואו מען האָט געשטודירט מאַרקסיזם. אויך האָט ער אַנגעפירט מיט אַ פּאָר אַרבעטער־גרופּעס. אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים זייער גערן געהאַט, אָבער קיין פירע־רישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן — עס האָבן אים געפעלט טעאָרעטישע קענטענישן פאַר דאָס ערשטע און מער פּראַקטישע דערפאַרונג פאַר דאָס צווייטע. דערי־בער טאַקע איז די ווילנער אָרגאַניזאַציע פון יענעם יאָר פאַרבליבן אַ לייזע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט קיין מאָל נישט אָנגענומען אויטאָ־ריטעטע, בינדענדיקע באַשלוסן. און ווען צום סוף פון 1890 און אין אָנהויב פון 1891 האָט זיך ווילנע באַרייכערט מיט נייע קרעפטן, האָט קאַפּעלזאָן אויפגעהערט צו שפּילן די ערשטע פידל, כאָטש ער איז פאַרבליבן איינער פון די וויכטיקסטע און טעטיקסטע טוער אין דער אָרגאַניזאַציע. אַט די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפטן קאַפּעל־זאָנס זיינען מסתמא טיילוויז געווען שולדיק אין דעם, וואָס ווען ער האָט געפּרואווט אַרבעטן אויך אין וואַרשע און שפּעטער אין אָדעס, האָט ער אין דער ערשטער שטאָט קיין שום דערפאָלג נישט געהאַט און דער דערפאָלג אין דער צווייטער שטאָט איז אויך נישט געווען באַזונדערס איינדרוקספול.

אַרום 1895 איז קאַפּעלזאָן אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון אים וועגן די דירעקטע סיבות, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. זיי זיינען נישט געווען פּאָליטישע, דאָס ווייס איך. פון בערלין און פון דער שווייץ האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער ווילנער אָר־גאַניזאַציע, און האָט דורכגעפירט פאַרשידענע אירע אויפטראָגן, דער

דזשאָן מילל

עיקר פון טעכנישן כאַראַקטער. קיין דירעקטע גייסטיקע השפעה אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט ער שוין מער נישט געהאַט. אויך אין דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאַר פון „בונד" האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען.

פּיאָנערן און בויער

דאָס מיליטער־דינסט

אַז איך האָב פאַרלוירן די האָפענונג פאַרצווזעצן מיין בילדונג אין רוסלאַנד, איז מיין הייסטער וואונטש געוואָרן וואָס אַמשנעלסטן אָפּצופּאַטערן דאָס מיליטער־דינסט. איך האָב געדאַרפט זיך צואיילן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן די פּריווילעגיע צו זיין אַ פרייוויליקער („וואָלנאָ־אָפּרעדעליאַיושטשיסיאַ”) און צו דינען איין יאָר אַנשטאָט צוויי. אָבער שוין ביים ערשטן שריט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן. איך האָב אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון די קאַנצעליאַריעס פון אַלע פּאָלקן אין ווילנע און אַלץ אומזיסט. אומעטום האָב איך געהערט נאָר איין ענטפער: „אַלע וואַקאַנסיעס זיינען שוין פאַרנומען”. די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידישע פרייוויליקע האָט דאַן אין דעם „הייליקן” רוסלאַנד שוין עקזיסטירט. אין אַ סך פאַלן האָט מען נאָר פאַר אַ פעטן כאַבאַר צו די פּאָלק־אַדיוטאַנטן געקענט האָבן אַ שאַנס צוגעלאָזן צו ווערן אין דער אַרמיי. איך בין פּשוט געווען פאַרצווייפלט און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, וואו זיך צו ווענדן נאָך הילף. האָט געטראָפן, אַז אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אומעטיקער, נאָכדעם ווי איך האָב געמאַכט דעם לעצטן פּרואוו און באַזוכט די אַרטילעריע־בריגאַדע, וואו מען האָט מיר געזאָגט, אַז אידן־פרייוויליקע ווערן אין דער אַרטילעריע איבערהויפּט נישט אָנגענומען, בין איך געקומען צו וויקטאָר שאַרעיס מוטער און דערציילט איר וועגן מיינע צרות. זי האָט מיך אויסגעהערט ווי אַלע מאָל, אויפמערקזאַם, גוטהאַרציק, מיט אַ סך מיטגעפיל און גלייך צוגעזאָגט צוזאַמענצוברענגען מיך מיט אַ גוטן פריינט פון איר און פון די עגאָן־גרעסערס פאַמיליע, אַ מיליטער־דאָקטאָר, אַ רוסישער ראַדיקאַל. מיר דוכט זיך זיין נאָמען איז געווען איוואַנאָוו (אָדער וואַסיליעוו). דער דאָקטאָר האָט פּערזענלעך גאָר נישט געקענט טאָן, אָבער ער האָט מיר געגעבן אַן עצה דירעקט זיך צו ווענדן צום קאָמאַנדיר פונם אויפימער פּאָלק. דער קאָמאַנדיר איז, לויט

זיין מיינונג, געווען אַ סימפּאַטישער און ליבעראַלער מענטש, וואָס וועט געוויס מיר נישט מאַכן קיין מניעות, אויב עס וועט זיך נאָר געפינען אַ וועג. איך האָב נאַטירלעך גלייך געפאָלגט זיין עצה. און עס האָט מיר אָפּגעגליקט. ווען דער קאָמאַנדיר האָט אויסגעהערט דעם ענטפער אויף זיין פראַגע וועגן מיין בילדונג און ווען ער האָט זיך צופעליק דערוואוסט, אַז איך בין געווען אַ קלאַס־חבר פון זיין זון, האָט ער צו מיר געזאָגט: „גייט אין פאָלק־קאַנצעלאַריע און מעל־דעט מיין אַדיוטאַנט, אַז איך האָב אייך אריינגענומען אין פאָלק". עס איז געווען כמעט אומגלויבלעך דאָס צו הערן.

די רעאַקציע פון אַדיוטאַנט איז געווען אַן אומצופרידענע, אַ פיינטלעכע. „אוממעגלעך, האָט ער אויסגעשריען, אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען". פונדעסטוועגן איז דעם נעקסטן טאָג אין פאָלק־צירקולאַר („פּריקאַז פּאָ פּאָלקו") געווען געמאָלדן, אַז י. מילל, אַ פריייוויליקער פון ערשטן גראַד, איז אָנגענומען געוואָרן אין פאָלק און באַשטימט אין אַזאַ און אַזאַ ראָטע.

אַ דאַנק דעם זעלבן מיליטער־דאָקטאָר, וועלכער איז געווען מיטן קאָמאַנדיר פון מיין באַטאַליאָן פּערזענלעכע פריינט, האָב איך גלייך געקראָגן צוויי וויכטיקע פּריווילעגיעס: מען האָט מיר דערלויבט צו וואוינען אין דער היים, נישט אין קאַזאַרמע, און צו קומען צו דער מושטראָווקע און איבונגען נישט מער ווי אויף אַ האַלבן טאָג. אויסער דער קאַזאַרמע, הייסט עס, זיינען אין דעם פריערדיקן אופן פון מיין לעבן קיינע פאַרענדערונגען נישט פאָרגעקומען — איך האָב געגעבן פּריוואַטע לעקציעס צו „מאַכן אַ לעבן" און פאַרגעזעצט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין משך פון דעם מיליטער־דינסט.

און דאָך גרויס איז געווען דער יום־טוב, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון דינסט און פון דעם סאָלדאַטישן מונדיר. די שטרענגע דיסציפּלין, די קאַזארמע אַטמאָספער, די שוידערלעכקייטן און חזירייען אין דער באַהאַנדלונג פון די פּשוטע, אומוויסנדיקע, נידערגעשלאָגענע און אומגליקלעכע סאָלדאַטן האָבן געדריקט ווי אַ שווערע משא. דער טאָג פון מיין באַפרייאונג איז פאַרבליבן איינער פון די גליקלעכסטע אין מיין לעבן. איך האָב געפילט, אַזוי ווי שווערע קייטן, וואָס האָבן מיך געפּענטעט, זיינען אַרונטערגעפאַלן פון די פיס און פון די הענט.

מיינע ערשטע אַרבעטער־קרייזן. שיינע־רייזל סע־גאַל. ליובאַ די קאָנוועדטניצע. מערל װעװיער. א. באַסקין. מאָטל דער בערשטער. קאַפּלינסקי

אין דער סאַמער געדיכטעניש פון דער גיך־װאַקסנדיקער באַ־װעגונג האָב איך זיך געפונען אין דער ערשטער העלפט פון 1890. די פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט האָט ביי מיר צוגענומען יעדן אָװנט, דעם גאַנצן טאָג שבת און אַלע אידישע יום־טובים. איך האָב אָנגע־פירט מיט עטלעכע אַרבעטער־קרייזן, בערך 8—10 מענטשן אין יעדן. מער נישט ווי אין קרייז איז געװען אַן איינהייטלעכער, אויס־שליסלעך פון נייטערינס; די איבעריקע זיינען געװען געמישטע און באַשטאַנען פון אַרבעטער און אַרבעטערינס פון פאַרשיידענע פאַכן. דאָס האָט גרינגער געמאַכט אויסצוגעפינען, װאָס עס קומט פאָר אין די באַזונדערע װאַרשטאַטן און אויף די פאַבריקן און געגעבן די מעגלעכקייט אַרומצורעדן און צו דיסקוטירן װעגן די אַרבעט־באַדינגונ־גען, און צוזאַמען זוכן װעגן און מיטלען ווי זיי צו פאַרבעסערן. די טעאָרעטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע דערציאונג איז אויף אַזאַ אופן גע־גאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער צוגרייטונג פאַר פּראַקטישער אַר־בעטער־פּאָליטיק.

די נעמען פון איניקע אָנטיילנעמער פון די קרייזן, דער עיקר פון יענע, װאָס האָבן זיך אין די קומענדיקע יאָרן מער אָדער װייניקער באַדייטנדיק אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען, מוז מען דער־מאָנען. דאָס איז נישט בלויז צוליב פּערזענלעכער סאַטיספאַקציע. דאָס איז, ווי איך מיין, אַ היסטאָרישער חוב. זיי, זייערע נעמען, זייערע טעטיקייטן געהערן צו דער געשיכטע. מען טאָר זיי נישט פאַרגעסן.

די שניידערין שיינע־רייזל סעגאַל. אין דער באַװעגונג אין זי אויסגעװאַקסן גייסטיק און פּאָליטיש און האָט זיך אַנטװיקלט אַלס איינע פון די טעטיקסטע טוערינס. קלוג פעאיק, ענערגיש, האָט זי

דזשאָן מילל.

געהאַט אַן אומגעהויער גרויסע השפּעה אויף דער אַרבעטער־סביבה. אין „אויספּישן", ווערבירן נייע אַרבעטער פאַר דער באַוועגונג האָט זי קיין גלייכע צו זיך נישט געהאַט. און די, וואָס זי פּלעגט צוציען, זיינען אין אַלגעמיין טאַקע געווען מענטשן, אויף וועלכע מען האָט געקענט לייגן האָפענונגען. ליידער, — אין די באַציאונגען צו אירע חברים און חברטעס, איז זי געווען צו דיקטאַטאָריש, צו שטייף, איך וואָלט געזאָגט צו סנאָביש. דער רעזולטאַט איז געווען אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ צו איר אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין, אָבער אייז־קאַלטקייט אַלס אַ פּערזאָן. זי האָט דאָס נישט געקענט נישט זען, און דעריבער פּלעגט זי אָפט זיין אומרואיק, נערוועז, כמעט ווי אין אַ פיבער. ריידנדיק מיט איר, האָט מען אָפטמאָל געקענט שפּירן, אַז אַן אינערלעכער, אומבאַקאַנטער, קאָמפּליצירטער פּסיכאָ־לאָגישער פּראָצעס רואינירט איר לעבן. אפשר טאָר מען דאָס נישט אויסריידן: צייטנווייז האָט געעקבערט דער געדאַנק, אַז זי ווערט פאַרסמט פון קנאה צו די אינטעליגענטקעס, צו זייער פּאָזיציע אין דער באַוועגונג.

אין דער פּיאָנערן־צייט און דערנאָך אין דער צייט פון „בונד", איז שיינע־רייזל געווען טעטיק אין ווילנע, ביליסטאָק, לאָדז, וואַרשע און אין אַנדערע שטעט. פיל מאָל איז זי געווען אַרעסטירט און פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרשיידענע תפיסות. אינגאַנצן, מיט קורצע איבעררייסן, האָט זי געאַרבעט אין דער באַוועגונג 15 יאָר, פון 1890 ביז 1905. אין 1905 האָט זי אין פּאַריז געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן — זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון פענצטער פון אַ הויכער גע־ביידע.

ליובאַ די קאָנוווערטניצע. עס איז נישט געווען קיין איינער פון אונז, פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס וואָלט נישט געוואָלט האָבן אין זיין גרופּע פאַבריק־אַרבעטער. און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַר־וואָס: מיר האָבן געקענט די טעאָריע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער נישט איר פּראַקטיק, און אין דער טעאָריע איז די באַוועגונג געווען פאַרקניפּט מער מיט פאַבריקן, מיט גרויסע וואַרשטאַטן און אינדוסטריעס. מיר האָבן געוואוסט, אַז לויך־אַרבעטער אין אַלגע־מיין — און עס מאַכט נישט אויס צי זיי שטאַמען פון האַנטווער־

פּיאָנערן און בויער

קערײ אָדער פאַבריקן — װעלן בילדן די סאָציאַליסטישע באַװעגונג, אָבער מיר האָבן דערװאַרט אַ שנעלערן און מער גרינטלעכערן דער־פאָלג פון יענע, װאָס אַרבעטן אין צאָלרײכע קאָמפּאַקטע מאַסן. פלעגן מיר מיט שמחה „אַרײנכאַפּן" יעדן נײעם אַרבעטער אָדער אַרבעטערין, אויב זײ פלעגן קומען פון אַ פאַבריק.

װילנע האָט געהאַט 4 פאַבריקן: צװײ קאָנװערטן־ און 2 פּאַפּיראָסן־פאַבריקן. אין זײ זײנען געװען באַשעפטיקט אַרום 600 אַרבעטער און אַרבעטערינס. איך האָב אַרײנגעקראָגן אין מײנע קרײזן צװײ קאָנװערטניצעס און צװײ פּאַפּיראָסניצעס.

ליובאַ די קאָנװערטניצע, די טאָכטער פון אַן אָרעמען ישובניק, נישט װײט פון פּאָדבראָדזיע, האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו דעם גרויס־שטאָטישן לעבן און פּסיכאָלאָגיש צו דער פּראָלעטאַרישער סביבה. זי האָט אין אַ קורצער צײט לײכט באַנומען די עלעמענטאַרע פּראָ־בלעמען פון סאָציאַליזם און פון דער אַרבעטער־באַװעגונג און גע־װאונען אַן אײנפלוס אויף אירע פאַבריק־חברטעס, און זײ האָבן זי ליב געקראָגן ביז גאָר. דורך אירע אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען איז באַשאַפן געװאָרן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון קאָנװערט־אַרבעטערינס מיט עטלעכע צענדליק מיטגלידער. מיר דוכט זיך, אַז זי האָט אויך אָרגאַניזירט און דערפאָלגרײך דורכגעפירט אַ פּאָר שטרײקן אויף בײדע פאַבריקן. לײדער, איז איר נישט באַשערט געװען צו זען דעם אויפשװאונג פון דער באַװעגונג — אין 1893 איז זי קראַנק געװאָרן אויף דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהײט, שװינדזוכט, און אין 1894, אין פרילינג, איז זי געשטאָרבן.

די זעלבע ליובאַ האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אירער אַ פרײנדין אַ הענטשקע־מאַכערין, מערל װעװיער. אַ נידערגעשלאָגן מײדל, מיט אַ טראַגישן פּנים, אַ שװאַכע, אַז זי האָט זיך קוים גע־האַלטן אויף די פיס האָט זי אויף מיר געמאַכט דעם אומגינסטיקסטן אײנדרוק. איך האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זי זאָל װערן עס־איז טײגן פאַר אַ װעלכער־נישט־איז אַרבעט אין דער באַװעגונג. אָבער ליובאַ האָט פאַרזיכערט, אַז מען דאַרף דאָס מײדל מער קענען, בעסער פאַרשטײן, אויף צו איבערצײגן זיך, אַז זי איז אַן אויסגע־צײכנטער מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב געמוזט נאָכגעבן.

דזשאָן מילל

אַ דריי וואָכן גייען פאַרביי, און אין איין אָוונט קומט מערל אַ בלאַסע, אַ צעשלאָגענע, רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט, און מיט טרערן אין די אויגן זאָגט זי מיר אָן, אַז זי וועט מער נישט קענען נעמען קיין אַנטייל אין קרייז, אַז איר פאָטער האָט זי צעשלאָגן און האָט געוואָרנט, אַז ער וועט דאָס איבערחזרן יעדעס מאָל, ווען זי וועט קומען אַהיים שפּעטער ווי געוויינלעך. איך האָב רעאַגירט ספּאָנטאַן: איך מוז זיך גלייך זען מיט איר פאָטער. זי האָט געזוכט מיך אָפּצורײדן פון אַזאַ געפערלעכן שריט. ער, איר פאָטער, איז אַ שטאַרקער און ברוטאַלער מענטש — איך טאָר נישט גיין ריזיקירן. אויף אַ ווײלע איז געקומען אויפן געדאַנק: „קאָנספּיראַציע"!... אָבער וואָס קאָנספּיראַציע, וואו קאָנספּיראַציע! איך בין געווען יונג, אימפּולסיוו, געגלויבט אין כוח פון וואָרט און איבערצייגונג, און מיט אײַנגעשפּאַרטקייט האָב איך געפאָדערט פון איר זי זאָל מיך ברענגען צו איר פאָטער. ער האָט מיך טאַקע באַגעגנט גראָב, מיט סטראַשונקעס, אַרויספאָדערנדיק, אָבער איך האָב אים גלייך אין אָנהייב איבערגעהאַקט און אָנגעהויבן צו דערציילן בבא־מעשות. די גאַנצע געשיכטע גייט מיר פערזענלעך גאָר נישט אָן, זי קימערט מיך ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, האָב איך געטענהט. איך רייד מיט אים אין שליחות פון מיין שוועסטער. זי געהערט צו אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט פון באַלעבאַטישע מיידלעך, וועלכע פאַרשפּרייטן אומזיסט בילדונג צווישן יענע אידישע טעכטער, וואָס זיינען נישט אימשטאַנד צו צאָלן אַ לערער. ווילט איר, אַז אייער טאָכטער זאָל זיך אומזיסט לערנען לייענען, שרייבן, רעכענען — איז גוט און שיין; ווילט איר נישט, דאַן זייט זיך אייך געזונט — און אַ סוף. אָבער — האָב איך צוגעגעבן — אַ קלוגער מענטש, ווי עס דאַכט זיך מיר, איר זייט, דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז עס איז בעסער צו האָבן אַ געבילדעטע טאָכטער איידער אַן אומוויסנדיקע און נאַרישע.

עס האָט געווירקט. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן די נעמען פון די „לערערינס". עס זיינען פאַראַן הונדערטער האָב איך פאַרגעזעצט צו זאָגן אים ליגנס, דהיינו, דעם באַנקיר בוניִמאָוויטש'עס טעכטער און די טעכטער פון די גרעסטע גבירים פון שטאָט.

מערל איז נאַטירלעך נישט אַוועק פון אונז. מיט 8 יאָר שפּע־

פּיאָנערן און בויער

טער איז זי אַרעסטירט געוואָרן, צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם סטאָלער סאָראָקאָ, אין דער בונדישער דרוקערײַ אין באָברויסק. טורמע־יאָרן און פּאָליציי־אויפזיכט און פאַרשיקונג זײַנען געווען דער רעזול־טאַט.

אַן אויסגעצייכנטער פּראָלעטאַרישער טיפּ נישט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך לויט זײַן פּסיכאָלאָגיע, נייגונגען, און גייסטיקע באַדער־פעניש, איז געווען רובים פרידמאַן, אַ פּאַפּיראָסן־מאַכער אויף עדעלשטיינס פאַבריק. מערקווירדיק, ווי גיך ער האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַן איינפאַכן, אומוויסנדען אַרבעטער צו אַ קלאַסן באַ־וואוסטזיניקן פּראָלעטאַריער. ער איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער נישט נאָר אויף דער פאַבריק, וואו ער איז געווען באַ־שעפטיקט, נאָר אויך אויף דער צווייטער פּאַפּיראָסן־פאַבריק אין ווילנע, פון דורונטשאָ. זײַן ערשטע־מאַי רעדע אויף דער געהיימער פייערונג אין 1892 איז געווען די בעסטע און האָט אַרויסגערופן אַ סך גינסטיקע קאָמענטאַרן. ער האָט פּשוט געשפּרודלט מיט ענערגיע, מיט קאַמף־ווילן. די שרעקלעך עקספּלואַטירטע אַרבעטערינס, פאַר־פאָלגט און דערנידריקט, פלעגן אָלעמאָל געפינען אין אים אַן עצה־געבער און אַ פאַרטיידיקער פון זייערע אינטערעסן אין די טאָג־טעגלעכע צוזאַמענשטויסן מיט דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע. דער סוף איז געווען, אַז ער אַליין האָט נאָך אַ שטורמישן קאָנפליקט מיט דער דאָזיקער אַדמיניסטראַציע, געמוזט פאַרלאָזן די פאַבריק. זײַן אַגיטאַטאָרישע אַרבעט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט. וואָס ער האָט פאַרזייט, האָט ער געשניטן, און אין 1895 איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די פּאַפּיראָסן־אַרבעטער אין ווילנע. ווי עס איז באַוואוסט, איז אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־דעם סטרייק אַרויסגעגעבן געוואָרן די בראָשור „דער שטאָט מגיד", געווידמעט אַ באַוואוסטן מגיד, וואָס האָט אין בית המדרש אַטאַקירט די סטרייקערס, געברויכנדיק דער־ביי פאַרשידענע רכילות קעגן זיי.

אין 1898 איז פרידמאַן אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אין אַ געהיימער דרוקערײַ, וואו עס האָט זיך געדרוקט די „ראַבאָ־טשעיע זנאַמיאַ". ער האָט געשמאַכט אַ לאַנגע צייט אין דער

דזשאַן מילל

טרויעריק־באַרימטער פעטראָפּאַוולאָווסקער טורמע און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין מזרח־סיביר.

איצט וואוינט ער אין רוסלאַנד.

עטלעכע חדשים פאַר מיין ציטווייליקן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, אַרום 1893, האָט פרידמאַן אַריינגעפירט אין מיין גרופּע א. באַסקינען, אַ האַרציקן פריינט און חבר זיינעם. זיי זיינען דאַמאָלט געווען ווי צוויי פינגערס פון איין האַנט, געאַרבעט צוזאַמען, אַגיטירט צוזאַמען, זיך אַנטוויקלט צוזאַמען. באַסקין האָט זיך אונטערשידן פון פרידמאַנען מיט דעם, וואָס ער פלעגט זיך באַציען צו זאַכן גלאַסענער, רואיקער, אזוי ווי ער וואָלט זיך אַביסל געקווענקעלט. דאָס אָבער האָט אים נישט געשטערט צו ווערן זייער אַקטיוו און אַרויסווייזן אָרגאַניזאַטאָרישע און אַגיטאַטאָרישע פעאיקייטן. ווען די ווילנער אָרגאַניזאַציע האָט אין 1894—96 אָנגעהויבן צו „קאָלאָניזירן" אַנדערע שטעט און קייך ביאַליסטאָק זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אַלבערט זאַלקינד, באַנעוואור און אַנדערע, איז אַ. באַסקין געווען אויך איינער פון יענע, וואָס האָבן זיך באַזעצט דאָרטן צו טאָן סאָציאַליסטישע אַרבעט. דעם לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אין 1896 אין ביאַליסטאָק צוזאַמען מיט גאָזשאַנסקין, ליובאַ לעווינסאָן־איזענשטאַט, צילע וואלק, נחום ליפשיץ, שיינע־רייזל און אַנדערע, אַ קורצע צייט פאַר זייער אַרעסט.

אַן אייגנאַרטיקער מענטש, אַ סאָלידער און אויפריכטיקער, איז געווען אַלטער דער בערשטער. ווייניק גערעדט, אָבער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און פלייסיק זיך געלערנט בעת מיין „קנעלן" אין קרייז. דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט אין אַלגעמיין געמאַכט, איז געווען פון אַ מיטל־מעסיקן אַרבעטער, אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן, אָבער פון וועלכן מען קען נישט דערוואַרטן אַ סך. די געשעענישן האָבן דערנאָך געוויזן, אַז אָט דער איינדרוק איז געווען דורכאויס פאַלש. ווען מען האָט אָרגאַניזירט די בערשטער און געגרינדעט דעם בערשטער־בונד האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך טאַקט, פאַרשטענדעניש און גרויס אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט דורכגעפירט אַ שיין שטיקל אַרבעט. אויף עטלעכע חדשים האָט ער פאַרלאָזן ווילנע, זיך אָפּגעריסן פון אַלעמען און איז אַוועק קיין פּאַנעוועזש

פיאָנערן און בויער

ספּעציעל אָנצוהויבן אַ קאַמף אין די אַרטיקע בערשטער־פאַבריקן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, דער עיקר פאַר אַ קירצערן אַר־בעטס־טאָג. דאָס איז נישט געווען אַ גרינגע זאַך. צווישן די בערשטער האָט זיך געפונען אַ גרויסער פּראָצענט צייטווייליקע אַרבעטער ווערבירט פון לופט־מענטשן און פון אָרעמע קרעמערלעך, וואָס פלעגן קומען אויף אַ קורצע צייט—ספּעציעל ערב די אידישע יום טובים—פון די אַרומיקע שטעטלעך צו פאַרדינען עטלעכע איבעריקע רובל. אָרגאַניש זיינען זיי נישט געווען פאַרבונדן מיטן בערשטער־פאַך. זיי פלעגן אַרבעטן 18 שעה אַ טאָג, וואוינען אין הייזער, וואָס זיינען געווען ערגער פון קאַזאַרמעס—צו 10—12 אין אַ קליינעם צימערל, שלאָפן אויף „נאַרעס"—אַ געלעגער פון הוילע ברעטער—אָן לופט און אָן ליכט. זיי האָבן זיך אפילו נישט אינטערעסירט מיטן אָפּ־שאַפן די גרענעצלאָזע עקספּלואַטאַציע און נישט געחלומט, אַז זיי קענען ווען־עס־איז זיך דערשלאָגן צו מער מענטשלעכע אַרבעט־באַדינגונגען. מאַטלען האָט זיך נאָך אַ שווערער און איינגעשפּאַרטער אַרבעט סוף כל סוף איינגעגעבן אָנצופילן מיט קאַמפּס־ווילן די דאָ־זיקע אָפּגעשטאַנענע אומוויסנדיקע, און, ווי עס האָט זיך געדוכט, פון מענטשן און פון גאָט פאַרגעסענע מאַסע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרטנעקיקע מלחמה קעגן די באַלעבאַטים. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולן ניצחון. די אַלטע שקלאַף־באַדינגונגען זיינען פאַרשוואונדן.

די אַרבעטער, וואָס זיינען אין יענער תקופה אריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער באַוועגונג האָבן זייער הויך געשאַצט און אַרויסגעוויזן דאַנקבאַרקייט צו די פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר זייער אויפקלערונגס־טע־טיקייט. ווען אַלטער, איז, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין פּאַנעווזש, געקומען דעם לעצטן מאָל אויף דער פאַרזאַמלונג פון קרייז, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ באַרשט, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט, און זיך געוועג־דעט צו מיר מיט די פאָלגענדע ווערטער: „אין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם, וואָס איר האָט געמאַכט פון מיר, האָב איך אייך געבראַכט אָט די קליינע מתנה; אַ סאָציאַליסט דאַרף זיין ריין נישט נאָר מאָ־ראַליש, נאָר אויך קערפּערלעך און אויסערלעך"... מיין גאַנץ לעבן האָב איך נישט פאַרגעסן אָט־די ווענדונג. אין אַ פּאָר איינפאַכע

דזשאָן מילל

ווערטער האָט ער אויסגעדריקט אַ שטיק סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיע. און יעדעס מאָל, ווען איך נעם די באַרשט אַריין אין מיין האַנט — איך האָב זי נאָך עד היום, זי איז שוין אַלט 54 יאָר — דערמאָן איך זיך מיט אַ געפיל פון אַנטציקונג יענע פשוטע, אָבער אויך מערקווירדיקע ווערטער.

דאָס בילד וואָלט נישט געווען פולשטענדיק, אויב איך וואָלט דאָ נישט דערמאָנט איינעם, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין סאָציאַליסטישע דערציאונג ביי מיר אין קרייז און געענדיקט זיין סאָציאַליסטישע קאַריערע אַלס אַן עקעלהאַפט־באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס מיט אים האָט פאַרקלונגען נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע: ישראל־מיכל קאַפּלינסקי, אויב איך האָב נישט קיין טעות איז דאָס געווען ש. ר. סעגאַל, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין קרייז. אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָט ער זיך אויסגעלערנט שלאָסעריי, פון וועלכער ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען 3 רובל אַ וואָך און אייביק געהונגערט. צו די פּראָפּאַגאַנדע אָוונטן פלעגט ער אַלע מאָל קומען אַ פאַדמאַטערטער, אַן אָפּגעלאָזענער, אַ פאַרשלאָפענער, אַ פאַרחושכטער, אַ מענטש אָן לעבן. ווען ער פלעגט זיך אַוועקזעצן אויפן שטול, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס איז פאַראַליזירט — זיינע הענט און פיס פלעגן ווי מאַכטלאָז אַראָפּהענגען, זיין גאַנצער קערפּער איינגעבויגן. אפשר איז דאָס געווען פון מידקייט אפשר פון פוילקייט. קיין מאָל האָב איך אים נישט געהערט לאַכן און קיין מאָל נישט געזען אַ שמייכל אויף זיין פּנים. איך האָב שוין נישט געוואוינט אין ווילנע ווען ער האָט אָנגעהויבן צו באַדינען די באַוועגונג, דער עיקר אין טעכנישע ענינים. ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די ערשטע אומלעגאַלע אידישע דרוקעריי. די ראָל וואָס קאַפּלינסקי האָט געשפּילט אין טעכנישן באַדינען די באַוועגונג איז אַלעמען באַקאַנט.ביים ערשטן גרויסן דורכפאַל פון „בונד" איז קאַפּלינסקי און זיין פרוי מערע קריגעל אויך אַרעסטירט געוואָרן אין דער באַברויסקער דרוקעריי; מען האָט אים געגומען קיין מאָסקווע און דאָ האָט דער פוקס־ביטרער זובאַטאָוו, דער צאַרישער דינער און שפּיאָן, אים איינגערעדט צו ווערן אַן „אינפאָרמאַטאָר" וועגן דער

באַוועגונג. שוואַכער כאַראַקטער, פחדנות און די האַפענונג, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן אָפּצונאַרן זובאַטאָוון, זיינען מסתמא געווען די הויפּט־סיבות, צוליב וועלכע קאַפּלינסקי האָט אָנגעהויבן צו דינען דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. אַז קאַפּלינסקי איז געווען אַ פחדן האָב איך זיך איבערצייגט כמעט ערב זיין אַרעסט אין באַברויסק. דער „בונד" האָט זיך געניטיקט אין שריפט, איז אַ זעצער אַראָפּ־געקומען קיין וואַרשע, געפונען אַרבעט אין אַ לעגאַלער דרוקעריי און אָנגעהויבן יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט צו ברענגען מיר שריפט אויף צו באַהאַלטן. דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, און ווען עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל, איז אַראָפּגעקומען קאַפּלינסקי דאָס אָפּצונעמען. ער איז אָפּגעפאָרן בשלום, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום קריג איך אַ בריוול פון אים מיט דער ידיעה, אַז אַ שפּיאָן האָט אים נאָכגעפאָלגט און צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע האָט ער געמוזט די שריפט אַרויסוואַרפן פון צוג. איך בין כמעט געפאַלן אין חלשות פון גרויס צער... טיף אין מיין האַרצן האָב איך זייער געצווייפלט אינעם אמת פון קאַפּלינסקיס מעשה. נאָך מער, איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען פחדנות און ווייטער גאָר נישט.

אַזוי אָדער אַזוי, קאַפּלינסקי איז געפאַלן נידעריקער און נידע־ריקער און אויב ער וואָלט אפילו געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון זובאַ־טאָווס נעץ, וואָלט ער שוין נישט געקענט.

דאָס איז געווען אין 1906, אין לעמבערג, אויפן 7טן צוזאַמענ־פאָר פון „בונד". קאַפּלינסקי האָט אויסגעקוקט אומרואיק, פאַר־טראַכט, אומעטיק, קראַנק. געזעסן פאַרוקט אין אַ ווינקל און גע־שוויגן ווי ער וואָלט געווען שטום. ניין, נישט ווי אַן אַגרעסיווער און בייזוויליקער פּראָוואָקאַטאָר, נאָר ווי אַ צעשלאָגענער, צומזיקטער הונט האָט ער אויסגעזען. עס האָט זיך געוואָלט האָבן רחמנות אויף אים.

ווי עס איז באַוואוסט האָבן אים די באָלשעוויקעס דערשאָסן באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע . . .

גרויס איז געווען די צאָל די אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס

דזשאָן מיל

זיינען דורכגעגאַנגען דורך מיינע קרייזן. אָפּט פלעגט מיר אויס־
קומען איבערצוגעבן אַ טייל פון זיי צו אַנדערע ניי־פאָרמירטע קרייזן,
ווייל עס האָט געהערשט אַן איבערפלוס פון אינטעליגענטן, וועלכע
מען האָט געקענט אויסנוצן פאַר פּראָפּאַגאַנדע צוועקן, און עס וואָלט
געווען אַן עבירה איבערצולאָזן זיי „אָן אַרבעט". אַן אַנדער טייל,
שפּעטער, איז זיך צופאָרן — ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין אַפריקע
און ווער אין אַנדערע שטעט. געננוי וואו זיי זיינען, וואָס זיי זיינען
און וואָס זיינען זייערע איצטיקע נעמען, ווייס איך נישט.



אַרקאַדי קרעמער
אין די עלטערע יאָרן (1865—1935)

פּאַטי (סרעדניצקאַיאַ) קרעמער
(אין 1901)
געבוירן 1867. אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פֿון ווילנער געטאָ, סוף סעפּטעמבער 1943



נח — י. פּאָרטנוי
(בילד פֿון אַרום 1903)
(1872—1941)



דוד קאַץ (טאַראַס, וו. צאַגלין)

עס אָרגאַניזירט זיך אַ צענטער. די פּעריפּעריע. נחם ערשטע שריט

מיר זײַנען זאַלבעדריט געגאַנגען אויף דער טאַטאַרער גאַס — קאַפּעלזאָן, פּעסקין און איך — און װעגן עטװאָס געשמועסט. פּלוצ־לונג װערט אונזער געשפּרעך איבערגעריסן דורך קאַפּעלזאָנען, װעלכער מורמלט געהײמניספול װי צו זיך אַלײן: „אָט איז ער; ער איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג צוריק". אויף דער אַנדערער זײַט פון גאַס, אויפן טראָטואַר, איז אַ מיטלװאוקסיגער מאַן מיט אַ סימ־פּאַטישן אינטעליגענטן פּנים פאַרבײַגעגאַנגען מיט זיכערע, האַסטיקע טריט, געװאָרפן אַ שאַרפן, דורכדרינגלעכן בליק אין אונזער ריכטונג, אָפּגעדרײט דעם קאָפּ און באַלד פאַרשװאונדן. איך פרעג: „װער איז אָט־דער פאַרבײַגעגאַנגענער סודותפולער מענטש?" — „אָקאָרשט באַפרײַט פון טורמע; אָפּגעזעסן 6 חדשים אין ענין „פּראָלעטאַריאַט"; פאַרשיקט דאָ אויף 2 יאָר פּאָליצײ־אויפזיכט", ענטפערט קאַפּעלזאָן. און אין אַ װײַלע אַרום גיט ער צו: „איר װעט זיך באַקענען מיט אים הײַנט בײַנאַכט".

איך האָב זיך טאַקע באַקענט מיט אים דעם זעלבן אָװנט.

מיר זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען — אַ קלײן הײפל מענטשן. פון אָנפאַנג האָט זיך אונזער געשפּרעך נישט געקלעפּט. מער פון אַלעמען האָט גערעדט קאַפּעלזאָן, מאַכנדיק דערבײַ פון צײַט צו צײַט, װי עס איז געװען זײַן שטײגער, אַ פּאָר װיצן, אײַנגעגעבענע אָדער נישט אײַנגעגעבענע. די אַטמאָספער איז געװען אַן אָנגעצױגענע, װי דאָס טרעפט זיך, װען מען געפינט נישט אַ געמײנזאַמען לשון. אָבער באַלד האָט דער נײַ־אָנגעקומענער אָנגעהויבן זיך אַרײַנצומישן אין געשפּרעך, פריער אַביסל אומאַנטשלאָסן און דאַן דרײסטער און דרײסטער, ער האָט געשטעלט אינטערעסאַנטע פראַגן, געמאַכט פּראַק־טישע באַמערקונגען, און זוכנדיק אין אַלגעמײן צו קריגן אַ קלאָרן

דזשאָן מילל

בילד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין שטאָט. דער אופן, ווי ער האָט געשטעלט די פראַגן און געמאַכט די באַמערקונגען איז גע־ווען אַזאַ, אַז די געשפּאַנטקייט איז גיך פאַרשוואונדן און אַ פריינט־לעכע, חברשע אַטמאָספער האָט פאַרנומען איר פּלאַץ. נישט ווי אַ פּרעטענציאָזער אריינדרינגלער, ניט ווי אַן אויטאָריטעט אָדער פירער איז ער אַרויסגעטראָטן, נישט ווי אַ מענטש, וואָס וויל אונז לערנען, אדרבא, גראָד פאַרקערט, דער איינדרוק איז געווען אַז ער האָט גע־האָט אַ הייסן וואונטש צו לערנען זיך פון אונז, זיך צוהערן צו אונ־זערע פּלענער און האָפענונגען. אַ גרענעצלאָזע באַשיידנקייט האָט ער אַרויסגעוויזן, אַ נאַטירלעכע, נישט קיין קינסטלעכע. די־אַ באַשיידנ־קייט האָט געוועקט אַן אמתע, אַן אויפריכטיקע סימפּאַטיע צו אים ביי אַלע יענע, וואָס האָבן אים נאָך נישט געקענט ביז איצט. ביי מיר איז דאָס געווען „ליבע פון ערשטן קוק". און די ליבע איז געבליבן טיף איינגעוואָרצלט אין מיין האַרצן פאַר אַלע די לאַנגע יאָרן פון אונזער חברשאַפט, פריינטשאַפט אָדער געמיינזאַמען קאַמף — פון 1890 ביז 1935. וואַרימקייט און סימפּאַטיע דערוועקן זיך ביי מיר אויך איצט יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך וועגן אים אָדער איך הער זיין נאָמען.

דער ניי־אָנגעקומענער איז געווען אַרקאַדי קרעמער.

באַלד, אין משך פון עטלעכע חדשים, האָבן זיך באַזעצט אין ווילנע, איינער נאָך דעם אַנדערן, נאָך עטלעכע סאָציאַליסטן, מענטשן דערפאַרענע, מענטשן געליטענע, וועלכע האָבן שוין געקראָגן די רעוואָלוציאָנערע ברכה און דורכגעמאַכט די בויטיקע לייטערונג אין די צאַרישע תפיסות: די צאַנדאַקטאַרקע פּאַטי סרעדניצקאַיאַ, קרע־מערס צוקונפטיקע פרוי, וואָס איז אַקאָרשט אַרויס פון טורמע פאַר איר צוגעהעריקייט צו דעם פאַנטאַסטישן „סאַנקט־פּעטערבורגער טע־ראָריסטישן קרייז" און אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ווילנע; איסאַי איזענשטאַט (יודין, וויטאַלי), אַ סטודענט פון יורידישן ליצײ אין יאַראָסלאַוול, אַרעסטירט צוליב פאַראַט פון זיינעם אַ חבר און פריינט, אָפּגעזעסן 17 חדשים אין טורמע און זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע, וואו זיינע קרובים האָבן געוואוינט; ליובאַ לעווינסאָן, די צוקונפטיקע פרוי פון איזענשטאַטן, אַ סטודענטין פון דער שווייץ, אַרעסטירט אין

פּיאָנערן און בויער

1887 אויף דער רוסישער גרענעץ פּאַרן פּרואוו אַריבערצושמוגלען אומלעגאַלע ליטעראַטור און אַ בריוו פון ווערא זאַסוליטש. אָפּגעזעסן דריי יאָר אין פּראָווינציעלע טורמעס ביי די גרויזאַמסטע באַדינגונ־גען.

די באַוועגונג ווערט דורך אַט די נייע קרעפטן אומגעהויער באַרייכערט. עס ווערט אַריינגעצויגן אויך דער לערער גאַזשאַנסקי. זיי אַלע זיינען אויסגעשפּראָכענע מאַרקסיסטן, אַחוץ אייזנשטאַטן, וואָס האָט דאַמאָלט דעם מאַרקסיזם נאָך נישט אַקצעפּטירט אין זיין גאַנצן אומפאַנג. זיי וואַרפן זיך גלייך אריין אין דער אַרבעט, און גיבן איר אָפּ זייערע דערפאַרונגען אָדער קענטעניש, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. צו דעם צושטאַנד, ווען עס פעלט אָרגאַניזאַציע און עס הערשט כאַאָס אין דער פּראָפּאַגאַנדע, קומט אַ סוף. די באַוועגונג ווערט מער סיסטעמאַטיזירט, מער מאָדערניזירט, זי בויט אַ סאָלידן באָדן אונטער זיך און שטעלט זיך קלאָרע צילן. מיט דער כוונה צוצו־גרייטן איבערצייגטע מאַרקסיסטן־פּראָפּאַגאַנדיסטן ווערן געשאַפן קרייזן פון יונגע אינטעליגענטן מיט דער אויפגאַבע צו שטודירן די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. אין דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט ווערט אַריינגעטראָגן אַ ניי לעבן.

עס האָט זיך געבילדעט אַ צענטער, דער ערשטער אין דער פּיאָנערן־צייט. ער באַשטייט פון אַרקאַדי קרעמער, איסאַי אייזנשטאַט, ליובאַ לעווינסאָן, פּאַטי סרעדניצקאַיאַ, צמח קאָפּעלזאָן, ש. גאַזשאַנסקי און דזשאָן מילל. ער הויבט גלייך אָן צו פונקציאָנירן רעגלמעסיק און האָט וועכנטלעכע זיצונגען. די זיצונגען ווערן אָפּגעהאַלטן ביי גאַזשאַנסקין, אָדער קאָפּעלזאָנען, אָדער ביי מיר, אָבער מערסטענטיילס ביי גאַזשאַנסקין. דער צענטער נעמט איבער די אָנפירונג פון אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג. ער שטעלט פעסט פּלענער פון דער אַר־בעט, פּראָגראַמען פון פּראָפּאַגאַנדע; ער פאַרטיילט אין קרייזן די ניי־ווערבירטע אַרבעטער; ער גרינדעט נייע גרופּעס; האַלט אונטער באַציאונגען מיט אַנדערע שטעט און מיט אויסלאַנד; ער באַזאָרגט די אָרגאַניזאַציע מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור און אפילו מיט לעגאַ־לער. שפּעטער, ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט און די נויט אין צוגעפּאַסטער ליטעראַטור האָט זיך געלאָזט פילן אויף יעדן

דזשאָן מילל

טריט און שריט, האָט דער צענטער זיך גענומען אַרויסצוגעבן איי־
גענע ליטעראַטור: געשריבענע, העקטאָגראַפירטע, געדרוקטע.

מען נוצט שטאַרק אויס די פּעריפעריע, וועלכע איז באַשטאַנען
פון אַן אַנזעענדיקער צאָל אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס. מיט
דער דערעפנונג פון דער צענדאַקטאַר־שולע פון דזשיימס לעווי —
אַ געשמדטער אַמעריקאַנער איד — איז אַט־די צאָל נאָך גרעסער
געוואָרן. אפילו לעוויס זון העלפט אַביסל צו אין דער דאָזיקער
אַרבעט. זייער הילף איז פאַרשידן אין כאַראַקטער, און אין קוואַ־
ליטעט: זיי ווערן אויסגענוצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע, געלט־זאַמלונגען,
קאָנספּיראַטיווע שליחות, טעכנישע אויפגאַבן.

צו דער קאַטעגאָריע „פּעריפעריסטן" האָט דאַן אויך געהערט
נח פּאָרטנעי. אין ווילנער אידישן לערער־אינסטיטוט האָט ער גע־
הערט צו אַ קאָנספּיראַטיוון רעוואָלוציאָנערן קרייזל פון צוקונפטיקע
לערער — גאָדלעווסקי, פּין, גאָזשאַנסקי, א. אַ. זיי פלעגן לייענען
און דיסקוטירן אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס אייזנשטאַט פלעגט
זיי צושטעלן. באַלד נאָך דעם, ווי פּאָרטנעי האָט געענדיקט דעם
אינסטיטוט און איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ לערער אין אַן אָרטי־
קער קרוין־שול (אויף פּאָהולאַנקע אָדער נאָוואָגראָדער גאַס) הויבט
ער אָן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט.
ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, נח איז שוין דאַמאָלט גע־
ווען דער נח, וואָס מיר אַלע האָבן געקענט אַזוי גוט זינט 1900:
אין זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, אין זיין ערנסטקייט, אויסגע־
האַלטנקייט, טאַקט, אין זיין איבערגעבנקייט צו דער סאָציאַליסטישער
זאַך. ער האָט מיך איינמאָל איינגעלאַדן בייצוואוינען זיינע אַ לעקציע
אין קלאַס. זיין באַציאונג צו די שול־קינדער, די רואיקע באַמער־
קונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, זיינע אָנווייזונגען און דערקלערונגען,
די פריינטלעכע אַטמאָספערע, וואָס ער האָט באַשאַפן אַרום זיך, די
ליבע, מיט וועלכער ער האָט באַהאַנדלט די קינדער — אַלץ איז
געווען אַזוי טיפּיש — נחס, אַז מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן,
אַז אַזוי איז ער שוין געווען מיט 52 יאָר צוריק. אין ווילנע איז
נח נישט פאַרבליבן לאַנג און דעריבער האָט ער נישט דורכגעמאַכט
די גאַנצע פּיאָנערן־עפּאָכע. ער איז גיך באַשטימט געוואָרן פאַר אַ

פיאָנערן און בויער

לערער אין אַ רעגירונג־שול אין קאָוונע, וואו ער האָט זיך גלייך גענומען פאַר סאָציאַליסטישער אַרבעט נישט נאָר צווישן אידן, נאָר אויך צווישן פּאָלאַקן. דאָרטן ווערט ער נאָך אַ קורצער צייט צרעסטירט, פאַר זיינע פאַרבינדונגען מיט די אָנהענגער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", מיט קולטשיצ־קין בראש. ער ווערט אָפּגעהאַלטן אַרום דריי יאָר אין פּעטערבורגער טורמע „קרעסטי" און פאַרשיקט אויף 5 יאָר סיביר.

פּאַראַלעל מיט אונזער צענטער האָט זיך אויך קאָנסטיטואירט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט בלויז פון אַרבעטער. זי איז געווען אָפּ־געטיילט פון אונזער צענטער, דער עיקר צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים. אין יענע פאַלן, ווען עס איז נויטיק געווען צו באַהאַנדלען וויכטיקע ענינים אָדער אויסגלייכן שאַרפע שטרייטפראַגן, פלעגט מען אָפּהאַלטן געמיינזאַמע זיצונגען.

דזשאָן מילל

פּאָטי סרעדניצקאַיאַ. ליובאַ לעווינסאָן. איסאַי אייזנ־שטאַט. גאָזשאַנסקי (לנו)

די מיטגלידער פון צענטער זיינען נאַטירלעך נישט געווען אויס־געקנאָטן פון איין טייג. פאַרשידן זיינען זיי געווען אין זייערע פּער־זענלעכע אייגנשאַפטן, אין זייערע כאַראַקטערס, אין זייער בילדונג און פעאיקייטן, אין זייער באַציאונג צו חברים. אָבער זיי אַלע האָבן געהאַט איין זאַך געמיינזאַם: אַ גרענעצלאָזע איבערגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך און אַ שטאַלענעם ווילן אָנצופירן אַן אומ־ברחמנותדיקן קאַמף קעגן דעם רוסישן אַבסאָלוטיזם און אויפצובויען אַ רעוואָלוציאָנערע, אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דאָס איז געווען זייער אַלעמענס אַני מאַמין. אין דעם פּרט זיינען נישט געווען קיין שום אָפּנויגן און קיין שום פּשרות. די אַרבעטער האָבן אפשר אינ־סטינקטיוו און אפשר מיטן פולן באַוואוסטזיין באַגריפן זייער אָפּפער־וויליקייט, די ערנסטקייט, מיט וועלכער זיי באַציען זיך צו זייערע געזעלשאַפטלעכע פליכטן, זייער מאָראַלישע גרויסקייט; זיי האָבן מחמת דעם אַרויסגעוויזן צו זיי אַזוי פיל ליבע און אַכטונג. איך געדענק אַזאַ פאַקט: ווען אייזנשטאַט איז אין ווינטער 1891 אָדער 1892 קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָבן אַחוץ די אינטעליגענטן אויך די אַרבעטער אָרגאַניזירט אַ רעגלמעסיקע אויפזיכט ביי דעם קראַנ־קענס בעט, נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר זיך אָנצושטעקן מיט דער געפערלעכער קראַנקייט. וועגן קראַנקען־שוועסטערס און שפּי־טעלער איז אין יענער צייט נישט געווען וואָס צו טראַכטן. איין נאָ־ענטער אָנגעזעעענער אַרבעטער, אַ קאָמאַשענמאַכער, האָט זיך פון שרעק אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם באַשלוס פון זיינע חברים און איז מיט שאַנד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע!

אַלע מיטגלידער פון דעם ניי־באַשאַפענעם צענטער, פלעגן אָפּט פאַרנאַכלעסיקן זייערע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן, זיי האָבן

פיאָנערן און בויער

אָבער קיין מאָל נישט פאַרגעסן די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. זייערע אַלעמענס געדאַנקען זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף די דאָזיקע אויפגאַבן, זייער גאַנצע צייט געווידמעט דער רעאַליזירונג פון ציל. דאָס איז נישט אַ גוזמא. פּאַטי־סרעדניצקאַיאַ, ווען אַ זייטיקער באַאָבאַכטער וואָלט מסתמא געהאַלטן פאַר אַ זאָרגלאָזע לעבנסלוסטיקע מיידל, פאַר אַ שמעטערלינג וואָס פלאַטערט אַרום לייכטזיניק פון אָרט צו אָרט, האָט אין דער ווירקלעכקייט קיין מאָל נישט גערוט, זי איז אייביק געווען פאַרנומען מיט וויכטיקער אַרבעט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זי שוין אַמאָל כאַראַקטעריזירט ווי אַ „ביזי באָדי״ אין יענער צייט — אין שיינעם, גוטן, רעוואָלוציאָנערן זינען פונם וואָרט — מחמת דעם דעם אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען אין דער באַוועגונג. איר דענ־טיסטישער קאַבינעט איז געווען די הויפט־קוואַרטיר צו דערליידיקן אַלערליי אָרגאַניזאַציע ענינים. אייביק פאַרשמייעט, לויפט זי פון איין קרייז צו אַ צווייטן, באַזאָרגט זיי מיט ליטעראַטור, נעמט אָן אַנטייל אין די פאַרזאַמלונגען פון די קאַסעס, קאָרעספּאָנדירט, מאַכט איבערזעצונגען אויף אידיש, זוכט וואו צוזאַמענצוקלייבן אָדער אויסצובעטלען אַביסל נויטיק געלט. אַזאַ לעבן האָט זי געפירט ביז מען האָט זי אַ צווייטן מאָל אַרעסטירט, אין 1897, און פאַרשיקט אין דעם קליין שטעטל טשאַוסי, מאָהילאָוער גובערניע. איר פּאָ־פּולאַריטעט ביי די אַרבעטער איז געווען זייער גרויס.

נישט ווייניקער אַנערקענונג ביי די אַרבעטער האָט געוואונען אויך ליובאַ לעווינסאָן, איינע פון די מערקווירדיקסטע פרויען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער די באַציאונג צו איר איז געווען אַביסל אַן אַנדערע: אפשר מער דרך ארץ, אָבער נישט אַזוי פריינטלעך־אינטים. זי איז געווען אַן אמתע אינטעלעקטועלע אַריס־טאָקראַטקע און אפילו אַן אַריסטאָקראַטקע אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן און אין אירע באַציאונגען צו מענטשן. זי האָט פאַרמאָגט די קונסט צו האַלטן אַלעמען — מיט דער אויסנאַם פון עטלעכע גע־ציילטע חברים און פריינט — אויף אַ געוויסן מהלך פון זיך. זי האָט געוואוינט ביי אירע עלטערן. איר פאָטער, אַ „סוחר פון צוויי־

דזשאָן מילל

טער גילדיע", פלעגט איר נישט אַרויסלאָזן פון אויג, מורא האָבנדיק פאַר איר זיכערקייט. די גאַנצע משפחה איז געווען אַ העכסט קול־טורעלע, נישט קוקנדיק אויף דער וואַכזאַמקייט פון פאָטער, האָבן אַפילו ליובאַס ברודער — אַ יונגערמאַן אַ קריפּל — און בײדע שוועסטער, באַזונדערס בערטאַ, באַדינט די באַוועגונג אין אַ קלע־נערער אָדער גרעסערער מאָס. צו אירע אָרגאַניזאַציע־פליכטן פלעגט זי זיך באַציען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ערנסטקייט. אויך האָט זי געגאָלטן ביי די אַרבעטער ווי אַ פּעאיקע, און אויסגעצייכנטע פּראָפּאַגאַנדיסטקע, פלעגן זיי זיך פּשוט רייסן אין אירע קרייזן. אָבער זי אַליין פלעגט זיין זייער אויסקלייבעריש. פאַרן אַפּפאָרן פון ווילנע האָב איך איר איבערגעגעבן איינעם פון מיינע קרייזן. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי זי האָט אָפּגעשאַצט די אַרבעטער פון קרייז, צי זיי זיינען איר געפעלן געוואָרן. „זייער אַ סימפּאַטיש הייפל", האָט זי געענטפערט אויף מיין פראַגע, „אָבער וואָס איז מיט דעם שניידער? איידער צו לערנען מיט אים סאָציאַליזם, דאַרף מען אים פריער אויסלערנען זיך צו וואַשן — כאָטש איין מאָל אַ וואָך". דער שניידער איז געווען אַן אָפּגעלאָזן בחורל, וואָס האָט געאַרבעט ביי ליאָסן (רעוועקאַ ליאָסעס פאָטער).

אינם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט ליובאַ לעווינסאָן נישט געקענט נעמען קיין אָנטייל, זי איז געווען פאַרשיקט אין סיביר. אין 1902 איז זי געקומען קיין ניו־יאָרק איבערצולאָזן איר טעכטערל ביי איר שוועסטער בערטאַ סטאָון מיט דער כוונה זיך צוריקצוקערן קיין רוסלאַנד פאַר סאָציאַליסטישער אַרבעט. אָבער פאַרן אָפּפאָרן, אין אַ הייסן זומער־טאָג, איז זי דערטרונקען געוואָרן בעת זי האָט גענומען אַ וואַנע (יוני 1903).

ווען איסאַי אייזנשטאַט האָט חתונה געהאַט מיט ליובאַ לעווינ־סאָן, האָבן מיר אַלע געטראַכט, אַז דאָס איז געווען די בעסט־צוגע־פּאַסטע פּאָר. ווייל אים אויך האָט מען געקענט אין אַ געוויסן גראַד פאַררעכענען פאַר אַן אינטעלעקטועלן אַריסטאָקראַט. אַ מענטש מיט פיל בילדונג, מיט ספּעציפיש אינטעליגענטישע נויגונגען, האָט ער זיך געפילט מער אין דער היים אין אינטעליגענטישע ספערן. אין

פיאָנערן און בויער

דער פיאָנערן צייט איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט גע־האָט בלויז געציילטע אַרבעטער אויף פּראָפּאַגאַנדע. קרייזן פון אינ־טעליגענטן זיינען אים געלעגן נענטער צום האַרצן. אמת, אין אָדעס האָבן אים די אומשטענדן אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ גראַנדיאָזן סטרייק, אָבער דאָס איז געווען אַן אויסנאַם. זיינע אַמ־ביציעס האָבן אים געפירט אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט באַזעסן אַ לייכטע פעדער, און אים האָט אַממייסטן געצויגן צו ליטעראַרישער אַרבעט, און ער איז טאַקע פאַררעכנט געווען פאַר אַ באַגאַבטן זשורנאַליסט. אין די קורצע אָטעם־פּויזעס, ווען ער איז געווען אויף דער פריי — און דאָס איז געווען זעלטן, ווייל ער האָט געהאַט דעם „גליק" צו זיין אַרעסטירט און פאַרשיקט אַ האַלב טוץ מאָל — פלעגט ער אָפט זיין מיט־רעדאַקטאָר און מיט־אַרבעטער אין פאַרשידענע פּאַרטיי־אויסגאַבן.

די זיצונגען פון צענטער פלעגן פאָרקומען, ווי שוין געזאָגט, מערסטענסטייל ביי גאָזשאַנסקין. פון שטאַנדפּונקט פון קאָנספּיראַציע איז זיין דירה געווען דאָס בעסטע אָרט פאַר אַזעלכע צוזאַמענקונפטן. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער לערער אין שטאָט, אַן מין מלוכה־באַאַמטער, האָט אונטערגעהאַלטן באַקאַנטשאַפט מיט אַ סך פּאָלי־טיש־כשרע בירגער, געוואוינט אין אַ נישקשהדיקער קליין־בירגער־לעכער וואוינונג אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסן הויז, ווייט פון שכנותדיקע אויגן. דאָס, וואָס „ביזנעס איז ביזנעס" מיינט פאַר אַן אַמעריקאַנער, האָט פאַר אים געגאָלטן „געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז געזעלשאַפטלעכע אַרבעט", און די פאַרהאַנדלונגען אונזערע האָבן אַלע מאָל, אָן אַן אויסנאַם, געמוזט זיך פירן זאַכלעך, פּינקטלעך, ערנסט, אָן זייטיקע אָפּווייכונגען. אפילו אַן אומשולדיקער וויץ אָדער אַ שמייכל איז געווען אין זיינע אויגן אַ „גאָט־לעסטערונג", אַ פאַר־ברעכן. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט פלעגט ער מיט אַמאָל ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש: אַ גאַסט־פריינטלעכער באַלעבאָס, וואָס פלעגט אונז טראַקטירן נישט נאָר מיט טיי און מיט ווילנער געשמאַקע בייגל, נאָר אויך... מיט אַ שיינעם ליד. ער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע און זייער האָלט געהאַט צו זינגען די באַוואוסטע אַריע פון מאָניוש־קאָס אָפּערע „האַלקאַ". ער האָט זיך אָבער געשעמט פאַר אַזאַ „אָפּ־

דזשאַן מילל

ווייכונג פון ערנסטקייט" און פלעגט זינגען פון אַ פינצטערן דער־בייאיקן צימער, לאָזנדיק די טיר אָפן, אַז מיר זאָלן קענען גוט הערן. אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ טרוקענער מענטש, אַ פעדאַנט, און זיין פּראָפעסיע — פון אַ „קאַזיאָנעם" פּעדאַגאָג — האָט מסתּמא אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף זיין כאַראַקטער. אָבער מען דאַרף אים געבן אַ סך קרעדיט: ביז זיין אַרעסט אין ביאַליסטאָק אין יאַנואַר 1896 האָט ער געבראַכט דער באַוועגונג אַ קאָלאָסאַלן נוצן. ער האָט פאַראיינהייטלעכט און סיסטעמאַטיזירט די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. דאָס איז געווען ער, וואָס האָט אויסגעפונען דעם אַלטן געזעץ פון 1789, אַרויסגעגעבן נאָך פון יעקאַטערינאַ II, אַ געזעץ וואָס האָט איצט געגעבן די אידישע האַנטווערקער־אַרבעטער אַ לעגאַלן באָדן צום קאַמף פאַר אַ 10 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. אין צייט פון איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע איז ער געווען פון די שטאַרקסטע און דערפאָלגרייכסטע באַקעמפער פון דער אָפּאָזיציע. אין צענטער איז ער געווען דער איינציקער, — אחוץ פּאַטין — וואָס האָט געקענט גוט אידיש, און אַ גאַנצע רייע וויכטיקע אידישע בראָשורן זיינען פון אים פאַרפאַסט געוואָרן.

אין סיביר, אין פאַרשיקונג, קומט פאַר אַ גרויסע פאַרענדערונג אין אים. ער הויבט אָן זיך צו וואַקלען, צו צווייפלען. נישט אין סאָציאַליזם איבערהויפּט, נאָר אין איניקע זיינע קאָנקרעטע זייטן, און איניקע באַגלייט־דערשיינונגען פון דער באַוועגונג. ער פאַלט אַרונטער אונטער דעם איינפלוס פון איינעם מאַכאַיסקי, אַן אָפּאָזיציאָנער מיט אַנאַרכיסטישע טענדענצן, וואָס זעט אין דער אינטעליגענץ דעם קוואַל פון אַלע צרות און מפּלות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און וואָס רופט די אַרבעטער פּטור צו ווערן פון דער אינטעליגענטישער פירערשאַפט און אריינצונעמען אין אייגענע הענט זייער גורל. ווען ער קומט צוריק פון סיביר, זאָגט ער זיך אָפּ פון מאַכאַיסקיס קרעדאָ, אָבער ער הויבט אָן זיך אַרומצוטראָגן מיט אַן־אַ־צאָל נייע ספקות, און אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" קען מען זיך נישט געבן קיין עצה מיט אים. (1906).

אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה איז גאָזשאַנסקי געווען



איסאַי יודין־אייזנשטאַט
(1937—1867)

ליובאַ לעווינסאָן־אייזנשטאַט
(1903—1866)



פּ. אַנמאַן (פּאַול ראָזענטאַל)
(1924—1872)

אַנאַ ראָזענטאַל
(געבוירן 1872, אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ג־ פּ. או. אין 1939, אין ווילנע. אין 1941 שפּורלאָז פאַר־שוואונדן. לויט אַן אינפאָרמאַציע פון דער סאָוועטישער מאַכט, — גע־שטאָרבן אין תפיסה)

פיאָנערן און בויער

אַ פאַרביסענער אָנהענגער פון נאַציאָנאַלער אחדות און פון פאַר־
טיידיקונג פון רוסלאַנד — פון צאַרישן רוסלאַנד!

נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ער זיך איבער־
געקוליעט און, ענלעך צו אַנדערע איבערגעקוליעטע, אַטאַקירט ער
די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמאָל און פון איצט מיט די
נאַרישסטע אַרגומענטן.

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

אַרקאַדי קרעמער

איך מיין, אַז עס איז דאָ איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער גוף און די נשמה, דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון דער אידישער אַר־בעטער־באַוועגונג אין דער פּיאָנערן־צייט איז געווען נישט קיין אַנ־דערער ווי אַרקאַדי קרעמער. אַ מענטש מיט אַ קלאָרן קאָפּ, מיט אַ גייסטיקן און פּאָליטישן גלייכגעוויכט, מיט גרויסע אָרגאַניזאַטאָ־רישע פעאיקייטן, מיט אַן אייזערנעם ווילן האָט ער נישט געקענט נישט ווערן אַן אויטאָריטעטער פירער. רואיק און אַנאַליטיש פלעגט ער צוטרעטן צו ניי־אַרויפגעשוואומענע פּראָבלעמען און זוכן אַ תשובה אויף זיי. ביים דורכפירן אין לעבן נייע פּראַקטישע אויפ־גאַבן פלעגט ער אַלעמאָל אויסגעפינען די מיינונגען אפילו פון די אינגסטע חברים און זוכן זייער הילף — און דאָס האָט געמאַכט פון זיי זיינע נאָכפאָלגער און באַגייסטערטע פּאַרערער. אָבער נישט בלויז געזעלשאַפטלעך, נאָר אויך פּערזענלעך האָט ער גענאָסן אַן אומגלויב־לעכע צוציאונג־קראַפט. אַ פּשוטער, אַ דעמאָקראַט לויט זיין לעבן־שטייגער און לויט זיינע באַציאונגען צו חברים און צו מענטשן בכלל, אַן ספּעציפיש אינטעליגענטישע גענג, איז ער גלייך געוואָרן באַליבט ביי אַלעמען און ביי יעדערן. די מאָראַלישע שיינקייט זיינע האָט אימפּאָנירט יעדן, וואָס האָט אים געקענט. אַ סך וואָלט מען גע־קענט וועגן דעם דערציילן. הערט בלויז איין עפּיזאָד אַלס אַ ביישפּיל. אין 1891 קריג איך אַ בריוול פון מיין זיידע־באָבען איך זאָל קומען צו זיי אויף פּסח און גלייכצייטיק מיטברענגען מיט זיך עטלעכע פונט פּסחדיקע שמאַלץ, זיי האָבן געגלויבט, אַז אין ווילנע קען איך דאָס קריגן ביליקער און בעסער, ווי אין פּאָנעוועזש. אָבער וואָס ווייס איך וועגן שמאַלץ, וואו צו קויפן און וויפיל צו צאָלן? פרעג איך אונזער חבר סאָלאָמאָן דעם קצב און ער גיט מיר אַן עצה צו קויפן דורך אים טריפע און ער וועט דאָס באַאַרבעטן אַזוי, אַז קיינער

פּיאָנערן און בויער

וועט נישט קענען זען דעם אונטערשייד. עס האָט געטראָפן, אַז איך האָב דעם זעלבן טאָג געזען אַרקאַדין און איך געדענק נישט אין וועלכן צוזאַמענהאַנג איך האָב אים דערציילט וועגן דעם ענין. ווי אַ פּאַרוואונדעטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און מיט בייזע, ווילדע אויגן, כמעט מיט האַס, אַריינגעשליידערט מיר אין פּנים אַריין: „ווי קענט איר דאָס טאָן אַזאַ עקלדיקע, אַזאַ אָפּשוי־לעכע זאַך?! דאָס הייסט דאָך פאַראַטן דעם צוטרוי, וואָס אייערע באָבע־זיידע האָבן צו אייך! ווי האָט דאָס געקענט אַריין אין אייער קאָפּ?!" אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם האָט ער נישט געוואָלט ריידן מיט מיר. און אויך סאָלאָמאָן האָט געקראָגן פון אים אַ גוטן גאָב...

אַרקאַדי איז נישט געווען נישט קיין שרייבער און נישט קיין רעדנער. אין משך פון זיין לאַנג־יאָריקער פּאַרטיי־פּאָליטישער טעטיקייט האָט ער מער נישט אָנגעשריבן ווי די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", אַ פּאָר קליינע אַרטיקלען און, צוזאַמען מיט פּאַטין, דאָס קאָמפּילאַטיווע ביכל „דער אַרבעטס־טאָג". און פונדעסטוועגן: דער טאָנגעבער איז געווען ער, און נאָר ער. אויף יעדן טריט און שריט, אין אַלע ספּערעס פון דער באַוועגונג, אין אַלע פאַזעס פון איר אַנט־וויקלונג האָט זיך געלאָזט שפּירן זיין גייסט. אָפט לייענט מען וועגן דעם אָדער יענעם „לעגענדאַרן" טוער אין דער באַוועגונג, אָבער אין דער פּיאָנערן־צייט איז געווען נאָר איין פּערזאָן, וואָס האָט געהערט צו אָט־דער קאַטעגאָריע — און דאָס איז געווען אַרקאַדי.

עס איז שווער צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט ער האָט געהאַט און מיט וואָס פאַר אַ ליבע מען האָט זיך באַצויגן צו אים. יעדערער, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, יעדער ראַדיקאַלער סטודענט אָדער ליבע־ראַל, ווען זיי פלעגן באַזוכן ווילנע, פלעגן זיי האַלטן פאַר אַן אומ־באַדינגטן חוב זייערן און באַטראַכטן עס פאַר אַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן זיך צו זען און זיך דורכשמועסן מיט אַרקאַדין. זיין אויטאָריטעט איז קיין מאָל נישט געווען אָרויפגעצוואונגען. אין פאָרם פון פּראַגעס, אויף אַן אומוועג, אומדירעקט, כמעט אומבאַמערק־לעך פאַר זיינע חברים אָדער אָפּאָנענטן, פלעגט ער ווירקן אויף זיי

אַזוי, אַז זיי פלעגן סוף כל סוף אָננעמען זיין שטאַנדפּונקט אָדער זיינע פּראַקטישע פאָרשלאָגן. דער סוד פון זיין דערפאָלג איז געלעגן, ווי מיר דוכט זיך, אין זיין פעאיקייט צו פאַרבלייבן שטענדיק אויף אַ רעאַלן באָדן און אויך אין די אייגנשאַפטן פון זיין פערזאָן: אין זיין וואַרימער באַציאונג צו מענטשן, אין זיין באַשיידנקייט, אין זיין פאָלקסטימלעכקייט, אין זיין איבערגעבנקייט אָן אַ גרענעץ צו דער אַרבעטער־זאַך.

אין דער רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער באַוועגונג גע־דויערט עס אָפט לאַנגע יאָרן, ביז אימיצער ווערט אַן אַלגעמיין אָנערקענטער פירער. מיט אַרקאַדין אָבער איז געשען אַ נס: ער איז דאָס געוואָרן, מען קען זאָגן, אויף מאָרגן נאָך זיין קומען פון פּעטערבורגער טורמע. ווען ער האָט געענדיקט די ווילנער רעאַל־שולע, איז ער נאָך קיין סאָציאַליסט נישט געווען, כאָטש ער האָט שוין פאַרמאָגט געזעלשאַפטלעכע פּראָאינטערעסירונגען און איז גע־ווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט. זיין סאָציאַליסטישע־מאַרקסיסטישער וועלט־באַנעם האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט פריער אין פּעטערבורג און שפּעטער אין ריגע. אָבער זיין גאַנצע אָריענטאַציע איז נאָך נישט געווען אויף דער באַוועגונג צווישן אידן, נאָר אויף רוסלאַנד בכלל. אַרבעטן פאַר דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען זיין ציל. בעת ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אין ווילנע, האָט ער אפילו נישט געחלומט וועגן דעם, אַז דער אומ־פאַרמיידלעכער, לאָגישער רעזולטאַט וועט זיין — אַ אידישע סאָציאַ־ליסטישע מאַסן־באַוועגונג.

מיט יאָרן שפּעטער האָט קרעמער אין אַן אַרטיקל אין „אונזער צייט" (וואַרשע, פעברואַר 1928) געשריבן: „די ערשטע גרינדער פון די אַרבעטער־קרייזלעך אין ווילנע האָבן נישט אין זינען געהאַט קיין ברייטע אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטער־מאַסע גופא; זיי האָבן בלויז געוואָלט אויסבילדן איינצעלנע מער אַנטוויקלטע אַרבעטער, זיי דערפירן צום סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, זיי צו־גרייטן פאַר אַגיטאַטאָרן פאַר רוסלאַנד, פאַר די אינדוסטריעלע צענטערס — פאַר דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס. דער סאָציאַליס־טישער געדאַנק פון יענער צייט האָט נישט געזען נאָך די מעגלעכ־

פיאָנערן און בויער

קייטן פון אַ באַוואוסטזיניגער קלאַסן־באַוועגונג צווישן אַרבעטער פון קליינע וואַרשטאַטן, און נאָך מער צווישן די אידישע צעזייטע און צעשפּרייטע איינצעלנע אַרבעטער אין די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן"...

אַרקאַדי האָט דאָ אַ טעות. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, איז שוין די שטימונג דאָ געווען אין אַ גרויסער מאָס אַן אַנדערע. אַ סך פון אונז האָבן נישט געקוקט מיט אַרקאַדיס אויגן אויף די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די פּראָ־פּאַגאַנדע־קרייזלעך, ווי נאָר אויף אַ רעזערוואואַר פון אַגיטאַטאָרס פאַר די רוסישע אינדוסטריעלע צענטערס. מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר אַסימילאַטאָריש געשטימטע אינטעליגענטן און אַ האַלבן טוץ אַרבעטער, פלעגן זיי, פאַרקערט, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן אויפנעמען יעדן פאַל, ווען דער אָדער יענער טוער פלעגט באַשליסן צו פאַר־לאָזן די אידישע אַרבעטער־סביבה און זיך באַזעצן אַרבעטן צווישן רוסן. עס מאַכט נישט אויס, צי אַזאַ סענטימענט איז געקומען פון דער איבערצייגונג, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַ זעלבשטענדיקן באַטייט און אַז זי פאַרמאָגט אַ פּאָטענציעלן רעוואָ־לוציאָנערן כוח—אָדער נישט. אין דעם פאַל איז דאָס נישט געווען אַזוי וויכטיק. פאַר אייניקע זיינען מאָסגיביק געווען אויך אַנדערע טעמים. אָבער דער אויבנדערמאָנטער סענטימענט האָט עקזיסטירט, און זיי, די דאָזיקע טוער, האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס זאָלן סיסטעמאַטיש אַוועקגיין איינצעלנע מער אַק־טיווע און מער גייסטיק אַנטוויקלטע פון צווישן די אַרבעטער און אַז מען זאָל זיי אַוועקשיקן אין די רוסישע שטעט און אויף אַזאַ אופן זאָל מען כסדר באַרויבן די אידישע מאַסע פון אירע נאַטירלעכע פירער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער חוב איז צו בלייבן צווישן די אידישע מאַסן: אין ווילנע צי אין מינסק, אין ביאַליסטאָק צי אין גראָדנע, אין וואַרשע צי אין די אַנדערע שטעט פון תחום.

דער גרויסער דערפאָלג פון דער אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער האָט באַלד אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה אפילו אין די יעַ־ניקע, פאַר וועמען די דאָזיקע טעטיקייט האָט געזאָלט זיין מער נישט ווי אַ צייטווייליקע, ווי אַן איבערגאַנגס־אַרבעט. די ערשטע

פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין לעבן. די גרויסע צאָל אַרבעטער־קרייזלעך האָבן שוין נישט געטראָגן קיין ציַיטווייליקן צעשוואומענעם כאַראַקטער. אַ סטריַיק־כוואַליע האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער ווילנע און אַנדערע שטעט. און די טענדענץ זיך אַרויסצוריַיסן פון דער אייגענער סביבה און זיך לאָזן אויף אַ וויַיטן וועג צו די „בריַיטע" רוסישע אַרבעטער־מאַסן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און איז אין גיכן כמעט אין גאַנצן פאַרשוואונדן. די אָריענטאַציע איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ „אידישע": גיין מיט אַ גרעסערן אימפּעט אין די אידישע מאַסן, זען זיי אויפצוהויבן קולטור־רעל, גייסטיק, מאָראַליש, פּאָליטיש, אָרגאַניזירן זיי און פירן אין קאַמף.

מיט אַרקאַדין איז אָט די דאָזיקע איבעראַנדערשונג פאָרגעקומען גיכער ווי מיט אַנדערע. אָבער דער וואונטש, די שטרעבונג צו העלפן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף אַלע מעגלעכע אַנדערע אופנים איז קיין מאָל נישט פאַרשוואונדן — נישט ביי אַרקאַדין און נישט ביי קיינעם פון זיינע חברים. דאָס איז געווען מער ווי אַ וואונטש אָדער שטרעבונג — דאָס איז געווען אַ לעבנס־פראַגע, אַ פּרינציפּ. דער צוזאַמענבונד מיט די רוסישע אַרבעטער, דאָס געפיל פון סאָלידאַריש־קייט מיט זיי איז געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. אפילו דאַמאָלט, ווען די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז שוין געווען שטאַרק און די רוסישע באַוועגונג נאָך צושטויבט, צעריסן, שוואַך און אָנמעכ־טיק, — אפילו דאַמאָלט איז קיינער פון אונז נישט געווען מסופק אויף אַ מינוט אין איר אומפאַרמיידלעכן וואוקס. מען האָט געגלויבט אין אירע דרימלענדיקע כוחות, אין איר פעאיקייט ענדלעך צו גע־פינען דעם ריכטיגן וועג און אַרויסגיין אויף דער אַרענע פון רוסישן פּאָליטישן לעבן.

פאַר אַרקאַדין איז דאָס געווען אַן „אידעע פיקס". עס איז גע־ווען זיין פאַרדינסט, הויפּטזעכלעך אין אָנהויב, אָט די פילזייטיקע און סיסטעמאַטישע הילף, וואָס די אָרגאַניזאַציע אין ווילנע האָט געגעבן די רוסישע אָרגאַניזאַציעס: אַביסל אומלעגאַלע ליטעראַטור דאָ, אַביסל דאָרטן; אַ העקטאָגראַף פאַר פּעטערבורג, פּאַפּיר פאַר קיעוו; דער שמוגל פון רוסישער ליטעראַטור פון אויסלאַנד, דער

פיאָנערן און בויער

„טראַנספּאָרט״, אַוועקגעשטעלט אויף אַ סאָלידן יסוד. שפּעטער אַביסל איז דאָס געוואָרן אַ קאָמפּליצירטע און פאַרצווייגטע אַרבעט, אין וועל־כער עס האָבן שוין אָנטייל גענומען אַ סך מענטשן, אָבער אין אַרקאַדיס הענט איז פאַרבליבן איר גאַנצער מעכאַניזם.

יאָ, אַרקאַדי איז געווען איינע פון די שענסטע פיגורן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַמאָליקן רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. נאָר אַ דאַנק זיין באַשיידנקייט, זיין אָרגאַנישער שנאה נישט נאָר צו שרייענדיקער רעקלאַמע, נאָר צו „פּובליסיטי״ בכלל, און טיילוויז אפשר אַ דאַנק דער שטרענגער קאָנספּיראַציע, וואָס האָט געהערשט אין יענער פּיאָנערן־צייט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אַרקאַדיס נאָמען דאַמאָלט נישט געווען אַזוי ברייט באַוואוסט, ווי ער האָט דאָס פאַרדינט. אָבער מיר, זיינע מיטאַרבעטער און פריינט, ווייסן זייער גוט, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָל ער האָט געשפּילט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ; וואָס פאַר אַ גרויסע השפעה ער האָט געהאַט אויף אַ גאַנצן דור סאָציאַליסטן. אין דער פּיאָנערן־צייט זיינען נישט געווען קיין סך אַרקאַדיס, עס איז געווען נאָר איין אַרקאַדי קרעמער.

דזשאָן מילל

דער ערשטער מאַי, 1892

שוין אין דער פּיאָנערן־צייט האָט מען באַטראַכט דעם מנהג צו פייערן היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערע יום טובים און וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן פאַר שכלדיק, נוצלעך און פּאָליטיש דער־ציעריש. פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, די „קאָסעס", דער טאָג־טעג־לעכער קאַמף מיט די באַלעבאַטים, געוויינלעכע פאַרזאַמלונגען — און אפילו קליינע סטרייקן, — דאָס איז געווען וואָכעדיק, רוטין און האָבן נישט געקענט אַרויסרופן ביי די אַרבעטער יענע עמאָציעס, וועלכע ווערן אַרויפגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך בלויז דורך נישט געוויינלעכע אומשטענדן. באַזונדערס דערהויבענע אָדער יום טובדיקע שטימונגען פלעגן ווערן אַרויסגערופן דורך די גאָר ספּע־ציעלע מיטינגען, פאָרטראָגן און די ספּעציעל צוגעפּאַסטע ליטעראַ־טור, געווידמעט אַזעלכע באַדייטונגספולע געשעענישן, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789, דער דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד, די באַפרייאונג פון די רוסישע פויערים דורך אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דער ערשטער מערץ 1881 — דער טאָג פון דערהרגענען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, די רעוואָלוציעס פון דעם יאָר 1848, די פּאַריזער קאָמונע, דער טראַגישער סוף פון דער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" און נאָך. די צוגרייטונגען צו די פאַרזאַמלונגען, די רעדעס וועגן די געשעענישן, וועגן זייערע סיבות און באַדייטונג און וועגן זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע פאָלגן פלעגן איבעררייסן די מאָנאָטאָנישקייט אין דער אָרגאַניזאַציע. דאָס לעבן פון די אויסלענדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פלעגט אויך דינען פאַר אַן אָפּטע טעמע פאַר אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. זייער קאַמף און זייערע נצחונות פלעגן אַרויסרופן די גרעסטע פרייד, זייערע קאָנגרעסן — אַלזייטיקן אַנאַליז און קריטיק. די באַשלוסן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ברוסעל, אין 1891,

צום ביישפיל, זיינען געווען אַרומגערעדט אין דער ברייט און אין דער לייננ. די משונהדיקע רעזאָלוציע וועגן אַנטיסעמיטיזם און פילאָסעמיטיזם האָט מען אויפגענומען מיט אַן אויפריכטיקן פאַר־דרוס. דער פאַקט, וואָס אַב. קאַהאַן, דער דעלעגאַט פון די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, האָט אויפגעהויבן די אידישע פראַגע, איז אויפגענומען געוואָרן מיט לויב אפילו דורך די פאַרביסנסטע אַסי־מילאַטאָרן צווישן אונז.

אָבער קיין זאַך האָט נישט אַרויסגערופן ביי די אידישע אַר־בעטער אַזאַ פאַראינטערעסירונג, ווי דאָס פּראָקלאַמירן (אין 1889) דעם טאָג פון ערשטן מאַי אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן יום טוב און אַלס אַ טאָג פון מאַניפעסטאַציע פון כוח פון אַרבעטער־קלאַס. די פאָדערונג פון אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג — דאַמאָלט אַ זייער רעוואָלוציאָנערע פאָדערונג, — די סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער משפחה, דער געמיינזאַמער קאַמף געגן דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע — דאָס אַלץ האָט אָנ־געפילט די הערצער פון די אַרבעטער מיט שמחה און אַרויסגערופן זיי אויף אַ ווילע פון די ענגע ראַמען פון געוויינלעכער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט. און ווען אין 1891 זיינען דערגאַנגען צו אונז די ידיעות וועגן די ערשטע פּרוּוון צו פייערן דעם ערשטן מאַי אין פּוילן, האָבן מיר גלייך אַ טראַכט געטאָן, אַז אין דעם קומענדיקן יאָר וועט אפשר אויך אויף אונז קומען די רייע.

און זי איז געקומען.

די ערשטע מאַי־פייערונג אין ווילנע, אין 1892, האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג. צום ערשטן מאָל זיינען אָרגאַ־ניזירטע אידישע אַרבעטער, אַ סך פון זיי כמעט מאַסן־מענטשן, אַרויסגעטראָטן מיט פּאָליטישע פאָדערונגען. אָבער נישט דאָס אַליין, נאָר דער פאַקט, אַז עס זיינען שוין פאַראַן אַזוי פיל אידישע אַרבע־טער, וואָס פאַרשטייען די באַדייטונג פון ערשטן מאַי, די נויטיקייט און דעם ווערט פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, האָט אַרויסגערופן אַן אמתע סענסאַציע אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון יענער צייט. כאָטש די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט שוין

דזשאָן מיל

דאַמאָלט אָנגעהויבן אָנצונעמען די פאָרמען און דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג, איז זי נאָך פונדעסטוועגן פאַרבליבן פאַרקאָנספּירירט, אָפּגעצאַמט פון פרעמדע אויגן, אַ סוד פאַר אַלע יענע, וואָס זיינען נישט געשטאַנען נאָענט צו אירע אַקטיווע און אָנפירנדיקע טוער. אין רוסישע און אַנדערע נעענטערע רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט מען נאַטירלעך געוואוסט, אַז אַן אינטענסיווע סאָציאַליסטישע אַרבעט ווערט געפירט צווישן אידישע אַרבעטער, אָבער קיינער פון זיי האָט אפילו נישט געחלומט, אַז די אַרבעט זאָל שוין האָבן געבראַכט אַזעלכע גלענצענדיקע רעזולטאַטן, און אַז אַזוי פיל אידישע אַרבעטער זאָלן קענען אַרויסווייזן אַזאַ טיפע פּאָליטישע פאַרשטענדעניש.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען הינטערן שטאָט, אין זווערינעצער וואַלד, אין אַ גרויסן הויז, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ מיל. צוליב קאָנספּיראַציע טעמים זיינען געווען איינגעלאַדן מער נישט ווי הונדערט זייער שטרענג און פאָרזיכטיק אויסגעקליבענע אַרבעטער און אַרבעטערינס. און גרויס איז געווען דער פאַרדרוס פון די צאָלרייכע נישט איינגעלאַדענע, ווען זיי האָבן שפּעטער אַביסל זיך דערוואוסט וועגן דער אָפּגעהאַלטענער פאַרזאַמלונג.

אויך צוויי דעלעגאַטן פון דער אינטעליגענץ האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער פיירונג. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די באַוועגונג האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטן סיי אין צענטער סיי אין דער פעריפעריע, איז פונדעסטוועגן באַשלאָסן געוואָרן — ווידער צוליב קאָנספּיראַציע — צו שיקן צו דער פאַרזאַמלונג מער נישט ווי צוויי.

און אויך די צוויי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן מיט געוויסע שוועריקייטן. ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער אָרט, איז דער אָנפירנדיקער צענטער פון דער באַוועגונג באַשטאַנען פון צוויי טיילן — פון אַן אַרבעטער־צענטער און פון אַן אינטעליגענטן־צענטער, וועלכע פלעגן צוליב פּאָליצייאישע באַדינגונגען האָבן סעפּאַראַטע זיצונגען. די צוויי פאָרשטייער פון אינטעליגענטן־צענטער האָבן געדאַרפט אויסגעקליבן ווערן פון אים אַליין, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דריי קאַנדידאַטן זיינען אַרויסגעשטעלט

פּיאָנערן און בויער

געוואָרן: אַרקאַדי קרעמער, איסאַי אייזנשטאַט און איך. וועגן אַרקאַדין איז געווען קלאָר, — און אַלע האָבן אין דעם איינגעשטימט — אַז ער מוז זיין אויף דער פאַרזאַמלונג. וואָס איז שייך אייזנשטאַטן און מיר, האָבן די שטימען זיך צעטיילט גלייך אויף גלייך און אַזוי ווי קיינער פון אונז האָט נישט מסכים געווען אָפּצוטרעטן, האָט מען פאָרגעשלאָגן דעם אַרבעטער־צענטער אויסצוגלייכן דעם ענין. נאָך אַ סעפּאַראַטער באַראַטונג האָט דער אַרבעטער־צענטער אַנאָנסירט, אַז ער האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל זיין דער צווייטער דעלעגאַט. עס איז איבעריק דאָ צו דערציילן ווי גליקלעך און שטאָלץ איך האָב זיך געפילט. איך האָב זיך געפילט ווי אויפן זיבעטן הימל. איך בין דאָך געווען נאָך אַזוי יונג...

די ערשטע־מאַי פאַרזאַמלונג איז אַדורך אין אַ באַגייסטערטער און ערנסטער אַטמאָספער.

די ערשטע „רעדע" האָט געהאַלטן אַרקאַדי. די צווייטע — איז געווען מיינע. איך שרייב „רעדע" אין גענזפיסלעך, ווייל דאָס זיינען גאָרנישט געווען קיין רעדעס. דאָס זיינען געווען אָנגעשריבענע רעפעראַטן, אויף רוסיש; טיפּישע אינטעליגענטישע „רעדעס" סיי לויט דער שפּראַך און סיי לויטן אינהאַלט. איך גלויב נישט, אַז אפילו אַ טוץ פון די אָנוועזנדיקע זאָל זיי האָבן פאַרשטאַנען. יעדנ־פאַלס געדענק איך נישט, אַז אימיצער פון זיי זאָל ווען־עס־איז שפּעטער האָבן דערמאָנט די „רעדעס" אָדער קאָמענטירט זיי. אָט די רעדעס זיינען פשוט פאַרביי אומבאַמערקט, און נישט איבערגע־לאָזן דעם קלענסטן איינדרוק.

אָבער גאָר אַנדערש איז געווען מיט די פיר רעדעס, וואָס עס האָבן געהאַלטן די שניידערינס פאַניע רעזניק און העלענע געלפאַנד, דער יאוועליר מאָטל מייזעל און דער קאַמאַשן־שטעפּער גערשאָווסקי. כאָטש איצט, יען מען לייענט זיי, קלינגען זיי נאַאיוו, זיינען זיי אָבער פאַר יענער צייט געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, אַן אַנטדעקונג. זייערע מחברים האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון קלאַסנבאַ־וואוסטזיין, פון פּאָליטישער רייפקייט, פון סאָציאַליסטישער אָריענ־טאַציע און פּערספּעקטיוו. און אויך פון ליטעראַרישן שטאַנד־פּונקט זיינען זיי געווען דרוק־פעאיק. טאַקע צוליב זייער ליטעראַ־

דזשאָן מילל

רישע דרוק־פעאיקייט און זייער היסטאָרישער באַדייטונג האָבן מיר באַשלאָסן אָוועקצושיקן די פיר רעדס צום „פּאָטער" פון רוסישן מאַרקסיזם — פּלעכאַנאָוון. קיין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט אים האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר זיי געשיקט יאָגיכעסן (גראָזאָווי־סקין) מיט דער בקשה איבערצוגעבן עס פּלעכאַנאָוון.

צו יענער צייט איז יאָגיכעס — ווי אויך זיין פרוי ראָזאַ לוק־סעמבורג — געווען מיט פּלעכאַנאָוון „אויף מעסערס". אַנשטאָט איבערשיקן די פיר רעדעס צו פּלעכאַנאָוון, האָט ער דעריבער זיי אַליין אָפּגעדרוקט, מיט אַ הקדמה אָנגעשריבן מיט לוקסעמבורגס הילף. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז די הקדמה האָט קיינעם פון אונז נישט באַ־פרידיקט.

יענע מאַי־פייערונג האָט נאָך געבראַכט אַן אַנדער „סענסאַציע" — אַ נעגאַטיווע. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געענדיקט און מען האָט ׳זיך געקליבן פאַנאַנדערצוגיין, איז גאָר אומדערוואַרטעט אַרויסגעטראָטן דער שניצער אַ. גאָרדאָן — אַ באַגאַבטער אַרבעטער, אַן אמתער פּראָדוקט פון דעם פּראָפּאַגאַנדע פּעריאָד. אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין באַגאַבטקייט, האָט אים פונדעסטוועגן געפעלט די פעאיקייט זיך צו אָריענטירן אין די זיך גיך בייטנדיקע אומשטענדן און אין די נייע באַדינגונגען פון דער וואַקסנדיקער אַרבעטער באַ־וועגונג. ער איז פּשוט נישט געווען אימשטאַנד זיך צוצופּאַסן צו די נייע מעטאָדן פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט, וואָס זיינען לאָגי־שערהייט אַרויסגערופן געוואָרן פון מאַסן־כאַראַקטער, וואָס די באַ־וועגונג האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען. זיין „רעדע", וואָס ער האָט איבערגעלייענט פון אַ מאַנוסקריפּט, איז געווען אַ בייזע אַטאַקע אויף די אינטעליגענטן, אַ שאַרפע קריטיק פון זייער פירערשאַפט, פון זייערע נייע אָרגאַניזאַציעס־ און פּראָפּאַגאַנדע־מעטאָדן, אַ באַשול־דיקונג, אַז זיי ווילן נישט באַפרידיקן אויף אַ געהעריקן אופן די גייסטיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער און נאָך ענלעכעס. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען די צייט, ווען מען האָט אָנגע־הויבן אַריבערצוגיין פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע, פון ענגן קרייזל־טום צו אַ מאַסן־באַוועגונג, פון רוסיש צו אידיש. די נייע טאַקטיק איז דיקטירט געוואָרן פון גרויסן דערפאָלג פון דער סאָציאַליסטישער

פיאָנערן און בויער

טעטיקייט צווישן די אידישע ארבעטער אין ווילנע. צאָלרייכע און אָפטע סטרייקן האָבן אַרומגעכאַפּט כמעט אַלע פאַכן; טרייד־יוניאָנס („קאַסעס") האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע פּראָפעסיעס. עס איז אויס־געוואַקסן אַ דרינגענדע באַדערפעניש אין אַ אידיש וואָרט, אין ליטעראַטור אויף אידיש. אָבער דער פּראָפּאַגאַנדע־פּעריאָד האָט דערצויגן אַן אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען אָפּגעזונ־דערט פון די מאַסן און וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס גאָרדאָנס „קריטיק" האָט געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן; און עס איז באַלד אויסגעוואַקסן אַן „אָפּאָזיציע", וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ווילנע. די אָפּאָזיציע האָט באַלד אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן מאַסן־אַגי־טאַציע קעגן סטרייקן, קעגן אידיש.

די מאַי־פייערונג פון 1892 איז יאָרן־לאַנג געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילן, און זיסע דערינערונגען וועגן איר האָבן געלעבט ביי אַלע אירע אָנטייל־נעמער. צום באַדויערן האָט דאָס זעלבע יאָר אויך איבערגעלאָזן אַ ביטערן טעם. עס זיינען געקומען די טרויעריקע ידיעות פון לאָדז. צענדליקע טויזנטער אַרבעטער, האָבן בעת דער פייערונג פון ערשטן מאַי, פאַרוואַנדלט דעם פּראָלעטאַרישן יום טוב אין אַ פאַרמעלן, שענדלעכן אַנטי־אידישן פּאָגראָם. די ידיעה האָט געווירקט ווי אַ דונער פון אַ העלן הימל. אַלע פּרוואוון ריינצוואַשן די שולדיקע, אַלע דערקלערונגען, אַז בלויז כוליגאַנעס און אונטערוועלט־פּאַר־שוינען, אויפגעהעצט דורך דער צאַרישער פּאָליציי, האָבן דורכגעפירט דעם פּאָגראָם, זיינען נישט געווען איבערצייגענד. נישט דערפאַר, נאַטירלעך, ווייל דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר הורקאָ האָט טעלעגראַפירט דער לאָדזשער מאַכט: „נישט שפּאָרן קיין פּאַטראָנעס" און פון פּעטערבורג האָט מען אָנגעזאָגט „שיסן אָן רחמים" אין די פּאָגראָמשטשיקעס. אפילו קינדער האָבן געקענט פאַרשטיין, אַז די טעלעגראַמעס זיינען געווען דיקטירט נישט פון וואונטש צו באַשיצן די אידן, נאָר פון מורא, אַז דער פּאָגראָם זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען

דזשאַן מילל

אין אַנטי־רעגירונג אומרוען. אַ פאַקט איז, אַז דער פאָגראָם איז געווען די אַרבעט נישט בלויז פון כוליגאַנעס, וועלכע זיינען אויפ־געהעצט געוואָרן דורך דער רוסישער פּאָליציי, נאָר הויפּטזעכלעך פון אַרבעטער און פויערים.

אונזער יום טובדיקע שטימונג האָט דורך די לאָדזשער גע־שעענישן געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ...

פיאָנערן און בויער

די אָפּאָזיציע

די אַזוי גערופענע „אָפּאָזיציע" אין דער פּיאָנערן־צייט פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג איז אָפיציעל געבוירן געוואָרן אויף דער 1טער מאַי פאַרזאַמלונג אין 1892. אָבער שוואַכע סימנים פון איר האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן אַ געוויסע צייט פריער אין דער פאָרם פון ספּאָראַדישער קריטיק פון די נייע טענדענצן אין דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אַגיטאַטאָרישער טעטיקייט פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען געטאָן באַהאַלטענערהייט, „קאָנספּי־ראַטיוו", הינטער די קוליסן. מען האָט גרינג אויסגעפונען ווער עס איז געווען דער לייטענדער גייסט נישט נאָר פון דער „פּרינציפּיעלער" קריטיק, נאָר אויך פון די קליינלעכע, אומגערעכטע, אָפט בייזוויליקע, אָפט פּערזענלעכע, מערסטענטייל אומזיניקע אַנפאַלן אויף די פירער פון דער באַוועגונג. פון אָנפאַנג האָבן מיר דאָס אויפגענומען זייער לייכט און גוטמוטיק. מיר האָבן אָפט פּשוט איגנאָרירט סיי די מחברים פון די אָנפאַלן, סיי אויך דעם אינהאַלט פון די אָנפאַלן גופא. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אַזעלכע קליינלעכע אַרויסטרעטונגען זיינען כאַראַקטעריסטיש נישט פאַר דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַליין, אַז אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס לעבן מיט אַן אומלעגאַלן לעבן, קרענקען אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אויף אַזעלכע חולאתן, אויף אַזעלכע „אָפּאָזיציעס". דאָרטן, וואו דאָס פּאַרטיי־לעבן פירט זיך אין דער אונטערערד, איז געוויינלעך אַ ווירקלעכע אָדער אַ כלומרשטע פּערזענלעכע באַליידיקונג, אַ קנאה צו די חברים, וואָס האָבן זיך גיכער אַרויסגערוקט אין דער באַוועגונג, נישט גענוג אויפמערקזאַמע באַציאונג מצד די העכערע אינסטאַנצן, נאַכלעסיקייט אין דער באַפרידיקונג פון קולטורעלע און אַנדערע באַדערפענישן, אַז עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ באָדן פאַר אומצופרידנקייט און „אָפּאָזיציעס". — אָבער באַלד האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַט־דער, אין גרונט גענומען, פּערזענלעכער מאָמענט איז געווען בלויז אַ זייט־פּראָדוקט פון דעם עצם פון אונ־זערע מחלוקותן. אויף פּאַרזאַמלונגען און אין די דעבאַטן און אויך פון די אַנאָנימע בריוו, וואָס דער לידער פון דער אָפּאָזיציע, דער שניצער אברהם גאָרדאָן, פּלעגט פּאַנאַנדערשיקן, האָט מען מער אָדער ווייניקער געקענט קריגן אַ באַגריף פון די פּאָרוואורפן, פון די הויפּט טענות און פון דער „פילאָזאָפיע" פון אונזערע קריטיקער.

די גאַנצע טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, דער אופן ווי די אַרבעט איז געווען אַוועקגעשטעלט, דער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, זייער קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש, די מיטלען צום ציל און די צילן זעלבסט—אַלץ איז געווען שלעכט, פאַלש, שעדלעך אין גאָרדאָנס אויגן. איבערחזרנדיק דעם אַמאָליקן פּאָרוואורף פון די רוסישע „פאָלקסטימלער" (נאַראָדניקעס) צו די באַזיצנדיקע און געבילדעטע קלאַסן, אַז זיי זיינען שולדיק בילדונג צו די רוסישע פאָלקס־מאַסן און ווילן נישט צאָלן דעם חוב, האָבן אונזערע אָפּאָזיציאָנערן אָנגעווענדעט דעם פּאָרוואורף צו דער אי־דישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און אין צוגאָב פאַרגעוואָרפן איר, אַז זי וויל בכיון האַלטן די אידישע אַרבעטער אין פינצטערניש און אומוויסנהייט כדי זיי זאָלן בלינדערהייט איר נאָכפאָלגן. נאָכ־מאַלפעוונדיק די אַנאַרכיסטן, האָבן זיי געטענהט, אַז די אינטעליגענץ וויל האָבן געהאָרכזאַמע אַרבעטער מיטן ציל צו קענען זיי אויסנוצן פאַר אירע אייגענע פּאָליטישע שטרעבונגען און אַז די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער ליגן נישט די אינטעליגענטן אין דער לינקער פּיאַטע... אָבער דאָס אַלץ פלעגט געוואָרפן ווערן אין דער היץ פון די דעבאַטעס. אין רואיקערע מאָמענטן, פּנים־אל־פּנים, זיינען די חלוקי־דעות פאָרמולירט געווען דורך די אָפּאָזיציאָנערן אומגעפער אַזוי:

די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַשטייט אין אויס־אַרבעטן קריטיש־דענקענדע, באַוואוסטזיניקע מענטשן; בלויז יענע, וואָס זיינען גוט צוגעגרייט טעאָרעטיש, קענען נעמען אַן אַנטייל אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, אין דער עקאָנאָמישער און פּאָלי־טישער באַוועגונג; אפילו געוויינלעכע סטרייקן קענען אָרגאַניזירט

פיאָנערן און בויער

און געפירט ווערן אויסשליסלעך דורך גוט צוגעגרייטע באַוואוסט־זיניקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, אַ גוט צוגעגרייטער סאָציאַל־דעמאָקראַט? אַן אַרבעטער, וואָס איז נישט איבערפלעכלעך, נאָר גרינטלעך דער־גאַנגען צו ברייטער בילדונג, וואָס פאַרשטייט די טעאָריע פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם אין געזעלשאַפטלעך ־ פּאָליטישע פראַגן און דאַרוויניזם אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. בכדי צו פאַרשטיין אָט־די צוויי טעאָריעס דאַרף מען פריער פאַר אַלץ האָבן אַלס אַ יסוד אַן אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונג, און אַזאַ צוגרייטונג איז נישט מעגלעך זיך פאַרצושטעלן אָן גוטע קענטעניש פון אַ שפּראַך — אין דעם פאַל רוסיש, — ווייל אויף אידיש זיינען נישט פאַראַן (דאַמאָלט) קיינע נויטיקע ביכער, קיין ליטעראַטור. עס איז קלאָר, אַז אַרויס־גייענדיק פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, האָבן די אָפּאָזיציאָנערן נישט געקענט זיין צופרידן מיט די פאַרגעקומענע פאַרענדערונגען. אמת, ביז 1890 האָט זיך די פּראָפּאַגאַנדע טאַקע געפירט כמעט אויף אַזאַ אופן — די רוסישע שפּראַך, אַלגעמיינע בילדונג, נאַטור־וויסנשאַפט, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגן און אַזוי ווייטער. נאָך דעם האָט מען שוין געמאַכט אַ קער אין אַן אַנדער ריכטונג. די אויפמערקזאַמקייט און אַלע כוחות זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן נישט אויף אויסצואַר־בעטן איינצעלנע באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן, נאָר אויף צו פאַר־ברייטערן די אַרבעט, אויף צוצוגעבן איר אַ מאַסן־כאַראַקטער. די אָפּאָזיציע איז אויף אַזאַ אופן געווען אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג; זי האָט פאַרגעשטעלט אַ קאַמף פון פאַרשטיינערטע אַנהענגער פון פּראָפּאַגאַנדע קרייזלעך קעגן אַ מאַסן באַוועגונג. די אידייע פון קלאַסן־קאַמף איז איר געווען דורכאויס פרעמד. אַריסטאָקראַטן אין זייער קלאַס, האָבן די אָפּאָזיציאָנערן געפאָדערט וויסנשאַפט, וויסנ־שאַפט און וויסנשאַפט. בילדונג איז געוואָרן אַ זעלבסט־ציל. דער־גרייכן דעם סטאַטוס פון דער אינטעליגענץ — זייער אידעאַל.

דאָס איז געווען די ערשטע פאַזע פון דער אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג, — די מילדערע, וואָס איז נישט געווען אימשטאַנד אין גאַנצן אָפּצושטעלן דעם פּולס פון דעם אָרגאַניזאַציע־לעבן. געוויס, מען האָט געדאַרפט פירן אָפטע דעבאַטן, פאַרלירן צייט און

כוח, אָבער די אַרבעט האָט זיך אין אַלגעמיין ווייטער געפירט כמעט נאָרמאַל. מען קען דאָס אָבער נישט זאָגן וועגן דער צווייטער פאַזע, וואָס האָט זיך אָם בולטסטן אַנטפּלעקט מיט אַ יאָר שפּעטער און וואָס איז געווען אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון דער ערשטער. זי האָט גע־טראָגן דעם זעלבן שעדלעכן, רעאַקציאָנערן כאַראַקטער; זי איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער מאַסן־באַוועגונג. איך רייד וועגן דער רעאַקציע קעגן אריינפירן אידיש אין פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. די פירער פון דער אָפּאָזיציע זיינען געווען די זעלביקע. די זוימען פון אומצופרידנקייט און פּראָטעסט זיינען גע־פאַלן אויף אַ מער פרוכטבאַרן באָדן, ווייל אַ אידיש וועלטלעך־קול־טורעל לעבן האָט דאַן פאַרט נישט עקזיסטירט, עס האָט נישט עקזיסטירט אַ אידישע פּרעסע, אַ אידישע ליטעראַטור, און אין צו־גאָב צו אַלע צרות האָבן די אינטעליגענטן אַליין נישט געקענט ריידן אידיש. מיט גרויסע שוועריקייטן פלעגן זיי מוזן געפינען די בויטיקע טערמינאָלאָגיע פאַר די איינפאַכסטע באַגריפן, וואָס זיי האָבן גע־ברויכט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט.

פאַר דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך געשטעלט אַ קאָלאָסאַל־שווערע אויפגאַבע: באַשאַפן אַזאַ ליטעראַטור — אין איבערזעצונג פון פרעמדע שפּראַכן אָדער אַן אָריגינעלע, — ווערן דער שטופּער און אויפמונטערער פון אַלע, וואָס שרייבן אָדער קענען שרייבן אויף אידיש, באַזונדערט פון יענע, וועמענס שרייבן האָט געהאַט אַ סאָציאַלן מאָטיוו. די לאָגיק פון די געשעענישן האָט זיי גופא געשטויסן מיט אַן אייזערנער קראַפט וואָס גיכער זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און וואָס אַם שנעלסטן זיך אויסצולערנען אידיש. אויף דעם האַרטן, דערנערפולן וועג זיינען זיי אַרויפגעטראָטן און אים מיט דערפאָלג דורכגעגאַנגען, נאָכן גובר זיין אַלע שווערי־קייטן.

די אָפּאָזיציע האָט נישט עקזיסטירט לאַנג. אָן דער אינטעליגענץ וואָס פאַר פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך האָט זי געקענט האָבן? אָן די קרייזלעך וואו האָט זי געקענט זוכן בילדונג? האָט די גרעסטע צאָל אָפּאָזיציאָנערן זיך צוריקגעקערט צו אונז. אַ קליינער טייל איז אין

פיאָנערן און בויער

גאַנצן אַוועק פון דער באַוועגונג און עטלעכע געציילטע זיינען אַריבער־געלאָפן צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — צו דער פוילישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און צו דער גרופּע „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ״.

דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פאַר דער „אָפּאָזיציע״ און אַרום סוף פון 1894 איז פון איר קיין זכר נישט געבליבן.

דזשאָן מילל

די „האַלב־אינטעליגענטן"

דער איבערגאַנג פון רוסיש צו אידיש האָט ברייט געעפנט די טויערן פאַר אַן „אינוואַזיע" פון עלעמענטן, וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען אין אַ זייט פון דער באַוועגונג אָדער געווען מיט איר אין אַ זייער שוואַכער באַרירונג. דאָס זיינען געווען די „האַלב־אינטעליגענטן", אַ שיכט, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער אינטעליגענץ און די פאַלסק־מאַסן; זייער בילדונג איז געווען אַ היימישע, נישט קיין „פּאַטענטירטע" אין די רעגירונגס שול־אינסטיטוציעס. זייער אויסגעצייכנטע קענטעניש פון דער אידישער שפּראַך, זייער נאָענטקייט צום אידישן לעבן, זייער באַקאַנטשאַפט מיט דער פּסיכאָלאָגיע, טראַדיציעס און מנהגים פון די אידישע מאַסן האָבן געבראַכט דערצו, אַז גאָר גיך האָבן זיי פאַרנומען אַן ערנהאַפטן אָרט אין דער באַוועגונג אַלס איבערזעצער, שרייבער, פּאָליטיקער, רעדנער, אַגיטאַטאָרס. עס איז גענוג צו דערמאַנען בלויז עטלעכע נעמען, ווי סערגיי זעלדאָוו (נעמאַנסקי), איליאַ ראַזנבערג, צעמאַכאָוויטש, מאַקס טאָביאַש, זעלדאָוס פּרוי טייבעטשקע (אַשמיאַנסקי) און שפּעטער דער גלענצנדער רעדנער און שריפטשטעלער חיים יאַנקל געלפאַנד (ליטוואַק), בכדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ באַדייטנדיקע ראָלע זיי האָבן געשפּילט. אימיצער, האָט, ריידנדיק וועגן זייער השפּעה אויף דער אַנטשטייאונג און פאָרמירונג פון נאַציאָנאַלע טענדענצן אין דער אידישער אַרבעטערבאַוועגונג, פאַרזיכערט, אַז טאַקע אָט די „האַלב־אינטעליגענטן", וואָס זיינען געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, האָבן אַריינגעטראָגן אַ נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. דאָס איז דורכאויס פאַלש. ביז 1895 איז די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע קיין מאָל נישט געווען באַרירט אָדער דיסקוטירט. די דעבאַטן וועגן דער רעזאָלוציע פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריוסל אין 1891 קעגן אַנטיסעמיטיזם האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע. אפילו די ערשטע סימנים פון ציוניזם

(חובבי־ציון) האָבן קיינעם נישט פאַראינטערעסירט. סיי די אינטע־ליגענטן און סיי די אַרבעטער האָבן זיך באַציגן צו דער אויפגעקומע־נער ציוניסטישער באַוועגונג מיט אַן אַבסאָלוטן גלייכגילט. דער אויפ־קומענדיקער ציוניזם האָט געוואונען אַ קליין הייפל אַנהענגער אין דער אַרטיקער צאַן־אַרצטלעכער שולע, וואו עטלעכע סטודענטן און סטו־דענטקעס האָבן זיך געהיצט צוליב דעם „נייעם אידעאַל אין אידישן לעבן". אָבער אין אַלגעמיין איז די באַוועגונג געווען קליין, אומבאַ־דייטנדיק, און קיין השפעה אין געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט געהאַט. מיר פלעגן מיט איר אין קיין שום באַרירונג נישט קומען. נאָר איין מאָל, ווי איך געדענק, האָבן מיר געהאַט מיט די ווילנער חובבי־ציון אַ מין צוזאַמענשטויס. ווען דער ציוניסט וו. טיאָמקין איז געקומען קיין ווילנע — אַרום 1892 — האָבן זיינע פריינט צונויפגערופן אין אַ פּריוואַטן הויז אַ געהיימע פאַרזאַמלונג; ער האָט דאָרטן דורכגעלייענט אַ רעפעראַט וועגן דעם אויפקום, אַנטוויקלונג און די צילן פון דער פּאַלעסטינישער באַוועגונג. מען האָט אויך איינגעלאַדן אַ פּאָר פון אונזערע חברים, אָבער אַנשטאָט אַ פּאָר זיינען מיר געקומען אין אַ צאָלרייכער גרופּע. דער רעפעראַט האָט אַנטהאַלטן די באַוואוסטע אַר־גומענטן פאַר פּאַלעסטיניזם און די נישט ווייניקער באַוואוסטע קריטיק פון דער „האָפנונגסלאָזער עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג". דער רעפערענט האָט גערעדט וועגן „באַציאַנאַלער ווידערגעבורט", און קעגן „רענע־סאַנס", וועגן „די פוסטע חלומות פון אַ גליקלעכער צוקונפט אין גלות", וועגן „אילוזאָרישקייט פון אינטערנאַציאָנאַליזם", וועגן דעם, אַז „דער באַפרייאונגס־קאַמף וועט מער שעדיקן ווי העלפן די אידן, ווייל ער וועט אַרויסרופן רדיפות און פּאָגראָמען" און אַזוי ווייטער אין דעם זעל־ביקן גייסט. נאָך טיאָמקינס רעפעראַט האָט איסאַי איזנשטאַט אַרויסגע־נומען פון קעשענע אַ ביכל און אָנגעהויבן צו ציטירן אַן אַרטיקל וועגן דער אידישער פראַגע פון שטאַנדפונקט פון סאָציאַליזם. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער אַרטיקל אין „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי", וואָס איז געווען פאַרפאַסט פון דעם באַוואוסטן נאַראָדאָוואָליעץ און שפעטער — סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער רובאַנאָוויטש (איליאַשעוויטש). צווישן די פאַרזאַמלטע האָט דאָס אַרויסגערופן אַ סענסאַציע און אין שטאָט האָט מען נאָך דעם אַ סך גערעדט וועגן דעם אינצידענט.

דזשאַן מילל

דאָס איז געווען דער איינציקער פּאַל פון אונזער עפנטלעכער באַגעגעניש מיט די ציוניסטן אין יענער צייט.

אין די נאַציאָנאַלע טענדענצן, וועלכע זיינען כלומרשט געווען סטימולירט דורך די „האַלב־אינטעליגענטן”, זיינען די לעצטע נישט מער „שולדיק”, ווי די איבעריקע שיכטן פון דער באַוועגונג. פאַר־נעמענדיק אַ באַזונדערן, זייער אייגענעם אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַ פאַרבינדונגס־גליד צווישן דער אינטעלי־גענץ און די פאָלקס־מאַסן און האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן דעם גיכערן איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע, פון רוסיש צו אידיש. דאָס איז געווען זייער אַ באַזונדערער און עיקר־פאַרדינסט.

פּאַוול בערמאַן אין ווילנע און מינסק.
א. ליעסינס „אָפּאָזיציע״

זינט עס האָט זיך געגרינדעט דער צענטער פון דער אָרגאַניזאַ־ציע ביז 1893 זיינען אַחוץ די עטלעכע „האַלב־אינטעליגענטן״ צוגע־קומען בלויז דריי נייע באַוואוסטע טוער. פּאַוול בערמאַן איז געקומען פון פּאָנעוועזש אין 1891, א. מיטניקאָוויטש („גלעב״) פון דייטשלאַנד אין 1892, מאַרטאָוו („אַלעקסיי״, צעדערבוים) פון פּעטערבורג אין אָנהייב פון 1893. פּאַוול האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשטעלט ביי מיר און איך האָב אים גלייך אַריינגעפירט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן צו ווערן אַן אַרבעטער און „גיין אין פאָלק״. צוערשט האָט ער באַשלאָסן זיך אויסצולערנען שלאָסעריי. דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן — די אַרבעט איז געווען צו שווער און עס וואָלט גע־נומען צו פיל צייט זיך אויסצולערנען. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף בוכבינדעריי, און אין צוויי וואָכן, האָט ער — גוט אָדער שלעכט — דעם פאַך זיך אויסגעלערנט, אָבער קיין אַרבעטער איז ער נישט גע־וואָרן, ציען חיונה פון בוכבינדעריי האָט ער נישט געקענט, איז דער קוואַל פון זיינע פּאַרדינסטן אויף לעבן געוואָרן דאָס געבן פּריוואַטע לעקציעס, וואָס איז אגב, געווען דער קוואַל פון אונזער אַלעמענס חיונה. זיין פאַנטאַסטישער פּלאַן, הייסט עס, האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. איך וויים נישט, פאַרוואָס בערמאַנען איז נישט געלונגען איינצולעבן זיך אין ווילנער פּאַרטיי־לעבן. ער איז דאָ אָפּגעווען נישט מער ווי אַ יאָר און האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין מינסק. אפשר האָט ער געהאַלטן פונם שפּרוך, אַז עס איז בעסער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף איידער דער לעצטער אין אַ גרויסער שטאָט, כאָטש מינסק איז ווייט נישט געווען אַ דאָרף און ער איז געוויס נישט געווען דער לעצטער אין ווילנע. אפשר, נישט קענענדיק אַריינטרעטן

דזשאָן מילל

אַלס אַ פּרייוויליקער אין דער אַרמיי אין ווילנע, האָט ער געהאַפּט צו קריגן אַ בעסערן שאַנס אין מינסק — און אין דעם פּרט האָט ער נישט געהאַט קיין טעות. אפשר זיינען געווען אויך אַנדערע, פּערזענלעכע מאָטיוון, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט דעם ווילנער „אוניווערזיטעט" פון סאָציאַליזם און פון פּראַקטישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער אין 1892 אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, וואו ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און ווידער אויפגעלעבט און אויפגעבויט די באַוועגונג וואָס איז דאָרטן געווען צעפאַלן און רואינירט; ער האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף זייער אַ הויכער מדרגה. די ווידערגעבורט און דער קאָלאָסאַלער אויפשוואונג פון דער מינסקער באַוועגונג איז טאַקע הויפּטזעכלעך געווען צו פאַרדאַנקען בערמאַנען — „הויפּטזעכלעך", וויל פון די פריערדיקע אַרטיקע טוער איז נאָך פאַרבליבן יעווגעניאַ גורוויטש, און זי האָט אים מיטגעהאָלפן מיט „ראָט און טאַט". מיט דער צייט האָבן זיך אַרום אים גרופּירט אַ היפּש ביסל טוער מיט באַקאַנטע נעמען, ווי ליובא יוזעפאָוויטש, באָריס פרומקין, טיומין, קאַנטאָראָוויטש, סלעפּיאַן און אַנדערע. די פאָרם פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע, די מעטאָדן פון קאַמף, דער אינהאַלט פון פּראָפּאַגאַנדע — אַלץ איז געווען אַ גענויע קאָפּיע פון דעם, וואָס בערמאַן האָט געזען און געלערנט אין ווילנע. און פּונקט אַזוי ווי די ווילנער, האָט ער אויך זיך געטראָפן מיט אַלערליי שטערונגען און שוועריקייטן, וואָס ער האָט געמוזט גובר זיין. איינע פון זיי איז געווען אַ ספּעציפיש מינסקער אָפּאָזיציע, אָנגעפירט פון אברהם וואָלט (ליעסין). ליעסינס אומצופרידנקייט איז געווען נישט פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישער, אָדער אַלגעמיין טאַקטישער נאַטור, נאָר פון נאַציאָנאַלער. די באַציאונג פון די אידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער קרייזן צו די פּראָבלעמען פון אידישן לעבן איז געווען דער באָדן, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן ליעסינס אָפּאָזיציע. די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען נישט געווען געגנוג אידיש פאַר אים. אין זייער אַרבעט, אין זייער פּילזייטיקער טעטיקייט האָט ער געוואָלט זען נישט בלויז אַרבעטער־און סאָציאַליסטישע פּאָליטיק, נאָר אויך אידישע פּאָליטיק. באַטראַכטנדיק דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט נישט

פיאָנערן און בויער

נאָר ווי אַ טייל פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך ווי אַ טייל פון אידישן פאָלק, האָט ער נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַ אידישער אַרבעטער מאַסן־באַוועגונג אָן אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. אויף אַזאַ אופן האָט ליעסינס אָפּאָזיציע זיך פאַרמירט נישט אויפן באָדן פון טעאָריע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר אויפן באָדן פון דעם, וואָס מען האָט נישט גענוג אַרויסגעבראַכט איר אידישן כאַראַקטער. דאָס איז נישט געווען פאַלעסטינאָפיליזם און אויך נישט אַ קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, נאָר אַ נעפּלהאַפטע פאָדערונג צו אונטערשטרייכן דעם אידישן כאַראַקטער און גייסט אין דער באַוועגונג.

אויף דער דאָזיקער שטעלונג איז ליעסין פאַרבליבן ביז זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. טראָץ זיין אָפּאָזיציע אין מינסק, איז זיין באַציאונג צו די ווילנער אויף אַ האָר נישט געענדערט געוואָרן. זי איז געווען די האַרציקסטע, די פריינטלעכסטע ווי מען האָט זיך נאָר געקענט ווינטשן. און ווען אין 1899 האָב איך אים אַוועקגעשיקט קיין ניו־יאָרק אַן עקזעמפּלאַר פון דעם אָקאָרשט דערשינענעם נומער 6 „אידישער אַרבעטער", וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ פּאָר אַרטיקלען און נאָטיצן געווידמעט דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד און דער אידישער פראַגע אין אַלגעמיין, האָב איך געקראָגן פון אים אַ בריוו, אַן אמתן „לויב־געזאַנג", אַ שיר־תּפילה צום „בונד" פאַר זיין שטרעבונג צו געפינען אַן ענטפער אויף די אידישע פּראָבלעמען און צו געפינען אַ לייזונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

פּאַוול בערמאַנס ראָלע אין מינסק איז געווען אַ באַדייטנדיקע. אַלע יענע, וואָס ווייסן וואָס מינסק האָט געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש פאָרגעשטעלט ערב בערמאַנס קומען, זיינען אייניק, אַז דאָס איז געווען אַ פּוסטקייט, אַ וויסטעניש. אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט שפּעטער האָט מינסק שוין געציילט עטלעכע הונדערט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אויך עס האָט זיך געפירט צווישן זיי אַן אינטענסיווע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, עס זענען דערשינען אַ גאַנצע רייע העקטאָגראַפירטע בראָשורן און אויך אַ צייטונג „אַרבעטער בלעטל". עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז בערמאַן איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון „בונד". אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד"

דזשאַן מילל

האָט מען אים געוואָלט אויסקלייבן אין צענטראַלן קאָמיטעט, אָבער דאָס איז נישט געשען, ווייל ער איז גראָד דאַן אָפּגעפאָרן קיין דאַרמשטאַט, דייטשלאַנד, צו שטודירן פאַר אַן אינזשעניער.

אין אויסלאַנד האָט ער זיך באַטייליקט אין די טעטיקייטן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״ עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד און דער־נאָך ביסלעכווייז זיך אָפּגערוקט צוליב פערזענלעכע סיבות. אין 1921 איז ער געשטאָרבן — ער איז אומגעקומען פון אַן אויטאָמאָ־ביל אָדער טראַמוואַי קאַטאַסטראָפע אין נאַרוואַ, עסטאָניע.

פּיאָנערן און בויער

אונזער אייגענער וועג

נישט די צערייצטע און שאַרפֿע דיספּוטן, נישט די איבערצייגנדסטע אַרגומענטן פֿון די בעסטע פֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער אָפּאָזיציע. דער קאַמף פֿאַר בעסערע עקאָנאָמישע אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט אַ נאַטירלעכער קראַפֿט און וואָס האָט סטיכיש אַריינגעצויגן אַלץ גרעסערע און גרעסערע אַרבעטער־מאַסן, איז געווען דער בעסטער ענטפֿער אויף אַלע „גייסטיקע" און „טעאָרעטישע" סבֿרות, פֿון די, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשטעלן דעם ראָד פֿון אַ נאָרמאַלער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. מען דאַרף דאָ נישט מאַכן אַ טעות: די פּראָפּאַגאַנדעקרייזן זיינען נישט פֿאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן, זיי האָבן נאָך פֿאָרגעזעצט זייער עקזיסטענץ עטלעכע יאָר, אָבער זייער פּנים האָט זיך ראַדיקאַל אומגעביטן: דער אינהאַלט פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געוואָרן אַ קלאָר רעוואָלוציאָנערער, אַ סאָציאַל־פּאָליטישער און מאַרקסיסטישער. אַלגעמיינע בילדונג, נאַטור־וויסנשאַפֿט, די רוסישע שפּראַך — דאָס איז געוואָרן אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט פֿון יענע, וואָס האָבן צו דעם געשטרעבט, און די זאַכן האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער דערציערישער טעטיקייט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. סיי דער אינטעליגענטישער־צענטער און סיי דער אַרבעטער־צענטער האָבן זייער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט געשענקט דער מאַסן־באַוועגונג, געזוכט צו באַפֿרידיקן אַלע אירע נויטן, אָרגאַניזירן זי און אָנפֿירן מיט אירע קאַמפֿן. לײדער, איז אָבער פּאָליטיש די מאַסע אין אַ געוויסן זינען געהאַלטן געווען „אין צאַם". די טעאָריע פֿון שטופּנווייזער פּאָליטישער דערציאונג איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געגלויבט, אַז נאָר דורך שמאָלע עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען און דורך אַ קאַמף אויף צו פֿאַרווירקלעכן זיי קען מען געווינען די ברייטע אַרבעטער שיכטן

דזשאָן מילל

און ביסלעכווייז דערהייבן זיי צו אַ מדרגה, אַז זיי זאָלן באַגרייפן פּאָליטישע פאָדערונגען און פאַרשטיין די נויטיקייט צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף. מיר האָבן געגלויבט, אַז אַנטוויקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין קען מען נאָר בהדרגה, אין דאָזעס — פריער גאַנץ קליינע — און שפּעטער אַלץ גרעסערע און גרעסערע.

די גייסטיקע און פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט פון די אידישע ברייטע מאַסן, די מורא, אַז מען זאָל איר חלילה וחס נישט אָפּשרעקן, קאָנספּיראַטיווע מאָטיוון און דערהויפּט דאָס פעלן פון נויטיקער דערפאַרונג — דאָס אַלץ האָט געפירט צו דער ווילנער פּאָליטישער גראַדאַציע־טאַקטיק, ווי זי איז שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן אין אַרקאַדיס באַרימטער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע". בלינדערהייט האָבן מיר גע־מוזט זוכן דעם ריכטיקן וועג. אין רוסלאַנד האָט נאָך אַ מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג נישט עקזיסטירט און אירע דערפאַרונגען האָבן נישט געקענט דינען פאַר אונז פאַר אַ ביישפּיל. די רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעאַמפּערט וועגן די טענדענצן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד און וועגן דעם צוקונפטיקן גורל פון דעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. דאָרטן האָבן מיר אַ וועגווייזער פאַר אונזער טאַקטישער שטעלונג נישט דערוואַרט צו געפינען און נישט געזוכט. מיר האָבן אויך נישט געקאָנט אַ סך לערנען פון פּוילן, הגם דאָס לאַנד איז שוין געווען קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלט און האָט פאַרמאָגט אַ קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. דער אַזוי־גערופענער צווייטער „פּראָלעטאַריאַט" איז גע־ווען אַן אומבאַדייטנדיקע, איינפלוסלאָזע גרופּע, וואָס האָט געלעבט בלויז מיט די גלאָררייכע טראַדיציעס פון אירע פאָרגייערס. דער „זוויאָנזעק ראָבאָטניקאָוו פּאָלסקיך" (דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע אַר־בעטער") איז שוין געווען אונטערדריקט און טיילווייז דעמאָראַליזירט. עס איז נישט ריכטיק, ווי אייניקע האָבן דאָס באַריכטעט, אַז מיר זיינען געווען באַאיינפלוסט דורך דער טאַקטיק פון „זוויאָנזעק". אמת, דער „זוויאָנזעק" האָט אויפגעוועקט ביי דער פּוילישער אַרבע־טער באַוועגונג דעם באַוואוסטזיין פון זייער קלאַסן־לאַגע אויפן עקאָ־נאָמישן געביט, אָבער מיר האָבן כמעט גאָרנישט געוואוסט וועגן אים. ער האָט געהאַט אַזאַ קורץ לעבן, אַז עס איז געווען פּשוט אוממעגלעך

פיאָנערן און בויער

זיך געגויער צו באַקענען מיט אים. אין 1892 האָבן מיר באַשלאָסן צו דעלעגירן אייזנשטאַטן קיין וואַרשע אויסצוגעפינען מער פּרטים וועגן דער דאָזיקער פּוילישער אַרבעטער מאַסן־אָרגאַניזאַציע — אַ זייער אומפּראַקטישער באַשלוס, ווייל אייזנשטאַט האָט נישט גערעדט פּויליש, קיינעם אין וואַרשע נישט געקענט אַחוץ אַ פּאָר סטודענטן פון אוניווערסיטעט, וואָס זיינען אַליין געשטאַנען אין אַ זייט פון פּאָ־ליטישן לעבן אין פּוילן און דערהויפּט, ווייל עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער „זוויאָנזעק" איז זיך שוין צעפאַלן אונטער די קלעפּ פון די פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען און פון דעם פאַנטאַסטישן גלויבן אין האַלב־לעגאַלע מעגלעכקייטן פאַר אַ ריין עקאָנאָמישן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אונטער דער צאַרישער הערשאַפט. דאָס איז אַ פאַקט, אַז אַ סך פון די ערשטע טוער פון „זוויאָנזעק" האָבן טאַקע זיך אַרומגעטראָגן מיט דער האָפענונג, אַז די צאַרישע רעגירונג וועט דולדן אַ באַוועגונג, געצילט נישט דירעקט קעגן איר, נאָר וואָס איר הויפּטציל וועט זיין בלויז צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער. דער וואונטש איז געווען דער פאָטער פון געדאַנק. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַזאַ זיך איינגערעדטע מעג־לעכקייט, זיך איינגערעדטע אָן קיין שום גרונט. גאַנץ נאַטירלעך: אָן אמת'ע מאַסן־באַוועגונג נויטיקט זיך אין לעגאַלע פאָרמען ווי אַ פיש אין וואַסער, ווי אַ מענטש אין לופט. אָן זיי קען זי נישט אָטעמען, זי שטיקט זיך. אָבער אפילו די אָפּגעשטאַנענסטע, די אומ־וויסנדיקסטע האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז די אינטערעסן פון די אויסנוצער זיינען געלעגן נעענטער צום האַרצן פון דער צאַרישער רעגירונג, ווי די אינטערעסן פון די אויסגענוצטע. און מיט דער גאַנצער ברוטאַלישקייט, אויף וועלכער זי איז געווען אַזוי פעאיק, האָט די רוסישע רעגירונג זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן „זוויאָנזעק" און אַזוי אים צערודערט, צעמזיקט, און אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ פּאַניק, אַז נאָר רעשטלעך זיינען געבליבן לעבן און נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין צוקונפטיקן נצחון — אָבער אַ נצחון דערגרייכט אויף אַן אַנדער וועג, מיט אַנדערע מיטלען. זיי האָבן געקראָגן אַ פּראַקטישע לעקציע, וואָס האָט זיי געלערנט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אָן אַ פּאָליטישן קאַמף וועט פאַרבלייבן שוואַך, אָפּהענטיק, מאַכטלאָז און וועט זיך

וואַרפן אַהין און אַהער, ווי אַ שיף אָן אַ רודער אויף אַ שטורעמ־דיקן ים.

צום סוף 1892 איז אין פּאַריז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די גרינדונג פון דער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" (פּ. פּ. ס.), איז באַשלאָסן געוואָרן. אַ פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן. צוליב דעם פּראָגראַם, וואָס איינער פון זיינע הויפּט־פּאָסטולאַטן איז געווען אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די פאַרשידענע שטרעמונגען. עטלע־בע אָנהענגער פון „פּראָלעטאַריאַט" און פון „זוויאָנזעק" זיינען געווען מיט דער נייער פּאַרטיי, די גרויסע מערהייט פון „זוויאָנזעק" איז אָנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן איר. דאָס קאָקעטירן פון פּ. פּ. ס. מיט די רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, מיט די „נאַראָדאָווצעס", און דערהויפּט די בראָשור, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן צום ערשטן מאַי 1893, אַ טיפּיש פּאַט־ריאָטישע, נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע אין ערגסטן זינען פון וואָרט, איז געווען אויל אויפן פייער אין האָט אַרויסגערופן אַ גרויל־דיקן שטורם. די אויפגעבראַכטע צעבונטעוועטע „זוויאָנזקאָווצעס" האָ־בן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט אין אויגוסט 1893 די „פּ. ס. ד." („סאָציאַל־דעמאָקראַציאַ קרולעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ").

אונזער באַציאונג צו דער פּ. פּ. ס. איז גלייך געוואָרן אַ נעגאַטיווע. נישט אַזוי צוליב דעם פּונקט פון פּראָגראַם וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן ווי צוליב די מאָטיוון, מיט וועלכע דער פּונקט איז באַגרינדעט געוואָרן. מיר, וואָס האָבן באַטראַכט דעם געמיינזאַמען קאַמף פון אַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אָר־גאַניזאַציעס קעגן צאַריזם אַלס די נויטיקסטע, די וויכטיקסטע און נאָענטסטע אויפגאַבע פון יענער צייט, מיר, וועלכע זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר דער אייניקייט אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער, האָבן איינפאַך נישט געקענט פאַרדייען דעם אומצוטרוי פון פּ. פּ. ס. צו די רוסישע סאָציאַליסטן, זייערע אומבאַגרינדעטע ספקות אין דער מעגלעכקייט פון אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זייער שפּאַלטן די אָפּאָ־זיציאָנעלע אַנטי־צאַרישע כוחות, זייער שאָוויניסטישע שפּראַך, וואָס

פיאָנערן און בויער

איז ביז דאַן געווען אַזוי פרעמד אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. מיר האָבן איבערהויפּט נישט געקענט אָננעמען אָט די איינשטעלונג פון דער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". די צעררייסונג פון דער רוסישער מלוכה האָט נישט געקענט ווערן דער עיקר און הויפּט־אינהאַלט פון אונזער פּאָליטישער טעטיקייט און דער ציל פון אונזערע פּאָליטישע שטרעבונגען. די באַפרייאונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן מיר פאַרבונדן נישט בלויז מיט פּוילן. און מיר האָבן אָט די באַפרייאונג דערוואַרט נאָר פון זיג פון די פאַראייניקטע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע כוחות פון גאַנץ רוסלאַנד, פּוילן אריינגערעכנט.

אויף אַזאַ אופן זיינען די פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געגאַנגען זייער אייגענעם וועג, אָן דער הילף פון דער רוסישער אָדער פּוילישער דערפאַרונג. אפשר האָבן זיי געמאַכט פעלערן — גרעסערע אָדער קלענערע; אפשר אָפּט געהאַט ספקות — באַגרינדעטע אָדער אומבאַגרינדעטע; אפשר געמאַכט אין אַ סך פאַלן אומזיכערע טריט. אָבער זיי זיינען דאָך דורכגעגאַנגען זייער אייגענעם וועג מיט כבוד און דערפאָלג.

דזשאָן מילל

דאָס הונגער־יאָר 1892

אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך איינגעשטעלט אַ סטאַבילקייט, אַ מין נאָרמאַל לעבן. אפשר אַ ביסל שוין צו מאָנאָטאָניש. נישט נאָר קיין שום גרויסע „אויפטרייסלענדיקע" געשעענישן, נאָר אפילו נישט אַ פּאָר אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען. אויב נישט די צופעליקע וויכוחים מיט די אָפּאָזיציאָנערן וואָלט שוין געוועזן צו רואיק. דער היינט איז געווען ענלעך צום נעכטן. פון צייט צו צייט אינטערעסאַנטע נייעס פון אויסלאַנד, אָדער פון פּעטערבורג, אָדער אַ ניי ביכל פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניאָ טרודאָ" האָבן אונז געגעבן גייסטיקע נאָרונג און מאַטעריאַל פאַרן אויסטויש פון מיינונגען, פאַר דיסקוסיעס. בלויז דאָס טרויעריקע הונגער־יאָר אין רוסלאַנד האָט אַביסל איבערגעריסן די שטילקייט. עס האָבן צירקולירט ידיעות וועגן פּויערים אומרוען אין די הונגער געביטן.

דירעקט און אומדירעקט האָט דער הונגער געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דעם אידישן תחום. די שטאָטישע אָרעמעלייט אין אַ סך שטעט פון תחום האָבן אונטער דעם דרוק פון די הויכע פּרייזן און פון דער אומדערטרעגלעכער נויט געמאַכט פּרואוון נישט צו דערלאָזן, אַז תבואות זאָלן אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד. דאָס האָט אויך פּאַסירט אין ווילנע. דער יקרות אויף ברויט און אַנדערע נאָרונגס־מיטלען איז שרעקלעך געשטיגן, די אָרעמסטע פון די אָרעמע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו ליידן. די אַלע סטיכישע פּרואוון נישט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל עקספּאָרטירן תבואה קיין אויסלאַנד האָבן אַרויסגערופן אַרעסטן פון די אָנטיילנעמער. אין פיל בתי־מדרשים האָבן די קרובים פון די אַרעסטירטע און סתם אָרעמע נישט צוגעלאָזן צו לייענען די תורה, פּראָטעסטירנדיק אויף אָט־דעם אייגנאַרטיקן אופן קעגן די תבואה־הענדלער. זיי האָבן דערביי געפאָדערט גיכע הילף פאַר די אביונים און אַ צוזאָג פון די פּני אויסצוווירקן ביי דער פּאָליציי, אַז מען זאָל באַפרייען די אַרעסטירטע. וואָלט אונ־

זער אָרגאַניזאַציע שוין פאַרגעשטעלט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי און וואָלט זי זיך נישט געהאַלטן אין דעם „גראַדאַציע־מעטאָד" ביי פּאָליטישער דערציאונג פון דער מאַסע, וואָלט זי אויסגענוצט די געשאַפענע לאַגע און וואָלט לכל־הפחות אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָליטישער דערקלערונג פון די סיבות פון הונגער און מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער צאַרישער רעגירונג אַלס דעם שולדיקן אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. אָבער קיין פּאָליטישע מאַסן־אַגיטאַציע האָבן מיר דאַן נאָך נישט געפירט און די וויכטיקסטע געשעעניש איז פאַרביי אָן אונזער אָנטייל. מיר האָבן דאָס נישט אויסגענוצט פאַר אונזערע פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע צילן. אין שטאָט האָבן עטלעכע ליבעראַל־בורזשואַזע מיידלעך און בחורים פלוצלונג דערפילט, אַז עס איז זייער חוב מיט וואָס־עס־איז צו קומען צו הילף צו די קרבנות פון יקרות. זיי האָבן געעפנט אַ פּאָר פאָלקס־קיכן, בכדי צו געבן אומזיסטע מאָלצייטן צו די באַדערפטיקע. זיי האָבן אויך אונז פאַרגעשלאָגן צו צולייגן אַ האַנט אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ווי דאַרף מען רעאַגירן אויפן פאַרשלאָג? האָבן מיר זיך געפרעגט. די אונטערנעמונג טראָגט דאָך אַלע סימנים פון פילאַנטראָפּיע, און פילאַנטראָפּיע דעמאָראַליזירט סיי די וואָס נעמען אַזוי אויך יענע וואָס געבן. מיר האָבן דאָך אַלע מאָל באַטראַכט פילאַנטראָפּיע אַלס אַזאַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע, וואָס איז קעגן אונזערע פּרינציפּן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַראַראַם. צוויי לאַגערן האָבן זיך געבילדעט. דער וואָרטפירער פון איין לאַגער איז געווען אייזנשטאַט. „מען דאַרף נעמען אַן אָנטייל, האָט ער געטענה'ט, נישט אַזוי צוליב דעם עצם פון דער אונטערנעמונג, נאָר צוליב דעם, וואָס דורך אַזאַ אָנטייל וועלן מיר קומען נעענטער צו די מאַסן". אויף אַ ספּעציעלער געמיינזאַמער פאַרזאַמלונג פון דעם אינטעליגענטישן און אַרבעטער צענטערס האָבן די „יע"־זאָגערס געוואונען. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין די קיכן אַלס באַדינערס און קעכינס, אָבער נאָר אויף איין־איינציקן טאָג, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז פּראָפעסיאָנעלע בעטלער האָבן זיך באַנוצט מיט די פאָלקס־קיכן. „פון אַזאַ דערנענטערונג צו די מאַסן, האָט אַרקאַדי אויף מאָרגן אויסגערופן מיט ביטערקייט, קערט פּשוט ברעכן"...

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

די פֿאַמיליע שאַרעי. מיין אַרעסט

עס האָט ביי אונז דעמאָלט פּאַסירט נאָך אַן אַנדער געשעעניש, פֿאַרשידן אין כאַראַקטער און נישט גרויס אין באַדייטונג — אַן אַרעסט. אַ געשעעניש, אין אונזערע באַדינגונגען, אַן אויסערגעוויינטלעכע, — ווייל מיר זיינען געווען אַזוי פֿאַרקאָנספּירירט און אונזער סאָציאַליסטישע אַרבעט האָט זיך געפֿירט אַזוי פֿאָרזיכטיק, אַז מיר אַלע האָבן זיך געפֿילט אין גאַנצן זיכער קעגן דער פּאָליציי — אָט גאָר ווי מיר וואָלטן פֿאַרבראַכט ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. בין איך טאַקע אַריינגעפֿאַלן נישט צוליב מיינע ווילנער חטאים, נאָר צוליב וויקטאָר שאַרעי'ס אומפֿאָרזיכטיקייט. וויקטאָר שאַרעי, אַ סטודענט פֿון אוניווערסיטעט, איז דאַן געווען אַן אַקטיווער טוער אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין פּעטערבורג. ער איז געווען דער גרינדער און אָנפֿירער פֿון אַ סאָציאַליסטישער גרופּע, צו וועלכער עס האָבן געהערט אַ סך מענטשן מיט באַוואוסטע נעמען, צווישן זיי אויך צעדערבוים (מאַרטאָוו). די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אַ געדרוקט בלעטל מיטן נאָמען „סוואָבאָדנאָיע סלאָוואָ" („דאָס פֿרייע וואָרט"), אָנגעשריבן פֿון דעם באַרימטן רוסישן פּובליציסט נ. מיכאַילאָווסקי, און אויך אַ ציַיטונג, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער איבערגאַנגסצייט, אַן אויסדרוק פֿון נייע שטרעמונגען צווישן דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער אינטעליגענץ — אַ קאָמבינאַציע פֿון מאַרקסיסטישער טעאָריע און טעראָריסטישער טאַקטיק.

גראָד דאַן איז קיין פּעטערסבורג געקומען אויף אַ וויזיט פֿון ווילנע אַן אָפֿיציר, אַן אינטימער פֿריינט פֿון שאַרעי'ס פֿאַמיליע. קיין שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט ער נישט געהאַט, פּאָליטיש איז ער געווען אַן אַבסאָלוט כשר'ער מענטש. שאַרעי האָט געוואָלט אויסנוצן אַזאַ אידעאַל־זיכערע געלעגנהייט, און

פיאָנערן און בויער

ער האָט אָנגעגרייט אַ פּעקל מיט דער אָקאָרשט דערשינענער ליטעראַטור, בייגעלייגט אַ בריוו צו זיין שוועסטער לידאַ מיט דער בקשה אַלץ איבערצוגעבן „מילל'ן" — מיין נאָמען אין גענצנפּיסלעך — און געוואָרט אויפן אָפּיציר, מיט וועמען ער האָט דאָס געוואָלט אַריבערשיקן. האָט צום אומגליק פּאַסירט, אַז די פּעטערבורגער פּאָליציי האָט אין יענעם טאָג דורכגעפירט צאָלרייכע אַרעסטן און איידער נאָך דער אָפּיציר איז געקומען אָפּנעמען דעם פּעקל, האָט מען ביי שאַרעין געמאַכט אַ הויז־זוכונג און געפונען די ליטעראַטור צוזאַמען מיטן בריוו. און מיר ביידע — לידאַ און איך — זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּראָצעס אין פּעטערבורג, וואו מיר זיינען ביז דאַמאָלסט קיינמאָל נישט געוועזן, און וואו מיר האָבן, אַחוץ שאַרעין כמעט קיין איינציקע לעבעדיקע נשמה נישט געקענט...

מיט שאַרעי'ס פאַמיליע האָב איך, ווי איך האָב דאָס שוין פריער דערמאָנט, זיך באַקענט, אַדאַנק עגאָן — גרעסערן, דעם צוקונפטיקן מאַן פון לידאַ שאַרעי, גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין ווילנע. צו מיין גרויסער צופרידנקייט האָב איך געפונען ביי זיי אַן אַטמאָספער פון הארציקייט און נאָענטקייט, גאַסטפריינטלעכקייט און וואָס איז דאָס וויכטיקסטע — אויך פון גייסטיקער קרובה'שאַפט. נישט קוקנדיק אויף דער אָרעמקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען, זיינען זיי פאַרבליבן שטאָלצע מענטשן, וואָס האָבן פאַר קיינעם זיך נישט באַקלאָגט און פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט זייער בויט און זאָרג. די מוטער, אַן אלמנה, האָט געלעבט פון אַ קליינער פּענסיע, וואָס איר פאַרשטאָרבענער מאַן — אַ רעגירונגס־באַאַמטער — האָט איר איבערגעלאָזן, האָט אויסגעהאָדעוועט אַ גרויסע פאַמיליע פון 4 זין און אַ טאָכטער, געגעבן זיי גוטע בילדונג און געזוכט אַוועקצושטעלן זיי אויף זייערע אייגענע פיס. אָפט פלעגט מען קענען באַמערקן אַ טיפן טרויער אויף איר פנים און עס איז געווען נישט פון די גרינגע זאַכן אַרויסצורופן איר אויף אַ שמועס וועגן זיינע סיבות. זי איז געווען קאַטוליש, איר מאַן אַן אוניאַט. האָט זיך פאַרוואָלט אַלעקסאַנדער 3טן אַרויסצוגעבן אַ ווילקירלעכן דעקרעט, דורך וועלכן אַלע אוניאַטן אין רוסלאַנד זיינען אויטאָמאַטיש דערקלערט געוואָרן פאַר „פּראַוואָסלאַוונע" און די קינדער האָבן

דזשאָן מיל

מחמת דעם איך אויף דעם אופן געמוזט אויפגעהאָדעוועט ווערן אין דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. דורך דעם איז זי פון איין זייט אָפּגעזונדערט געוואָרן פון די קאַטוילישע פאַמיליעס, פון דער אַנדער זייט נישט געפונען צוטרוי ביי די רוסן, אפילו נישט ביי די לערער פון די ווילנער גימנאַזיעס, וועלכע פלעגן אָפט שיקאַנירן אירע זין טאַקע ווייל זייער מוטער איז פאַרבליבן קאַטוילישע.

געוואוינט האָבן זיי לעבן דער בערנאַדינער מיניאַטור־קירכע, אין אַ גרויסער, גרויער, אומעטיקער געביידע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קלויסטער פאַר נאָנעס און וואָס מוראַוויאָוו־דער־תּליון האָט קאָנ־פיסקירט אין צייט פון פוילישן אויפשטאַנד. דער ערשטער שטאָק איז געווען פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַטישן נאַכטלעגער, וואו אָרעמע און הימלאָזע האָבן געקענט איבערנעכטיקן פאַר דריי קאָפּיקעס. דער צווייטער שטאָק איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אויף אַ פּאָר צענדליק ענגע דירה׳לעך און פאַרדונגען צו אומפאַרמעגלעכע באַאַמטע פאַר קליין דירה־געלט. אַ פינצטערער קאָרידאָר, לאַנג און ברייט ווי אַ גאַס, האָט זיך געצויגן פון איין עק פון דער געביידע ביז צום אַנדערן עק און איז געווען אַזוי אָנגעפּילט מיט קאַסטנס און קערב, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען גענוג אָרט אין די דירות, אַז מען האָט געקענט צווישן זיי פאַרבלאָנדזשעט ווערן...

...אַרקאַדי דערציילט מיר, אַז ער איז „אויף צרות": די דירה וואו עס האָט זיך געפונען אונזער אומלעגאַלע ביבליאָטעק, טויג שוין מער נישט און ער האָט פּשוט קיין אָרט נישט וואוהין די ביבליאָטעק אַריבערצופירן. איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אפשר וועט פּרוי שאַרעי קענען אויסהעלפן, אפשר אין דער פינצטערער גרויסער גע־ביידע מיטן לאַנגן און ברייטן קאָרידאָר וועט זיך געפינען אַ זיכער אָרט פאַר דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק. איך האָב ריכטיק געטראָפן. פּרוי שאַרעי האָט איבערגענומען די ביבליאָטעק, נישט אַרויסווייזנדיק דעם קלענסטן סימן פון אומאַנטשלאָסנקייט. „זאָרג נישט, האָט זי צו מיר מוטערלעך געזאָגט, אויב די זשאַנדאַרמען וועלן דאָ קומען אפילו אַ צענדליק מאָל, וועלן זיי דאָס נישט געפינען". וואָס פאַר אַ וואונ־דערבאַרע פּרוי זי איז געווען! איך פלעג זי מטריח זיין זייער זעלטן, ווייל עטלעכע ביכלעך האָבן שטענדיק אַרומגעוואַנדערט פון האַנט צו

האָנט, פון קרייז צו קרייז, און זעלטן פלעגט מען דאַרפן זיך גראָבן אין קאָרב אומצובייטן זיי אויף נייע. אָבער ווען מען פלעגט פאָרט דאַרפן גיין צום קאָרב, האָט זי דאָס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן. אַ פראָסט אָדער היץ, רעגן אָדער שניי, נישט פאַרלירנדיק אַ מינוט, פלעגט זי מיר ברענגען די ליטעראַטור, קאָנספּיראַטיוו, מיט אַ פויער־שער פּאַטשיילע איבערן קאָפּ און אויסקוקנדיק ווי אַ דאָרפישע פויערטע.

איך האָב נישט איינמאָל, וואָרפנדיק אַ באַהאַלטענעם בליק אויף איר געצומען טראַכטן מיט באַוואונדערונג, מיט אַנטציקונג: וואו האָב איך געהערט, וואו האָב איך געלייענט וועגן אַזעלכע טיפּן? אָט די פרוי איז אַ געבוירענער קאָנספּיראַטאָר, בראַוו, און אָן מורא פאַר קיין שום פאָלגן. זי האָט געדאַרפט לעבן אין אַנדערע באַדינגונגען און אפשר אין אַן אַנדער צייט — אין אַ צייט פון העראָאיזם און זעלבסט־אָפּפּערונג, פריי פון טאָג־טעגלעכער היימישער זאָרג, מאַטעריעלער און גייסטיקער, וואָס האָט רואינירט איר האַרץ און זי פריצייטיק גע טריבן אין קבר.

אויף מאָרגן נאָך די גרויסע אַרעסטן אין פּעטערבורג האָבן די ווילנער זשאַנדאַרמען דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי די שאַרעיס און קיין פאַרדעכטיקע זאַך נישט געפונען. אין צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי די הויזזוכונג איבערגעחזרט — מיט דעם זעלביקן נעגאַטיוון רעזולטאַט. פרוי שאַרעי איז געווען גערעכט, אונזער אומלעגאַלע ביבליאָטעק איז נישט אויפגעדעקט געוואָרן.

ווער איז מילל? וואָס איז זיין ריכטיקער נאָמען? וואו וואוינט ער? — דאָס זיינען געווען אייניקע פון די ערשטע פראַגעס, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן געשטעלט פרוי שאַרעי און איר טאָכטער. מחמת די געגנזנפיסלעך, אין וועלכע וויקטאָר שאַרעי האָט אַריינגעשטעלט מיין נאָמען אין דעם אויבן־דערמאָנטן בריוו צו זיין שוועסטער, האָבן די זשאַנדאַרמען געמיינט, אַז מילל איז נישט דער אמתער נאָמען, נאָר אַן אויסגעטראַכטער, אַ פּסעוודאָנים. „מילל איז דער לערער פון מיינע קינדער, אָבער וואו ער וואוינט ווייס איך נישט", האָט פרוי שאַרעי געענטפערט. איר אינגסטער זון, אַ בחור'ל, 10 יאָר אַלט, זעענדיק און הערנדיק וואָס עס קומט פאָר, האָט זיך שטילערהייט

דזשאָן מילל

אַרויסגע׳גנב׳עט פון אונז, מיט דער פלינקייט פון אַ הירש האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר — איך האָב געוואוינט נישט ווייט — און אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די זשאַנדאַרמען קלייבן זיך צו מיר. דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געווען ווי ראַטעווען מען אַרויס די רייכע האַלב־לעגאַלע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין מיין צימער. נישט ווייט פון מיין דירה, אויף דער זעלבער גאַס, איז געווען אַ גרויסער וואַרשטאַט, וואו עס האָבן גע־אַרבעט אייניקע פון אונזערע נייטאָרינס. איך האָב אַרויסגערופן איינע פון זיי, און דורך איר, האָב איך געלאָזט וויסן אין „שטאָט” וועגן דעם דראָענדיקן אַרעסט און וועגן דער נויטיקייט צו ראַטעווען, אויב מעג־לעך, די ביבליאָטעק. אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָך איידער אימיצער איז געקומען, בין איך אַרעסטירט געוואָרן, אַן אַ הויזזוכונג, און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין דער זשאַנדאַרם־געביידע אויף פּאָהוליאַנקע.

עטלעכע שעה האָבן זיי מיך געהאַלטן אין אַ פאַרשלאָסענעם צימער, דערנאָך האָט זיך אַ גאַנצע כאַליאַסטרע זשאַנדאַרמען מיטן גענעראַל און זיין אַדיוטאַנט בראָש, מיטנעמענדיק מיך, אַוועקגעלאָזט צו מיין דירה. מיר זיינען צוגעפאָרן — איך עפן די טיר, וועלכע איך האָב נאָטירלעך געלאָזן פאַרשלאָסן, און אַ בילד ווי פון נאָך אַן ערד־ציטערניש האָט זיך געעפנט פאַר מיינע אויגן: אַן אָפּענער, ליידיקער קאַרב אין מיטן פון צימער, שטיקער פּאַפּיר און אַ פּאָר ביכער אויף דער פּאָדלאָגע, די בוך־פּאָליצעס, וואָס זיינען געווען אין דער טיר צווישן מיין צימער און דער באַלעבאָסטעס דירה, פּוסט, די טיר גופא אויפגעבראָכן, אָבער צוגעמאַכט, דער פאַרהאַנג איבערן טיר און די פּאָליצעס אַראָפּגעריסן.

דער גענעראַל האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעגע־קומען, און אויפן אָרט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו מאַכן אַ הויז־זוכונג אויך ביי מיין באַלעבאָסטע. מיר גייען אַריין אין איר וואוינונג — און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. עס זיצן דאָרטן, שמועסנדיק געלאַסן, רעוועקאַ ליאַס, שמואל פּעסקין, עטלעכע אַרבע־טערינס.

איך האָב געוואוינט ביי רעוועקאַ ליאַס׳ שוועסטער. באַלד נאָך דעם ווי מען האָט מיך אַרעסטירט, זיינען דאָ געקומען אָט־די

פּיאָנערן און בויער

מענטשן מיט נאָך אַ פּאָר אַרבעטער און מיט אַרקאַדי קרעמער'ן, זיי זיינען אַריין אין דער באַלעבאָסטעס דירה, אויפגעבראָכן די טיר, וואו עס זיינען געשטאַנען די ביכער־פּאַליצעס, און אַרויסגעראַטעוועט אַלע ביכער. ווען זיי האָבן געקראָגן דעם סיגנאַל, אַז די זשאַנדאַרמען קומען, האָט אַרקאַדי זיך אָפּגעטראָגן דורכן פענסטער, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען אויף אַן אַנדער גאַס, די איבעריקע האָבן שוין נישט געהאַט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, און זיי זיינען פאַרבליבן אין דער באַלעבאָסטעס דירה.

אַרקאַדי קרעמער! נאַטירלעך, ער האָט דאַרטן אויך געמוזט זיין! ווי האָט ער דאָס געקענט רואיק בלייבן זיצן אין דער היים, ווען אַנדערע גייען אויף אַ געפערלעכע מיסיע? איז ער אויך גע־גאַנגען... ראַטעווען ביכער. אָט אַזוי איז ער געווען, אַרקאַדי, אָט־דאָס איז געווען זיין מאָראַל.

די נעמען און די אַדרעסן פון אַלע יענע, וואָס מען האָט געפונען ביי רעוועקאַ ליאָס'עס שוועסטער, זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. אונזערע איי־גענע שטראָף איז נישט געווען אַ האַרטע. וויקטאָר שאַרעי און מאַרטאָוו האָבן געקראָגן צו 8 חדשים טורמע אין „קרעסטי" אין פּעטערבורג און צו צוויי יאָר פּאָליציי־אויפזיכט אין ווילנע, לידאַ שאַרעי און איך — נאָך אַ קורצן אַרעסט — אויך צו צוויי יאָר פּאָליציי־אויפזיכט.

ד ז ש אָ ן מ י ל ל

אונזער אומגעדולד און דער אָפּטימיזם פון די אַרבעטער. פערזענלעכער פאַטאַליזם

און אַזוי האָט זיך די צייט געצויגן און איז געפלאָסן נישט געגוג גיך פאַר אונז. מער נישט ווי עלטערע מענטשן האָבן פיינט צו ציילן די טעג און וואָלטן וועלן אָפּהאַלטן דעם גאַנג פון דער צייט. מיר, יונגע, פאַרקערט, האָבן געוואָלט שטופּן די צייט נאָר פאָראויס און אין אונזערע אויגן האָט זי זיך באַוועגט צו פּאַמעלעך. אַ געוויסע אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, אַ פאַרדרוס, אַן אַנטוישונג האָבן זיך צייטנווייז אַריינגעגנבע׳ט אין אונזערע הערצער. דער לאַנגזאַמער פּראָגרעס פון דער באַוועגונג אין פאַרגלייך מיט די קאָלאָסאַלע אויפ־גאַבעס, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, די הינטערשטעליקייט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּן, די שוואַכקייט פון די רוסישע חברים, אַן וועמענס אַקטיוון אָנטייל, ווי מיר זיינען געווען איבערצייגט, קאָן דער באַפרייאונגס־קאַמף אין רוסלאַנד נישט ברענגען קיין וויכטיקע געווינסן — דאָס אַלץ האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין פריילעכע טענער אין אונזער שטימונג. אָט אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן מיר זוכן זיך אָפּצוגעבן דין־וחשבון וואו מיר האַלטן אויף דער וועלט. אַ פּאָר מאָל האָבן מיר געמאַכט עקסקורסיעס — אונזער צענטער צוזאַמען מיטן אַרבעטער צענטער — אַזש קיין לאַנדוואָראָוואָ און ווילייקי, וואו אין געדיכטע וועלדער, צווישן בערגלעך, האָבן מיר שעה׳ן־לאַנג אַרומגערעדט די פּראָבלעמען און אויסזיכטן פון דער באַוועגונג, אַלע אירע פעלערן, אַלע אירע נויטן. אין אַלגעמיין, פלעגן די אַר־בעטער זיין מער געדולדיק און אָפּטימיסטיש, ווי מיר. מען טוט אַלץ וואָס מען קען, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, מען קען נישט דורכברעכן אַ וואַנט מיטן קאָפּ; די באַוועגונג וואַקסט דאָך מער און מער; אַרבע־טער קומען צו אונז מיט פרייד און הערן זיך צו צו אונזער וואָרט; זייער גייסטיקע און פּאָליטישע ניוואָ איז אומגעהויער געשטיגן;

פיאָנערן און בויער

סימנים פון טיפע פאַרענדערונגען וואַרפן זיך אין די אויגן: און אין רוסלאַנד איז נישט אַלץ טויט — עס איז נישטאָ פון וואָס אַריינצוּפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, אין אַ יאוש. און מיר, די אינטעליגענטן, פלעגן זיך צוריקקערן אַהיים געזינטער — פיזיש און גייסטיק.

מיר, די מיטגלידער פון צענטער, האָבן קיין פּערזענלעכע אַמביציעס נישט געהאַט. אונזערע אַמביציעס זיינען געווען בלויז געזעלשאַפטלעכע. וואָס פאַר פּערזענלעכע אַמביציעס האָבן מיר געקענט האָבן? פּאַטי סרעדניצקאַיאַ האָט געהאַט אַ דענטיסטישן קאַבינעט, גאָזשאַנסקי איז געווען אַ לערער, פאַר די איבעריקע זיינען די טירן פון די אוניווערסיטעטן און טעכנאָלאָגישע אינסטיטוטן געווען פאַרמאַכט — האָבן זיי געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און וועגן דער צוקונפט נישט געטראַכט. געוויס, קיין הייליקע זיינען מיר נישט געווען און אַלעס מענטשלעכעס איז נישט געווען פרעמד פאַר אונז, אָבער אַזאַ איז געווען אונזער סענטימענט אין יענער צייט און אַזוי האָבן מיר דאַן געלעבט. וואָס וועט זיין — וועט זיין, די הויפּטזאַך איז דאָך נישט דער פּערזענלעכער קאָמפאָרט און דאָס איינאָרדענען זיך, נאָר די געזעלשאַפטלעכע צילן. און וואָס דאַרפן מיר דען? עטלעכע רובל פון די לעקציעס נישט צו שטאַרבן פון הונגער, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ בגד אויפן קערפּער. אַז מען קען נישט אָפּלעבן דעם גאַנצן לעבן מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס איז קיינעם אין קאָפּ נישט אַריין און האָט קיינעם נישט געאַרט. אַ מין פּערזענלעכע זאָרגלאָזיקייט, אַ פאַטאַליזם. און אויב דאָס לעבן, דער גורל, די אומשטענדן האָבן אַנדערש באַשטימט, איז דאָס טאַקע נישט געווען אַ רעזולטאַט פון אַ צילבאַוואוסטער אַנשטרענגונג מצד אונז, נישט פון אַן אויסגעאַרבעטן און אויסגערעכנטן פּלאַן, נאָר פון דער זעלבער קייט פון צופאַלן.

דאָס באַציט זיך אויך צו מיר.

דזשאָן מילל

אַ לעקציע אין אַ פּוילישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע

אָקוניעוויטש, מיין אַמאָליקער קלאַס־חבר, לאָזט מיר וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַן אויסזיכט אויף אַן אויסגעצייכנטער לעקציע. אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן זי צו קריגן, וועט דאָס זיין אויף אַ לאַנגער צייט און מיט אַ הויכן האָנאָראַר. אָבער ער איז נישט זיכער — און צו מיר רעדט ער וועגן דעם קלאָרע דיבורים — צי יענע מענטשן וועלן מסכים זיין אויף אַ אידן. יעדנפאַלס עס איז ווערט צו פּרוואוון, אויסצוגעפינען.

די לעקציע וועל איך דאַרפן געבן דעם עלטסטן זון פון אַ רייכער אַריסטאָקראַטישער פּוילישער פאַמיליע, אַ שילער פון דער רעאַל־שולע. ער איז שטענדיק הינטערשטעליק אין אַ פּאָר קעגנשטאַנדן און איך וועל דאַרפן אים אויסהעלפן אין זיי דריי מאָל אַ וואָך.

ווי זיין מנהג איז, גיט מיר אָקוניעוויטש אַלערליי אינסטרוקציעס. דערהויפּט, זאָגט ער, מוז איך זיך איינשאַפן אַ נייעם בגד, און אויך זיך היטן נישט צו באַרירן די פראַגע וועגן האָנאָראַר. איך פאָלג זיינע עצות אין אַלע פּרטים און אַביסל נערוועז גיי איך זוכן „גליק". עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּראָצעדור פון אַנגאַזשירן מיך פאַר אַ לערער איז דאָ פאַרגעקומען איינפאַכער און אויף אַן איידעלערן אופן, ווי אין אַ סך אַנדערע ענלעכע פאַלן.

די מוטער, אַן אלמנה, וועמענס מאַן איז אָקאָרשט געשטאָרבן, שטאָלץ און קאַלט, פּאַרלירט נישט קיין איבעריק וואָרט, זי שטעלט מיך פאַר איר זון. „ער איז אַ גוטער בחור, האָט זי צו מיר געזאָגט, אָבער שרעקלעך פויל; ער האָט מער האָלט צו גיין אויף בעלער און אַפּטאַנצן גאַנצע נעכט, איידער זיך צו לערנען; זעט וואָס איר קענט טאָן". זי פרעגט נאָך, צי פיר אַזייגער וועט זיין אַ באַקוועמע צייט פאַר מיר, דאָס אַלץ.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך זי מער נישט געזען, אַזוי

פיאַנערן און בויער

ווי זי וואָלט זיך אין גאַנצן נישט אינטערעסירט מיט איר זונס שטודיעס. פינקטלעך 4 אַזייגער, 3 מאָל אַ וואָך, פלעג איך קומען און דירעקט אַריינגיין אין אַ סעפּאַראַטן צימער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אַריינגאַנג און וואו מיין שילער פלעגט וואַרטן אויף מיר. פון אַ ווייטן צימער קען מען הערן אימיצן שפּילן פּיאַנאָ. יעדעס מאָל, האַלב נאָך 4, טראָגט אַ דינסטמיידל אָדער אַ באַדינער פאַר מיר אַריין אַ גלאָז טיי מיט געבעקס און פּוטער. צום סוף פון יעדן חודש פלעגט מיין שילער דערלאַנגען מיר אַ קאָנווערט מיט 20 רובל — דער האָנאָראַר פאַר די לעקציעס.

אין באָטאַנישן גאָרטן גייט מען געבן אַ גוטן סימפאָנישן קאָנ־צערט. אונזער אָרגאַניזאַציע וועט קריגן — געהיים נאַטירלעך — אַ טייל פון איינקונפט. מיר דאַרפן דעריבער זיך איינשפּאַנען צו פאַרקויפן וואָס מער בילעטן. בעט איך מיין שילער אָנצובאָטן אין מיין נאָמען אַ בילעט צו זיין מוטער און דערביי זאָגן איר, אַז אַ טייל פון פּראָפיט וועט גיין פאַר אַ פילאַנטראָפּישן ציל. אין אַ פּאָר מינוטן קומט ער צוריק מיט דעם געלט פאַרן טייערסטן בילעט.

אויפן קאָנצערט זיינען מיר, פון צענטער, כמעט אַלע געווען. איך זע פון דערווייטנס, אַז מיין שילערס מוטער איז אויך געקומען, אָבער זי איז פאַרבליבן נישט מער ווי אַ 15־20 מינוט און אַוועק. דער קאָנצערט איז געווען אַ גוטער, הייסט עס מסתמא, אַז איר איז נישט געפעלן דער עולם. נישט פון איר קלאַס!

ווידער גייען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. דעם ערשטן מאָל זינט איך האָב דאָ די לעקציע פאַרשפּעטיק איך זיך מער ווי אויף אַ שעה, אָבער מיין שילער וואַרט אויף מיר, און די צייט גייט פאַרביי ווי געוויינלעך, מער נישט — נישטאָ קיין טיי!

איך שטיי שוין כמעט אין טיר צו פאַרלאָזן דעם צימער און צו גיין אַהיים און דאָ דערשיינט מיין שילערס מוטער און פרעגט מיך צי וועל איך נישט פאַרבלייבן מיט זיי אויף אָוונטברויט. איך האָב זיך פאַרלאָרן און האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן — אַזוי אומדערוואַרט איז דאָס פאַרגעקומען. און איידער איך האָב אויסגע־רעדט אַ וואָרט, זאָגט זי: "Pan zostanie, bardzo proszę!" („איר וועט בלייבן, ביטע זייער").

דזשאָן מיל

נאָכן אוונט־עסן, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש, בעט זי מיך צו פאַרבלייבן נאָך עטלעכע מינוט צייט, ווייל זי וויל מיך וועגן עטוואָס פרעגן. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס וועט זיין וועגן איר זון, וועגן זיינע שטודיעס, בפרט, אַז זי האָט אים געבעטן צו לאָזן אונז אַליין.

איך האָב נישט געטראָפן.

— „אפשר איז דאָס פרויען־נייגיר, זאָגט זי צו מיר, און איך פאַרזיכער איך, אַז עס איז זייער אומשולדיקע נייגיר, —איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז געווען דער פילאַנטראָפּישער ציל פונם קאָנ־צערט, פאַר וועלכן איר האָט פאַרקויפט בילעטן? איך האָב נישט באַ־מערקט קיינע סימנים פון פילאַנטראָפּיע אין דער גאַנצער אַט־מאָספערע פון קאָנצערט".

מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ איז דורך מיין קאָפּ אַדורך די אַנטשיידונג: איך טאָר איר נישט „בלאָפן", איך מוז איר זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת.

— עס איז אַביסל שווער צו דערקלערן, האָב איך געענטפערט. דאָס איז פילאַנטראָפּיע און עס איז נישט פילאַנטראָפּיע. אין געוויינ־לעכן זין פון וואָרט איז דאָס נישט קיין פילאַנטראָפּיע. די געלט איז געווען באַשטימט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן ציל, פאַר אַ רעוואָלו־ציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

— „פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע?! וואו, דאָ אין ווילנע?" פרעגט זי מיך מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— יע, דאָ אין ווילנע.

— „וואָס זיינען זיי, רוסישע טעראָריסטן? איר דאַרפט זיין פאַרזיכטיק...

— ניין, דאָס זיינען נישט רוסן און נישט טעראָריסטן. דאָס איז אַ אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

— „אַ אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע?! — "Czy pan nie žartuje?" („צי מאַכט איר נישט אַ וויץ?").

מיר האָבן געקענט אידן פון פאַרשידענע שיכטן, קופּצעס, אַרענ־דאַטאָרס, אפילו ליכוויאַזשעס (פּראָצענטניקעס), אָבער אידישע

פיאָנערן און בויער

רעוואָלוציאָנערן ? — אַזעלכע אידן האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען און קיינמאָל וועגן זיי נישט געהערט".

— אַט זיצט איינער פון זיי פאַר אייערע אויגן.

—„זייער מאָדנע, זייער מאָדנע... און וואָס טוט אייער אָרגאַניזאַציע ?"

— זי לערנט די אידישע אָרעמע פאָלקסמאַסן צו קעמפן פאַר זייער רעכט, צו קעמפן קעגן דעם צאַר און זיין רעגירונג.

—„זייער מאָדנע, זייער מאָדנע, — חזר'ט זי איבער פאַרטראַכטערהייט. — אייגנטלעך זיינען מיר אַלע אין אונזער פאַמיליע קעגן דער רוסישער רעגירונג. פון קינדהייט אָן האָבן מיר געליטן פון איר. אין צייט פון פאָוסטאַניע זיינען ביידע אונזערע מאַיאָנטקעס (הויפן) פאַרברענט געוואָרן דורך די קאָזאַקן, און מיר, די קינדער, האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. אונזער פאָטער, אַ פאָוסטאַניעץ, אַ העכסט געבילדעטער מאַן, פאַר וועמענס קאָפּ די מאָסקאַליעס האָבן געצאָלט באַצאָלן 20 טויזנט רובל, האָט געמוזט אַנטלויפן, ער האָט אַנטייל גענומען אין אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע אין אַפריקע, און איז דאָרטן דערטרונקען געוואָרן ..."

— „צי האָט איר געליינט דזשאָרדזש קענאַנס בוך וועגן סיביר ?" פרעגט זי מיך מיטאַמאָל.

— יאָ, איך האָב געליינט.

— „אָ, דאָס איז גוט. געדענקט איר מסתמא ווי ער באַשרייבט זיין ערשטע באַגעגעניש מיט די פאַרשיקטע און באַזונדערס מיט איינעם אַ פאָליאַק, אַ זייער אינטערעסאַנטן און אינטעליגענטן מענטש. דאָס איז מיין ברודער. אָרימער סעווערין ! ער איז צוריקגעקומען פון סיביר אַ קראַנקער, אַ האַלב־טויטער. איצט איז ער אין ריגע, אין אַ פריוואַטן שפּיטאָל, און זיינע טעג זיינען געציילטע ..." וואָרט אַ ווײַלע, האַקט זי זיך אַליין איבער, איך וועל וואָס־עס־איז ברענגען. באַלד דערלאַנגט זי מיר דריי ביכלעך, אַלע געדרוקט אין גאַליציע: עטלעכע זאַכן פון אַדאַם מיצקעוויטש, וואָס זיינען געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד, אַ קליינטשינקע זאַמלונג פון פוילישע פאַטריאָטישע לידער „פּיעסני נאַראָדאָווע" (פאָלקס־לידער) און אַ בראָשור אָנגע־

דזשאַן מילל

שריבן פון וויסלאָאוך, אַ טיפּישן גאַליצישן „פּאַליטישן", אַ דעמאַ־גאָג און אַנטיסעמיט, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם פּוילישן מיטלקלאַס אין לעמבערג און אויף די פּויערים אין די אַרומיקע דערפער.

זי לויבט וויסלאָאוכן — „דאָס איז אַן אמתער פריינט פון פאָלק, זייער אַ באַגאַבטער מענש".

זי רעקאָמענדירט די לידער. „איר וועט זען, אַז אייניקע פון זיי זיינען זייער שיין און פּאַטריאָטיש. איך וועל אייך מיטגעבן אַ פּויליש־רוסישן ווערטערבוך — אפשר וועט איר דאָס דאַרפן."

זי איז געווען גערעכט וועגן דעם ביכל לידער. עטלעכע לידער זיינען טאַקע געווען זייער שיין, פול מיטן טיפן געפיל פון טרויער און האָפענונג, מיטן אומדערשיטערלעכן, כמעט רעליגיעזן גלויבן אין תחית־המתים פון אונטערדריקטן און אונטעריאָכטן פּוילן.

זי שטעלט זיך אויף און דאָס מיינט, אַז אונזער אוידיענץ האָט זיך געענדיקט. שוין שטייענדיק, גיט זי צו אויף פּויליש:

"Szkoda, że nie znam się na tych rzeczach"

(אַ שאָד וואָס איך פאַרשטיי זיך ניט אויף אָט־די זאַכן), אָבער אין גיכן וועלן זיין אין ווילנע מיינע צוויי שוועסטער — מאַריאַ און צעלינאַ — זיי וויסן אַ סך מער. דער עיקר, צעלינאַ. זי איז באַקאַנט מיט אייניעם, פּילסודסקי, וועלכן די מאָסקאַליעס זוכן און קענען אים נישט געפינען. און אויך אין קראָקע האָט זי זיך באַקענט מיט דאַשינסקין, אַ פּעאיקער און קלוגער סאָציאַליסט, אַן אויס־געצייכנטער רעדנער. האָט איר געהערט וועגן זיי?"

— יאָ, איך האָב געהערט...

אַ נייע באַקאַנטשאַפט

אין אַן אומגעווײנלעכן הייסן שבת־פרימאָרגן, אומגעווײנלעך אין דער צייט פון יאָר, סוף מאַי, — בשעת איך האָב אָנגעפירט מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע קרײז אין אַ קליינעם אָרבעטער צימערל, אָנגעפילט מיט אומגעזונטער פאַרשטיקטער לופט, האָב איך געקראָגן אַ בלוט־שטורץ. מען האָט מיך גלייך אַוועקגעפירט אַהיים, גערופן אַ דאָקטאָר. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. ווער וויל שטאַרבן אַזוי יונג, אין דער צייט פון לעבן, ווען די אומבאַקאַנטע צוקונפט, פול מיט מיס־טעריעס, מיט מעגלעכער פרייד, גליק און האָפענונג' אינטריגירט און לאָקט מיט אַן אומבאַגרעניצטער קראַפט? מיט יאָרן צוריק, האָב איך געהאַט אַ לונגען־אָנטצינדונג, פון וועלכער מען האָט קוים געראַטעוועט מיין לעבן און פון דעמאָלט אָן פלעג איך אָפט הוסטן. אָבער לעצטנס האָב איך אָנגעהויבן צו פיל צו הוסטן, געפילט אַ מידקייט, אויסגעקוקט שלעכט, מאָגער. דער דאָקטאָר האָט מיך באַרואיקט. אויב עס וועט זיך נישט באַווייזן מער בלוט איז נישטאָ קיין שום סכנה און אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך קענען אַרויסגיין פון בעט. עס איז וויכטיק, אַז איך זאָל גיין פרי שלאָפן, טרינקען אַ סך מילך, נישט אַרומלויפן צו פיל. אויב איך קען אויף זומער אַרויספאָרן פון שטאָט איז געוויס גוט — די הויפּטזאַך איז דאָך צו האָבן ריינע, פרישע לופט. דערווייל האָט ער מיר פאַרשריבן צו טרינקען פיש־טראָן געמישט מיט וויין און צו נעמען קרעאָזאָט־פּילן.

דער בלוט־שטורץ האָט זיך נישט איבערגע'חזר'ט.

ווען איך בין געקומען צו מיין שילער — זיין נאָמען איז געווען באַלעסלאַוו — האָט מיך אין טיר באַגעגנט זיין מוטער, און תיכף אָנ־געהויבן אויסצופאָרשן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר. קיין זאַך האָט מיר נישט פּאַסירט. האָב איך געענטפערט, מער נישט —

דזשאָן מילל

איך האָב זיך נישט געפילט אַם בעסטן און דעריבער נישט געקענט קומען צו די לעקציעס; איך האָף אָבער, אַז מיין נישט־קומען האָט נישט אַרויסגערופן אַ וועלכע עס איז נישט אומבאַקוועמלעכקייטן, אָדער גאָר שלעכטע פאָלגן.

„ניין, האָט זי געענטפערט, קיינע אומבאַקוועמלעכקייטן. איצט קענט איר דאָך שוין געוויס באַלעסלאַוו'ן, ער איז מסתמא געווען גאַנץ צופרידן צו האָבן אַביסל מער פרייע צייט... אָבער מיינע צוויי שוועסטער זיינען אָנגעקומען אין ווילנע און צעלינאַ וואָלט זייער וועלן זיך באַקענען מיט אייך".

איך האָב געשוויגן, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן. געפילט האָב איך זיך אַביסל שעמעוודיק, אומרואיק, נישט באַקוועם.

— „איר ווייסט, זאָגט זי צו מיר, נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איר וועט קומען איבערמאָרגן צו אונז אויף מיטאָג. דאָס מאָל וועלן מיר גיין צום טיש 6 אַזייגער. קומט אַרום פינף, וועט איר האָבן צייט זיך צו באַקענען."

צוויי אומאָנגענעמענע, פאַרדריסלעכע טעג זיינען פאַרביי, איך בין געווען שטאַרק אומצופרידן מיט זיך אַליין. פאַרוואָס האָב איך אַרויסגעוויזן אַזאַ שוואַכקייט און תיכף אויפן אָרט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער איינלאַדונג? און פאַר וועלכן צוועק זוכן זיי מיין באַקאַנטשאַפט, מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט און פון פרעמדע אינטערעסן? אפשר איז דאָס איינפאַך אַ פּוסטע נייגעריקייט און זיי ווילן אַ קוק טאָן אויף אַזאַ זעלטענער חיה ווי אַ אידישער סאָציאַליסט? איך האָב זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. איך האָב געוואָלט זיי לאָזן וויסן אונטער פאַרשידענע תירוצים, אַז איך קען נישט קומען, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די תירוצים וואָלטן געקלונגען נישט גלאַט, נישט פּאַסיק. און יעדנפאַלס וואָלט אַזאַ האַנדלונג נישט געלייזט די פראַגע, זי וואָלט בלויז געפירט דערצו, אַז מען זאָל דאָס איינלאַדן מיך אָפּלייגן אויף אַ פּאָר טעג.

אויף מאָרגן האָט עס נישט גענומען מער ווי אַ מינוט אַז מיין נידערגעשלאָגענע, געדריקטע שטימונג זאָל פאַרשווינדן ווי רויך. אַנשטאָט „פּריצטעס" מיט טרוקענע קאַלטע פּנים'ער און מיט אַ שטייפער, האַלב־סנאָבישער האַלטונג, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט

פיאָנערן און בויער

מיין שילערס מוטער, האָב איך געטראָפן גאָר עפּעס אַנדערש, איך בין פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר צווי, נאָך יונגע, שיינע פרויען, פול מיט לעבן, מיט געלעכטער, מיט אַ נאַטירלעכער, נישט קינסטלעכער, האַלטונג, מיט אַן אויפמערקזאַמער באַציאונג צו אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי. איגנאָרירנדיק אַ סך עטיקעטן און קאָנווענ־ציאָנעלע פאָרמען, האָבן זיי נישט פאַרבאַהאַלטענערהייט שיקאַנירט נישט אַזוי זייערע מענער, וואָס זיינען געזעסן אין אַ זייט און געפירט אַ שטילן שמועס, ווי זייער שוועסטער. און וואָס מער די לעצטע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז איינע פון די שוועסטער, צעלינאַ, אַט גאָר ווי אַ פּאָר זאַרגלאָזע, שטיפנדיקע יונגע מיידלעך. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז איינע פון די שוועסטער, צעלינאַ, איז געווען דער ליבלינג פון אַלע אַנוועזנדיקע, און זי האָט געהערשט איבער זיי אַלעמען. זיי האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר איר און אין דערזעלביקער צייט מורא. אירן אַ קריטישן וואָרט, אַ סאַר־קאַסטישע באַמערקונג פלעגן זיי אַרונטעשלינגען שטילערהייט.

בשעת מען האָט מיך פאָרגעשטעלט, האָט צעלינאַ אָנגעהויבן ריידן מיט מיר כמעט אַזוי, ווי דאָס וואָלט געטאָן איינע פון אונזערע אינטעליגענטקעס: פּשוט, אָפנהאַרציק, חבר׳יש: „צי וועט איך נישט זיין שווער צו ריידן פּויליש?" פרעגט זי מיך. — „איך האָב מורא, אַז עס וועט זיין שווער, איך וועל דאַרפן געברויכן אַ סך רוסישע ווערטער"... „דאָס איז גאָר נישט, ענטפערט זי, מיר גע־ברויכן אויך אָפט רוסיציזמען, מיר זיינען דאָך אויפגעהאָדעוועט גע־וואָרן אין ליטע, נישט אין פּוילן". און דאַן אַ באַמערקונג: „איך האָב זיך געוואָלט באַגעגענען מיט אייך צוליב עטלעכע טעמים, אָבער איר זעט דאָך, אַז דאָ וועלן מיר נישט קענען אומגעשטערט זיך דורכריידן; איר מוזט מיר צוזאָגן צו קומען צו אונז, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין מאַנס עלטערן; זיין פאָטער, דאָווגיערד, איז דער דירעקטאָר פון ווילנער אַגראַר־באַנק („זעמעלני באַנק"); ווען איז די באַקוועמסטע צייט פאַר אייך צו קומען? לייגט דאָס ניט אָפּ אויף לאַנג — מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן בלויז געציילטע טעג".

דאָס מיטאָג־עסן האָט זיך געצויגן לאַנג און איז דורכגעגאַנ־גען צירלעך־מאַנירלעך. אין דער צייט צווישן די מאכלים האָט זיך

געפירט אַן אַלגעמיינער געשפּרעך. מאַריאַס מאַן האָט זיך געחכמ'ט, אָבער זיינע וויצן זיינען געווען אמת „גוישע", אַן זאַלץ און אַן פּעפּער און נאָר פון העפלעכקייט וועגן פלעגט מען ענטפערן אויף זיי — נישט מיט אַ לאַכן, נאָר מיט אַ שוואַכן, קוים קאָנטיקן שמייכל. אַ באַמערקונג פון צעלינאַס מאַן, דאָווגיערד, וועגן אַן אַרטיקל אין לעצטן נומער „קראַי", אַ וועכנטלעכע פּוילישע צייטונג, ארויסגעגעבן פון פּילץ, אַ באַוואוסטן רעאַקציאָנער און „אוגאָדאָוויעץ", אַ פּרע־דיקער פון פּשרה צווישן דער פּוילישער געזעלשאַפט און דער צאַ־רישער רעגירונג, האָט פּראָוואָצירט אַן ענטפער פון זיין פרוי צעלינאַ. „מיין מאַן, האָט זי געזאָגט, כמעט וועגנדיק זיך צו מיר, לייענט די רעאַקציאָנערסטע צייטונגען, און פונקט אַזוי, די ליבעראַל־סטע, אַ שונד־ראָמאַן און פונקט אַזוי אויך ביכער פון דעם העכסטן קינסטלערישן און ליטעראַרישן ווערט — אַלץ מיט די זעלבע גע־פילן; און אויך אין פּאָליטיק — וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן, ווערט ער קיינמאָל נישט אויפגערעגט".

ער האָט טאַקע געמאַכט אַזאַ איינדרוק. זייער ווייניק גערעדט. איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז אַ פרומער קאַטאָליק, גייט יעדן זונטאָג אין קאָשטשאָל, אָבער אַליין, אָן זיין פרוי. ער האָט זי זייער ליב געהאַט און הויך געשאַצט. אין פייער און וואַסער וואָלט ער געגאַנגען פאַר איר, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס גייסטיק און פּאָליטיש האָבן זיי גאָר נישט געהאַט געמיינזאַמעס.

ווען איך בין שוין געווען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, האָב איך געפרעגט מיין שילערס מוטער ווי לאַנג נאָך וועט איר זין זיך נויטיקן אין מיין הילף. אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן די וואַקאַציעס. „איך פּלאַנעווע צו פאַרלאָזן די שטאָט אויף די פּאָר זומער־חדשים, האָב איך איר מיטגעטיילט; איך וויל זיך אָפּרוען, איינאָטעמען פרישע לופט, אָנזאַמלען מער כוח פאַרן נעקסטן ווינטער".

— „דאָס איז אויסגעצייכנט, ענטפערט זי מיר. מאַדנע. איך אַליין האָב געוואָלט ריידן מיט אייך וועגן דעם. באַלעסלאַוו וועט פאַרברענגען די צייט ביז אויגוסט אין אונזער הויף זשעמעליאַני, עטלעכע וויאָרסט פון מאַזשייקי; אויך זיינער אַ פריינט וועט מיט־

פּיאָנערן און בויער

פאַרן דאָס איז דער זון פון אַ שכן, זייער אַ סימפּאַטישע פאַמיליע, דאַשעווסקי; זיי וואָלטן וועלן אַז איר זאָלט אויך אים געבן לעקציעס; זיי ווילן וויסן, צי איר וועט מסכים זיין אויף 50 רובל. זייט וואָס גיכער פאַרטיק און פאָרט — עס וועט אייך נישט פאַרדריסן; עס איז דאָרטן זייער שיין און אָנגענעם".

— "איך דאַנק אייך האַרציק, אָבער אָן אַנטגילטיקן ענטפער וועל איך אייך געבן איבערמאָרגן. אַלץ איז אַזוי אומדערוואַרט".

— "צעלינאַ, ווענדט זי זיך צו איר שוועסטער. פאַן מילל פאַרלאָזט די שטאָט אויף זומער; איך וואָלט וועלן, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט באַלעסלאַוון פאָרן קיין זשעמעליאַני; ווי איך זע, קווענקלט ער זיך".

— "פאַרוואָס? וואונדערט זיך צעלינאַ, איר קענט נישט געפינען קיין רואיקערן און בעסערן פּלאַץ; מיר אַלע מוזן באַלד אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, אויב נישט, וואָלטן מיר דאָרטן אויך פאַרבראַכט דעם זומער; אין הויף וואוינט איצט אונזערע אַ שוועגערין מיט איר קינד, די פרוי פון אונזער קראַנקן ברודער; זי וועט אייך באַזאָרגן מיט אַלעס אויפן בעסטן אופן; איר דאַרפט אפילו קיין ביכער נישט מיטנעמען, איר וועט דאָרטן געפינען אַ רייכע, ווערטפולע ביבליאָטעק; אמת, די ביכער זיינען דאָס רוב אַלטע, אָבער זיי זיינען בעסער ווי די נייע... איר האָט נישט וואָס צו טראַכטן, פאָרט, נישט אַנדערש! און פאַרגעסט נישט — איר דאַרפט מיך קומען זען איידער איר פאָרט אַוועק".

איך האָב צוגעזאָגט.

ד ז ש אָ ן מ י ל ל

צעלינאַ דאַווגיערד. איך פאַרלאָז די שטאָט

מיין וויזיט ביי צעלינאַ דאַווגיערד האָט געדויערט אַרום דריי שעה. אויב איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך פאַרבליבן אַ סך לענגער — אַזוי אינטערעסאַנט, אַנגענעם, באַלערנדיק איז געווען צו זיין אין איר געזעלשאַפט. איר מאַן איז נאָך אַ קאָנוועג־ציאָנעל־העפלעכער באַגריסונג, אַוועק אין די צימערן פון זיינע עלטערן, און קיינער האָט אונז נישט געשטערט אין אונזער לאַנגן שמועס. דער געשפּרעך איז בלויז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן צוליבן באַזוך פון איר שוויגער. צעלינאַ דאַווגיערד האָט מיך געוואָרנט באַלד ווי איך בין אַריין, אַז מיר קענען דערוואַרטן אַ קורצן וויזיט פון איר שוויגער, וואָס האָט געהערט וועגן דעם אַנומעלטיקן מיטאָג־עסן און האָט אויסגעדריקט אַ וואונש צו זען מיך. „בעט איך אייך, האָט זי געזאָגט מיט אַ ליבלעכער אינטאָנאַציע, ווען זי וועט אייך באַגריסן, קושט איר האַנט, זי איז 80 יאָר אַלט, אַזוי האָט זי געלעבט איר גאַנץ לעבן, און ביי איר איז דאָס אַ מנהג, אַ סימן פון העפלעכקייט און נישט אַ צייכן פון סערוויליזם; זי וועט זיך פילן שטאַרק באַליידיקט אויב איר וועט דאָס נישט טאָן״.

אַ זעלטן־נאָבעלע, פרייע, גוטע אַטמאָספערע איז געווען אַרום צעלינאַ דאַווגיערד. ביי אַלעמען פלעגט זי געווינען צו זיך ספּאָנ־טאַנעם צוטרוי און צוגעבונדנקייט. געזען האָב איך זי נאָר דאָס צווייטע מאָל, אָבער איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַזוי ווי איך וואָלט איר שוין געקענט יאָרן און יאָרן לאַנג.

זי איז געווען אַ העכסט אייגנאַרטיקער מענש. געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אַ סביבה, וואו סאָציאַלע פראַגן און סאָציאַליזם זיינען געווען פרעמד און טריף, האָט זי זיך דערהויבן דורך איי־גענעם ווילן און מיט אייגענע כוחות צו אַ פאַרשטענדעניש פון די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער צייט. שטודירט מאַרקסיזם,

פיאָנערן און בויער

זי האָט מיר געוויזן דריי קליינע בענדער פון ק. מאַרקס׳ ווערק, אויף פויליש, וואָס די רוסישע צענזור אין וואַרשע האָט דערלויבט צו דרוקן — ניסים האָבן אפילו אין יענער רעאַקציאָנערע יאָרן גע־קענט פּאַסירן! איינס פון די ביכלעך איז געווען „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך". זי האָט אויך געפּרוּאווט „דורכלייענען" דעם „קאַפּיטאַל" און האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט באַגעגנט שווערי־קייטן און אַז זי צווייפלט, צי זי וועט ווען־עס־איז זיי בייקומען. ווען איך האָב באַמערקט, אַז דעם „קאַפּיטאַל" קען מען נישט סתם אַזוי „דורכלייענען", נאָר מען דאַרף אים שטודירן, פאַמעלעך, מיט דער העכסטער אויפמערקזאַמקייט, האָט זי ווי אַ געהאַרכזאַמער שילער צוגעזאָגט נאָך אַמאָל זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטיין יענעם ספר פון אַלע ספרים.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען ביי איר אַ פּשוטער דילעטאַנטיזם. זי האָט דאָס אָפנהאַרציק אַליין מודה געווען. זי איז פאַראינטע־רעסירט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין די טעטיקייטן פון פאַרטייען, זי וויל גוט פאַרשטיין די טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם, אָבער זי איז נישט אין דער לאַגע צו זיין אַן אַקטיווער טוער נישט איצט און מסתמא אויך נישט אין דער צוקונפט. איר לונגען־קראַנקהייט, איר סביבה, איר סאָציאַלע פּאָזיציע שטייען אין וועג.

פונדעסטוועגן, האָט זי שפּעטער, נישט געקוקט אויף איר די־לעטאַנטיזם, צוויי מאָל אַריבערגעבראַכט פאַר אונז פון אויסלאַנד גרויסע וואַליזעס מיט ליטעראַטור און אָפט געהאָלפן אונז פינאַנציעל. אויף אָפּצודרוקן די דריי רוסישע ביכלעך, וואָס אַרקאַדי האָט אַרויסגעגעבן — דער „אַרבעטס־טאָג", די „אַרבעטער־רעוואָלוציע" און „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען" האָט זי בייגעשטייערט 100 רובל, אויף אָוועקצושטעלן די דרוקעריי פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" — טויזנט. דורך מאַרטאַ מאַרכ־לעווסקאַ, דער שוועסטער פון מיטגרינדער פון דער פּוילישער סאָצי־אַל דעמאָקראַטיע" און שפּעטערדיקן פּראָמינענטן קאָמוניסט, פלעגט זי העלפן דעם וואַרשעווער פּאָליטישן „רויטן קרייץ".

דזשאָן מילל

זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וואָלט וועלן פאַרבלייבן אומבאַקאַנט פאַר אַנדערע און אַז זי טרויט מיר, אַז איך וועל קיינמאָל קיינעם נישט דערמאָנען איר נאָמען. איך האָב אויסגעפירט איר וואונש כמעט אויף הונדערט פראָצענט. אין „בונד" האָט קיינער וועגן איר נישט געוואוסט מיט דער אויסנאָמע פון אַרקאַדי'ן און קאָסאָווסקי'ן. אַרקאַדי האָט זי איין מאָל געזען אין וואַרשע און אַ צווייטן מאָל צוזאַמען מיט קאָסאָווסקין אין באַד עמס, דייטשלאַנד. פראַנץ קורסקי (און אפשר בוכהאָלץ) האָט זיי געגעבן מיין דאָרטיקן אַדרעס, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אין בערלין אויפן וועג קיין פאַריז צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין 1900, אויף וועלכן איך בין אויך געווען אַ דעלעגאַט. מיר, די דריי דעלעגאַטן, אַרקאַדי, קאָסאָווסקי און איך, האָבן דאַמאָלסט מיט צעלינאַ דאָווגיערד און מיט אירער אַ פלימעניצע פאַרבראַכט צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג.

זי האָט אויך געקענט פעליקס דזיערזשינסקין. ער האָט זיך דורך מיר באַקאַנט מיט איר אין קראָקע. שפּעטער, ווען זי און איר מאַן האָבן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין מאָנטרע, שווייץ, איז ער געקומען זיך זען מיט איר אין האָטעל. ער האָט געהאַט אויף זיך אַן אַלטן, צעקנייטשטן רעקל, מיט אַן אָפּגעריסענעם אַרבל און שמו־ציקע שיך, וועלכע זיינען מסתמא נישט געווען געפּוצט זינט מלך סאָביעסקיס צייטן. דער שווייצאַר פון האָטעל האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, אָננעמענדיק אים פאַר אַ בעטלער... מיר זיינען געזעסן אין זאַל נישט ווייט פון טיר און געוואַרט אויף אים. הערנדיק וואָס עס קומט פאָר, האָט צעלינאַ דאָווגיערד זיך צוגעאיילט צו מאַכן אַ סוף צו דער פיינלעכער סצענע און מיט כעס פאָרגעוואָרפן דעם שווייצאַר, אַז ער באַהאַנדלט אירע געסט נישט גענוג העפלעך. דער שווייצאַר האָט אויסגעגלאָצט די אויגן פון פאַרוואונדערונג... דער האָטעל איז געווען איינער פון די רייכסטע אין יענעם גרויסאַרטיקן קוראָרט.

דזיערזשינסקי האָט דאַן געקראָגן פון איר 500 רובל. ווי ער האָט מיר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דערציילט — ער האָט געוואוינט נישט ווייט, אין קלאַראַן — איז זיין ערשטער געדאַנק

פיאָנערן און בויער

געווען צו טראַקטירן זיין כלה (גאָלדמאַן, מאַרק ליבער׳ס שוועסטער), מיט אַ שפּאַציר אין אַ שיפל אויף דער זשענעווער אָזיערע...

אַ לאַנגע צייט איז פאַרביי. דזיערזשינסקי איז ווידער געקומען קיין אויסלאַנד. שיקט ער אַ בריוו צום אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" מיט דער בקשה תיכף אים צו שיקן צעלינאַ דאָווגיערדס אַדרעס. איך בין דאַמאָלט נישט געווען אין זשענעווע, און קיינער פון קאָמיטעט האָט דעם נאָמען נישט געקענט. אין דעם גייסט האָט מען אים געענטפערט. ער האָט זיך געפילט זייער באַליידיקט, שרעקלעך זיך געבייזערט אויף אונז אין דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַ „בונדישער קונצשטיק". ווי קען דאָס זיין אַז דער אויס־לענדישער קאָמיטעט פון „בונד" זאָל נישט האָבן געהערט וועגן צ. דאָווגיערד? ! — — — — —

צעלינאַ דאָווגיערדס אָפּשיד מיט מיר איז געווען זייער אַ פריינטלעכער, כמעט אַ חברישער. „אין האַרבסט וועלן מיר באַזוכן ווילנע אויף אַ לענגערער צייט, האָף איך צו זען אייך אָפּט. און נעקסטן זומער וועלן מיר האָבן אַ צוזאַמענקונפט פון דער גאַנצער פאַמיליע אין זשעמעליאַני. מאַכט ניט קיין אַנדערע פּלענער — איר מוזט דאָרטן אויך קומען, באַלעסלאַוו וועט זיך ווידער נויטיקן אין אייער הילף און אפשר אויך צוויי מיינע פּלימעניצעס. יע, און וואָס ווילט איר, זאָל איך אייך ברענגען פון אויסלאַנד? מיר וועלן זיין נישט בלויז אין גאַליציע, נאָר אויך אין ווין"...

נישט מיט אַ לייכטן האַרצן האָב איך זיך באַשלאָסן צו פאַר־לאָזן ווילנע אויף די צוויי זומער־חדשים. איך האָב זיך געפילט אַזוי צוגעוואוינט צו מיינע אַרבעטער־קרייזן, אַזוי זיך צוגעבונדן צו הויז פון זיינע עלטערן. עס גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט איידער ער אָדער זי הערט אויף צו בענקען נאָכן פאָטער, מוטער, נאָך אַלץ, וואָס עס איז געווען אַזוי נאָענט, טייער און ליב. איך האָב זיך אַזוי צוגעוואוינט צו מיינע אַרבעטער־קרייזן, אַזוי זיך צוגעבונדן צו אַלע חברים און פריינט, אַזוי געפילט די נויטקייט צו זען זיי און צו ריידן מיט זיי כמעט יעדן טאָג, אַז דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון מיין לעבן. „טשודאַק, זאָגט צו מיר אַרקאַדי, — דאָס איז געווען איינס פון זיינע ליבלינגס־ווערטער, — פאַרט! ערשטנס, קריגט איר

דזשאָן מילל

אַן אויסגעצייכנטן האָנאָראַר; צווייטנס, און דאָס איז דאָס ווייכטיקס־טע — איר זייט דאָך נישט געזונט; מען טאָר נישט פאַרלאָזן אַזאַ קראַנקהייט, פאַרט און קומט צוריק מיט נייע כוחות". און עגלעך צו אַרקאַדין האָבן אויך אַנדערע חברים און פריינט דערמוטיקט מיך צו פאָרן.

איך האָב זיך באמת געגוויטיקט אין אַ גוטן אָפּרו.

פיאָנערן און בויער

זשעמעליאַני

איך האָב נישט געהאַט קיין חרטה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט די צוויי זומער־חדשים אין זשעמעליאַני. איך רעד שוין נישט וועגן דער פאַרבעסערונג פון מיין געזונט־צושטאַנד. מיין הוסטן האָט זיך באַדייטנדיק פאַרקלענערט, איך האָב צוגענומען אין געוויכט — איבער 12 פונט אין די ערשטע צוויי וואָכן! דאָס אַליין רעדט שוין פאַר זיך. אָבער דער עיקר — איך האָב זיך אַביסל באַקענט מיט אַן אַנדער ווינקל אין געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, מיטן לעבן אויפן לאַנד, אין דאָרף. פאַניעוועזש איז געווען אַ קליינע שטאָט, עס פלעגט בלויז נעמען אַרום אַ האַלב שעה און מיר פלעגן זיין אויף די פעלדער און אין די וועלדער, נאָענט צו די פריצישע הויפן און די פויערשע דערפער, אָבער וואָס האָבן מיר געוואוסט וועגן זיי, וועגן זייער לעבן, וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג? גאָר נישט מיט גאָרנישט! דעריבער טאַקע איז דאָ, אין זשעמעליאַני, אַלץ געווען פאַר מיר אַזוי ניי און אינטערע־סאַנט. אָט, האָב איך געטראַכט, זיינען צוויי גרויסע הויפן, — איין הויף אין זשעמעליאַני און דער צווייטער — עטלעכע וויאָרסט פון דאַנעט — וואָס געהערן צו פיר שוועסטער און צוויי ברידער. די שוועסטער און זייערע משפחות קומען דאָ פון צייט צו צייט אויף זומער, און זיי אינטערעסירן זיך זייער ווייניק מיט דער אַדמיניס־טראַטיווער און פינאַנציעלער פאַרוואַלטונג פון זייערע גיטער. איין ברודער איז אין אַ שטאַרבענדן צושטאַנד אין ריגע. דער אַנדערער ברודער לעבט דאָ כמעט דאָס גאַנצע יאָר, אָבער ער פאַרשטייט זיך אויף אַגראַר ווירטשאַפט נישט מער ווי איך. זיי אַלע געפינען זיך אין די הענט פון דעם פאַרוואַלטער, אַ שכן, אַ קליין לאַנד־אייגנטימער, אַ דייטשן פאַראַרעמטן באַראָן, וואָס שפילט זיך מיט זיי ווי מיט שטיינדלעך און וואָס עקספלואַטירט די אומוויסנדיקע, נידערגע־

דזשאַן מילל

שלאָגענע און געהאַרכזאַמע פּאַראַבקעס (לאַנד־אַרבעטער) אויף אַ שענדלעכן אופן. אַ לאַנגע, גרויסע ליימענע געביידע, איינטאָניק ווי אַ קאַזאַרמע אָדער אַ תפיסה, אָפּגערוקט אין אַ זייט, איז אָנגעפּילט מיט אָט־די פּאַראַבקעס און זייערע פרויען און קינדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ שטענדיקן קוואַל פון שקלאַפן־אַרבעט אין אמת'ן זין פון וואָרט. זיי אַרבעטן אונטער אַ יערלעכן קאָנטראַקט, זומער און ווינטער, פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג פאַר 70־60 רובל אַ יאָר: די מענער, אין זומער — אויף די פעלדער, און אין ווינטער — אין די וועלדער; זייערע פרויען און טעכטער — אין דער מילך־ווירטשאַפט: זיי מעלקן די קי, שלאָגן פּוטער און מאַכן קעז, וואָס ווערט עקספּאָרטירט קיין ליבאַווע און ריגע, אָדער זיי אַרבעטן אַלס דינסטן און קעכינס אין דעם פּריצישן הויז. אמת, אַחוץ דער אויבנ־דערמאָנטער סומע אין מזומן פלעגט אַזאַ לאַנד־אַרבעטער פאַמיליע קריגן אין צוגאָב אַביסל ווייץ און האָבער, היי און שטרוי פאַר זייערע קי, דאָס רעכט צו פיטערן זייערע בהמות אויף די פּריצישע לאָנקעס, האָלץ פון די פּריצישע וועלדער אויף צו הייצן. אָבער וואָס פלעגט דאָס אויסמאַכן — אָט־די אַלע „פּריווילעגיעס", וויפיל איז דאָס ווערט געווען?

דער דאָרף זשעמעליאַני איז געלעגן אַ ווייאָרסט ווייט פון דעם פּריצישן הויף. דאָס איז געווען אַ דאָרף ווי אַלע דערפער — אין לאַנגע גאַס מיט פּויערשע כאַטקעס אויף ביידע זייטן. קיינע יורידישע אָדער ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיטן הויף האָבן די פּויערים פון דאָרף נישט געהאַט. נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרצעלאַציע פון לאַנד, אויף וועלכן זיי האָבן געלעבט, און זינט דאַן זיינען זיי פאַרבליבן זעלבסטשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע באַלעבאַטימלעך.

פאַר וואָס מען האָט דעם דאָרף אָפיציעל גערופן „שטעטל" (רוסיש — „מעסטעטשקאָ") איז מיר קיינמאָל נישט געווען קלאָר. אַחוץ די פּויערים האָבן אין דאָרף געלעבט בלויז דער גלח פון קאַטוילישן קלויסטער, אַ רוסישער לערער פון דער דאָרפישער שול און... איין אידישע פאַמיליע, אייגנטימערס פון אַ קרעטשמע און פון אַ קליין קרעמל.

פיאָנערן און בויער

דער לערער האָט געפירט אַ קלעגלעכע עקזיסטענץ. זיין מיסיע איז געווען אַ רוסיפיקאַטאָרישע און קיינער האָט מיט אים זיך נישט געחברט און נישט גערעדט. מער ווי אַ פינף־זעקס תלמידים פון די פויערשע קינדער פלעגט ער קיין מאָל נישט האָבן. ער און זיין שול זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער צוואַנג־קאָנטריבוציע, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט נאָכן פוילישן אויפשטאַנד אַרויפ־געלייגט אַלס אַ שטראָף אויף דעם הויף פון רעבעלישן פריץ. זיין לעבן איז געווען אייגזאַמער ווי דאָס לעבן פון די פּאָליטישע פאַר־שיקטע אין די יאַקוטסקער אולוסן. איז עס טאַקע נישט קיין וואונדער, וואָס ער פלעגט שכור'ן אומאויפהערלעך, טאָג און נאַכט.

וועגן דעם אידן האָט מען מיר דערציילט אַ טשיקאַווע מעשה. ווען דער רעבעלישער פריץ פון הויף האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּראָסטן ליטווישן פור־מאַן, דעם אידן אויסגעפוצט ווי אַ רייכן הענדלער און אויף אַ שליטן זיך געלאָזן קיין דייטשלאַנד. ווען ער איז שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט פון גרענעץ, אויסער געפאַר, האָט דער פריץ צו־געזאָגט נישט צו פאַרגעסן וועגן אידן. אָבער די קאָזאַקן האָבן אים אויך נישט פאַרגעסן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָבן זיי אים עפנטלעך געשמיסן כמעט ביז צום טויט. דעם פּריצעס קינדער האָבן, אַלס אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט אים געגעבן אַ מתנה — די קרעטשמע.

מיר זיצן אויפן גאַנעק — איך און מיינע שילער. פון דער וויטנס זעען מיר דעם אידן גייענדיק אין דער ריכטונג פון הויף. ער באַוועגט זיך מאַיעסטעטיש, זייער פּאַמעלעך, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט יעדן טריט וואָס ער מאַכט. ווען ער האַלט שוין ביים אַריינגיין אין טויער פון סאָד, פרעגט אים מיט אַ הויכן קול מיין שילער באָלעסלאַוו: „שמואל, וואָס האָט איר דאָ געבראַכט? וועמען ווילט איר זען?" — „אַ, גאָרנישט, פּאַניטשו," ענטפערט דער איד, „איך וויל עטוואָס בעטן ביי יענעם הער'ן" און ווייזט מיט זיין פינגער אויף מיר. „און וואָס ווילט איר בעטן ביי מיר?" פרעג איך אים אין פויליש. — „זעט איר, מיין הער," — זאָגט ער צו מיר, "איך דאַרף גיין אויף אַ חתונה און איך וואָלט וועלן איר

דזשאָן מילל

זאָלט מיר לייען אַ בגד; מיין בגד איז שוין צו אַלט צו אַזאַ שמחה.״ביידע מיינע שילער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער, אָבער דער איד איז געשטאַנען, רואיק, נישט געשטערט, אַזוי ווי מען וואָלט דאָס אים נישט געמיינט, און געוואַרט אויף מיין ענטפער.
„אַ שאָד, זאָג איך צו אים, איך קען אייך נישט אויסהעלפן; ערשטנס, האָב איך מיט זיך בלויז איין בגד, צווייטנס, זייט איר העכער און ברייטער פאַר מיר און איר וואָלט מיינעם אַ בגד סיי־ווי־סיי נישט געקענט אָנטאָן״. מיט אַ רעזיגנירטער שטימע האָט ער באַדאַנקט און מיט די זעלביקע רואיקע, פאַמעלעכדיקע טריט און מיט זיין פייערלעכער, מאַיעסטעטישער האַלטונג האָט ער זיך געלאָזט אַהיים.

איך האָב זייער געצווייפלט, צי די סיבה, וואָס ער האָט אָנגעגעבן פאַר זיין באַזוך, איז געווען די אמת׳ע. ער האָט גאָר נישט אויסגעזען צו זיין אַזאַ נאַר אויף נישט צו פאַרשטיין, אַז מיינער אַ בגד האָט נישט געקענט פאַסן אויף אים. געבראַכט אים צו זיין משונה׳דיקן איינפאַל האָט מסתמא נייגעריקייט. ער האָט געזען, אַז אָט איז אַ איד, וואָס וואוינט אין פריצישן הויף, שלאָפט דאָרטן, עסט דאָרטן, טרינקט דאָרטן און האַלט זיך מיט אַלעמען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע — און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און געוואָלט אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ איד איז דאָס, ווער איז ער, און נישט געוואוסט אויף וועלכן אופן ער וואָלט קענען באַפרידיקן זיין נייגעריקייט.

גראָד אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין זשעמעליאַני, האָט דער איד איבערגעלעבט אַ באַזונדערע זאָרג און שרעק, אפשר דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן. אַ פיפיק פויערל פון דאָרף, זייענדיק אין ריגע, האָט, איינגעקויפט פאַר עטלעכע רובל פאַרשידענע ביליקע סחורות און ווען ער איז צוריקגעקומען, געעפנט אַ קליין קרעמל. צווישן די פויערים האָט מען אָנגעהויבן צו שושקען זיך, אַז מען דאַרף אונטערשטיצן „אַן אייגענעם״. און אפילו אין הויף, ווען מען האָט אַ דינסט געשיקט עטוואָס איינקויפן אין דער אידישער קראָם, האָט זי באַמערקט: „אפשר בעסער אין דער פויערשער קראָם, ער איז דאָך אַ קריסט, אַן אייגענער.״ אין די ערשטע עטלעכע טעג האָט

פּיאָנערן און בויער

דער איד פאַרלוירן אַלע זיינע קונים, אָבער שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ביי דעם אידן קענען זיי קויפן ביליקער, האָבן אַ סך פון זיי זיך צוריקגעקערט צו אים. אָבער די דראָענדיקע געפאַר פון קאָנקורענץ און באַיקאָט איז געבליבן הענגען ווי אַ שאַרפע שווערד איבער די קעפּ פון דער איין־און־איינציקער אידישער משפחה אין זשעמעליאַני.

בינו לבינו האָב איך פאַרבראַכט מיין וואַקאַציע אין זשעמעליאַני אויף אַ נוצלעכן אופן, הגם פון צו צייט האָב איך געבענקט נאָך ווילנע. אין משך פון די צוויי חדשים האָב איך דערהאַלטן נאָר צוויי בריוולעך: איינס פון אַרקאַדין און אַ צווייטס פון רעוועקאַ ליאַס. די לעצטע האָט אין אַ היימישער שטימונג, וויצלענדיק זיך, מיר געשריבן, אַז אַלע וואַרטן אויף מיין צוריקקומען „מיטן גרעסטן געדולד" (אַנשטאָט — „אומגעדולד" — אויף רוסיש קלינגט דאָס בעסער). האָב איך טאַקע זיך געריסן אַהיים, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עטוואָס אַזוי ווי געטאָטשעט אין מיר: ווי, צוריק אין דעם קליינעם, אַרעמען צימערל? ווידער דאָס אַרומלויפן אַהין און אַהער? דאָס צען־קאָ־פּיקענע מיטאָג־עסן אין מאַצקעוויטשעס רעסטאָראַן מיט דער אויס־זיכט נישט היינט — מאָרגן צו קריגן אַ מאָגן־קאַטאַר? עס ווילט זיך נישט לייקענען! די געזונטע נאַרונג, דער פּראַקטיקער סאָד מיט אויבסט, דאָס זאָרגלאָזע און שטילע לעבן אינם הויף, דער איידעלער קאָמפאָרט אַרום און אַרום האָבן מיך אַביסל „איבערגעפירט", „פאַר־דאָרבן"... אַ מענש איז דאָך אַזאַ שוואַכלינג!...

פונדעסטוועגן, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע, האָט נישט גענומען לאַנג ביז אַלע „שוואַכקייטן", וואָס איך האָב דער־וואָרבן אין זשעמעליאַני, זיינען פאַרשוואונדן ווי אַ „בייזער" חלום.

גלעב־מיטניקאָוויטש (אברהם מוטניק)

אין ווילנע האָב איך אַלץ געפונען כמעט געווען אַזוי ווי דאָס איז געווען איידער איך האָב פאַרלאָזן די שטאָט. קיין שום פאַרענדערונגען. דיזעלבע מענטשן, די זעלבע אַרבעט, די זעלבע זאָרג און פרייד. בלויז דער קאַמף פאַר אַ 10 שעה׳איקן אַרבעטס־טאָג האָט זיך אפשר געפירט מיט מער קראַפט ווי פריער און האָט אַריינגעצויגן אַ גרע־סערע צאָל אַרבעטער. ערטערווייז זיינען אויסגעבראָכן קליינע שטרייקן — אַלע דערפאָלגרייך.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט צוגעקראָגן נאָך אַ וויכטיקן, אַרבעט־זאַמען טוער. דאָס איז געווען אַבראַם מיטניקאָוויטש (א. מוטניק, „גלעב״).

ווען ער איז געקומען קיין ווילנע, איז ער פאַר מיר נישט געווען אַן אומבאַקאַנטע פערזאָן. איך האָב אים געקענט נאָך פון פאָניעוועזש, וואו ער פלעגט אָפט קומען צו פאַרברענגען די וואַקאַציעס, ביי זיין שוועסטער, די פרוי פון אַ באַוואוסטן אָרטיקן אַדוואָקאַט זאַקאַם.

אַליין אַ ווילקאָמירער, האָט ער שטודירט אין קאָוונער גימ־נאַזיע. צוליב פּאָליטישע סיבות איז ער געווען געצוואונגען צו פאַר־לאָזן די גימנאַזיע פלוצלונג, ווען ער איז געווען אין לעצטן קלאַס. ער, צוזאַמען מיט מענדל לעווינסאָנען („וולאַדימיר קאָסאָווסקי״), זיין קלאַס־חבר פון דער זעלביקער גימנאַזיע האָבן אָנגעפירט מיט אַ סאָציאַליסטישן שילער־קרייז. די אַדמיניסטראַציע פון דער גימ־נאַזיע האָט זיך אָבער וועגן דעם דערוואוסט און זי האָט שטילערהייט געהייסן זיי ביידן זיך אָפּטראָגן. גלעב איז דאַן אַוועק קיין בערלין, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר, שטודירנדיק אין שאַרלאָטנבורגער פּאָליטעכניקום. פאַר זיינע פאַרבינדונגען מיט דער דייטשער סאָצי־אַל־דעמאָקראַטיע האָט די בערלינער פּאָליציי אים אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד צוריק קיין רוסלאַנד (1889).

אין ווילנע האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך זיינע מערב־אייראָ־

פּעאישע דערפאַרונגען און זיין קענטעניש פון דער אויסלענדישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אים קאָאָפּטירט אין צענטער, און ער איז דאָ געוואָרן אַן אי־בערגעגעבענער און העכסט נוצלעכער מיטגליד.

די דייטשע השפעה האָט זיך געלאָזט פילן ביי אים אויף יעדן טריט און שריט, אַפילו אין אומבאַדייטנדיקע קלייניקייטן. פּעדאַנ־טישע פּינקטלעכקייט, פּאַרליבטקייט אין דעטאַלן; זאַכלעכקייט, גלאָריפיצירונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון אירע פירער; אַ גלויבן, אַז אַלץ וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָק־ראַטישע פּאַרטיי באַשליסט, שטייט העכער פון יעדער מעגלעכער קריטיק — דאָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין גלעב׳ן אין יענער צייט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זינט אומגעפער 1895, האָבן ער, וולאַדימיר און אַרקאַדי געבילדעט אַ מין טריאומוויראַט, וואו יעדע־רער פון זיי האָט אחוץ די געמיינזאַמע פונקציעס נאָך געהאַט זיינע באַזונדערע: וולאַדימיר — ליטעראַרישע, גלעב — אַדמיניסטראַ־טיווע, אַרקאַדי — אַלגעמיין אויפזעערישע און קאָנטראָלירנדיקע.

אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד״ איז גלעב אויסגע־ווילט געוואָרן אין צענטראַלן קאָמיטעט, אָבער ער האָט זיך נישט באַזעצט אין מינסק, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַנדערע צוויי מיט־גלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט — וולאַדימיר און אַרקאַדי, — נאָר איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש, וואו ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1898.

נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד(1901), איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״, און ער איז אין אים פאַרבליבן ביז 1906, און האָט די גאַנצע צייט אויס־געפירט די אַרבעט פון אַ פאַרוואַלטער און סעקרעטאַר פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון אויסלענדישן קאָמיטעט, פון זיין דרוקעריי און פון דער ביבליאָטעק און אַרכיוו ביזן אָנקומען קיין זשענעווע פון פראַנץ קורסקי.

אַן אינטערעסאַנטער כאַראַקטעריסטישער שטריך: גלעב איז נישט מסכים געווען צו נעמען אַ שטענדיקן פעסטגעשטעלטן געהאַלט.

דזשאָן מילל

אָנשטאָט אַזאַ געהאַלט פלעגט ער פאַרשרייבן אַלע זיינע הוצאות, ווי צום ביישפּיל: וואַשן 2 העמדער, אַ פונט צוקער, געבעקס, אַ פערטל פונט טיי, אַ פּאָר קאַלאַשן, אַ פערטל פונט פּוטער, קעז פאַר 25 סאַנטים און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, און פלעגט איינמאָנען פאַר אַלע אָט־די „לוקסוס" אויסגאַבן, אָנגעבנדיק דעם פּרייז, וואָס ער האָט געצאָלט פאַר יעדן אַרטיקל. די הוצאות פלעגן דערגרייכן די אומגעהויערע סומע פון אַ דריי אָדער העכסטנס פיר אַמעריקאַנער טאָלערס אַ וואָך!...

גלעב איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף צוזאַמענצושטעלן באַריכטן צו אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און אויך באַריכטן פון אויסלענדישן קאָמיטעט צו די צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון „בונד". מיט זייער זאַכלעכקייט, אויספירלעכקייט און פּינקטלעכקייט פלעגן זיי דערמאָנען די בעסטע באַריכטן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

פון 1906 אָן האָט ער אַלץ מער און מער זיך באַזייטיקט — נישט ספּעציעל פון „בונד", נאָר פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איבערהויפּט. צי דאָס איז געווען אַ פּעסימיסטישער אויסברוך נאָך דער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 אָדער די סיבות זיינען געווען פערזענלעכע, ווייס איך נישט גענוי.

ער איז געשטאָרבן אין בערלין אין 1930.

דאָס יאָר 1893 אין ווילנע

דאָס יאָר 1893 אין ווילנע איז פון שטאַנדפּונקט פון דער באַוועגונג געווען אַ גוט און אַ געלונגען יאָר. די פייערונג פון ערשטן מאַי האָט אין יעדן פּרט איבערגעשטיגן די פּאַראַיאָריקע פייערונג: די טאָפּלטע צאָל אָנטיילנעמער, די רעדעס, די שטימונג. אָבער אַזאַ סענסאַציע ווי די ערשטע פייערונג האָט זי שוין נישט אַרויסגערופן. דער צווייטער אָדער דער דריטער איבערפּלי איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, ווי אַלע געדענקען, איז שוין מער אויך נישט געווען אַ סענסאַציע...

מיר האָט ספּעציעל געשמייכלט דער פאַקט וואָס צוויי פון די בעסטע רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַרבעטער פון מיין פּראָפּאַגאַנדע קרייז: אַ קאָמאַשנמאַכער — ליידער קען איך זיך נישט דערמאָנען זיין נאָמען — און דער פּאַפּיראָסנמאַכער פרידמאַן. דעם לעצטנס רעדע איז געווען מוסטערהאַפט. ערב דעם יום־טוב האָבן מיר זאַלבעדריט אַרומגערעדט די פּרטים פון זייערע רעדעס. און די ביידע האָבן זיך צעטיילט מיט די ראָלעס — דער קאָמאַשן־מאַכער האָט געזאָלט ריידן וועגן די לאָקאַלע אָנגעלעגנהייטן פון דער באַוועגונג און פרידמאַנס רעדע האָט געדאַרפט באַרירן אַל־געמיינע פּאָליטישע פראַגן, רוסישע און אינטערנאַציאָנאַלע. דער קאָ־לאָסאַלער דערפאָלג פון זיין רעדע, ווי ער האָט מיר דערציילט, האָט אים אַזוי צעטרייסלט, אַז אַ גאַנצע וואָך נאָך דער מאַי־פייערונג האָט ער נישט געקענט צומאַכן אַן אויג.

און דאַן — אַ גאַנצע כוואַליע פון שטרייקן, וואָס איז געווען געקרוינט מיט אַן אַלגעמיינעם שניידער־שטרייק. אַט דער שניידער־שטרייק איז טאַקע געווען אַ געשעעניש פון ערשטן ראַנג. דאָ איז נישט דאָס אָרט אויפצוקלערן די סיבות, פאַרוואָס אין משך פון אַ דריי יאָר האָבן מיר נישט געהאַט קיין צוטריט צו די שניידער. מיר

דזשאַן מילל

האָבן געהאַט אַ גרויסע צאָל שניידערינס, אָבער נישט קיין מענער־שניידער. דורך דער גאַנצער צייט, אין אַלע מיינע קרייזן, האָב איך געהאַט בלויז איין שניידער און אויך ער איז געווען בלויז אַ לערן־אינגל און נישט קיין רעגולערער אַרבעטער... די דערפאָלגן פון די שטרייקן אין אַנדערע פאַכן, די פאַמעלעכע, אָבער אומ־אויפהערלעכע ווירקונג פון די אַנשטרענגונגען פון די אַגיטאַטאָרן האָבן סוף־כל־סוף דורכגעבראָכן די דיקע וואַנט.

דאָס באַווייזן זיך אין ווילנע פון אַריבערגעשמוגלטער אידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, ספּעציעל פון אַמעריקע, און פון דער אָרטיקער געשריבענער און העקטאָגראַפירטער ליטעראַטור האָט גע־אַריינטראָגן אין די רייען פון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער צופרי־דנקייט, מער מוט מער ענערגיע. זינט יענעם יאָר איז דער „טראַנס־פּאָרט” אָװעקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ סאָלידן אופן, און איז געוואָרן איינע פון די פונקציעס פון צענטער נישט נאָר אין טעאָריע נאָר טאָקע פּראַקטיש. נישט בלויז אַנדערע שטעט אַרום ווילנע, נאָר אויך רוסישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פיל גענאָסן פון אונזערע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן. עס פלעגן זיין פאַלן, ווען כמעט די גאַנ־צע אריבערגעשמוגלטע ליטעראטור איז געגאַנגען צו אונזערע רוסישע חברים.

דער „נס"

איך האָב זעלבסטפאַרשטענדלעך קיינמאָל נישט געגלויבט אין ניסים. אויך קיין מאָל איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז מיט מיר אַליין וועט ווען־עס־איז פּאַסירן אַ נס. פאַר מיר, וואָס האָט אַזאַ דערפאַרונג דורכגעלעבט, איז דער מוסר־השכל, אַז ניסים פּאַסירן יאָ אויף דער וועלט...

אין מאַי 1893 איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך וועל אין גיכן ווידער דאַרפן פאָרן קיין זשעמעליאַני. די צוויי זומער־חדשים האָב איך געזאָלט לערנען נישט בלויז מיט מיין אייביקן שילער, באָלעסלאָוו, נאָר אויך מיט זיינע צוויי קוזינעס, פּלימעניצעס פון צעלינאַ דאָווגיערד. דער נייער גוטער אָפּרו אין דער אויסגעצייכנטער האָנאָראַר זיינען געווען גענוג אַרויסצורופן ביי מיר אַ פולשטענדיקע באַפרידיקונג. אָבער דאָס איז נישט געווען אַלץ. איך האָב זיך אין דער אמת'ן פאַראינטערעסירט מיט אַ פאָר מיטגלידער פון אָט־דער פאַמיליע און האָב פאָראויסגעזען, אַז איך וועל פאַרברענגען די צייט אין דער געזעלשאַפט פון אייניקע אָנגענעמע און אינטערעסאַנטע מענטשן. דערהויפּט צעלינאַ דאָווגיערד. ווען זי איז אין האַרבסט, ווי זי האָט צוגעזאָגט, געקומען קיין ווילנע אויף דריי וואָכן, פלעג איך זי זען כמעט יעדן טאָג און מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט. אַגב אורחא, זי האָט מיר דאַן געבראַכט פון ווין אייניקע אויסגאַבן פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, נומערן פון דער „נייער צייט" און... אַ שפּילקע מיט קאַרל מאַרקס פאָטאָגראַפיע.

אין זשעמעליאַני איז דעם זומער פאָרגעקומען אַ צוזאַמענקונפט פון די משפחות פון אַלע ברידער און שוועסטער. יעדער צימער און יעדעס ווינקל פון דעם גרויסן פּריצישן הויז איז געווען אָנגעפּאַקט מיט געסט. אַ מיליאָניקע ירושה וואָס זייערער אַ פעטער אין גאַ־

דזשאַן מיל

ליציע האָט זיי איבערגעלאָזן און די נויטיקייט צו רעגולירן די ירושה — איז געווען די הויפּט־סיבה פון זייער אַלגעמיינעם צוזאַמענקופט. עס איז היימלעך, מענטשן אַמוזירן זיך, אַביסל כאַאָטיש. אָבער דאָס איז געווען אַ תוהו ובוהו פון אַ באַזונדערן מין. אויב עס קען זיין אַ סימפּאַניע אין דזשעז, פאַר וואָס קען נישט זיין אַ תוהו ובוהו אין די געוויינלעכע ראַמען פון נוצלעכן, אַנגענעמען, יוגנטלעכן צייט־פאַרטרייב? מיר פלעגן גיין כאַפּן פיש, אָדער זיך אָוועקלאָזן טיף אין די וועלדער צו קלייבן שוועמלעך און יאַגאָדעס, אָדער איינאָר־דענען אַ פּיקניק אויפן ברעג פון דעם טייכל, פון וועלכן מיר פלעגן אַרויסקריגן ראַקעס. איך זאָג „מיר", ווייל מער און מער האָבן אייניקע פון זיי אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר ווי אויף אַן אייגענעם מענטשן, ווי אויף איינעם פון דער פאַמיליע און פלעגן באַטראַכטן אַלס אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז איך זאָל פאַרברענגען די גאַנצע צייט מיט זיי און טיילן מיט זיי אַלע פאַרגעניגנס. אַ פרעמדע וועלט, אָבער איך פון מיין זייט האָב אויך זיך ביסלעכווייז איינגעלעבט אין איר און האָב זיך נישט געפילט זשענירט אין מיינע באַוועגונגען, אין מיין אַרט פון דענקען און ריידן, אין מיינע באַציאונגען אַפילו צו די סנאָבישסטע פון זיי. אין אונזערע געשפּרעכן זיינען צייטנווייז אויך באַרירט געוואָרן די אידן־פראַגע און דער אַנטיסעמיטיזם, אָבער נישט אין אַ ליידנשאַפטלעכן, בייזן טאָן. אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן, האָט קיין צווייפל נישט געקענט זיין, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן קאָרעקט און זייער אַנטיסעמיטיזם נישט אַנטפּלעקט. איך האָב געוואוסט וועגן דעם פון אייניקע באַמער־קונגען וועגן זיי פון צעלינאַ דאָווגיערד.

מיינע פליכטן זיינען געווען זייער גרינגע. כ'פלעג בלויז דריי שעה אַ טאָג אָפּגעבן באַלעסלאַוון און מיינע צוויי שילערינס. אָבער מען איז נישט געזעסן כסדר אין זשעמעליאַני. דער גאַנצער עולם האָט פּשוט נישט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט. אָט האָט זיך זיי אַלעמען פאַרגלוסט צו פאַרברענגען אַ וואָך אין ליבאַווע, ביים ים, אַביסל שפּעטער, עטלעכע טעג אין ריגע און אין אַ דערבייאיקן ים־קוראָרט. מאַיאָרנהאָף — און זיי לאָזן זיך אין וועג. איך, נאַטירלעך, מיט זיי. אין מאַיאָרנהאָף האָבן אידן נישט געטאָרט וואוינען, אַפילו

נישט איבערנעכטיקן איין־איינציקע נאַכט, זיי האָבן וועגן דעם געוואוסט, און האָבן דעריבער פאַרשריבן מיך אין האָטעל אַלס אַ קרוב פון „רוימיש־קאַטוילישן גלויבן״ . . .

די צייט איז פאַרבייגעלאָפן גיך. דער גרעסטער טייל פון דעם עולם איז זיך שוין פאַנאַנדערגעפאָרן. די איבערגעבליבענע צעלינאַ דאָווגיערד און איר מאַן, אַ שוועסטער מיט דריי טעכטער, מיין שײַלער און איך — פאַקן זיך שוין אויך. נאָך אַ פּאָר טעג און מיר וועלן זיך געזעגענען מיטן אָרט, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אַזאַ אָנגענעמען זומער.

און טאָקע ערב אונזער אָפּפאָרן האָט פּאַסירט דער „נס״.

מיר זיינען אין גאָרטן און רייסן טרוסקאַווקעס פאַרן „פייוו אָ׳ קלאָק טי״ („פינף אַזייגער טיי״). מיט אַמאָל פרעגט מיך צעלינאַ דאָווגיערד:

— „וואָס זיינען אייערע פּלענער?״

— פּלענער? ענטפער איך. איך פאָר קיין ווילנע ווי געוויינלעך, איך האָב נישט קיינע אַנדערע פּלענער.

— „פאַרוואָס זעצט איר נישט פאָר אייער בילדונג? איר וועט דאָך נישט פאַרברענגען אייער גאַנץ לעבן, געבנדיק לעקציעס באַלעסלאַוון?״

—איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ענטפער איך ווידער, אין רוסלאַנד קען איך נישט שטודירן און אין אויסלאַנד — צו גרויס זיינען די שוועריקייטן, עס קאָסט אַ סך און קיין לעקציעס וועל איך דאָרט דאָך נישט געפינען.

— „איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט, איך האָב געטראַכט וועגן דעם״...

דעם זעלבן טאָג, נאָך דעם „5 אַזייגער־טיי״, ווען מיר זיינען פאַרבליבן אַליין — זי, איר מאַן און איך — זאָגט זי צו מיר פּלוצלונג:

— „איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אָקאָרשט געקראָגן אַ גרויסע ירושה. וואָלט איך וועלן וויסן, צי איר וועט זיין צופרידן צו פאָרן קיין אויסלאַנד פאָרזעצן אייער בילדונג. אויב איך וועל

איך אויסהעלפן מיט 600 רובל אַ יאָר. מיינט איר, אַז דאָס וועט זיין גענוג ?...

דאָס ביסל איבערגעבליבענע צייט ביז איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע האָב איך זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פיבער, אין ריכטיקן זינען פון וואָרט. וועגן אַזאַ „נס" האָב איך זיכער קיין מאָל נישט גע'חלומ'ט. אַ נייער עטאַפּ אין מיין פערזענלעכן לעבן ? אַ ברייטערע וועלט מיט אומבאַקאַנטע און פאַר מיר נייע אינטערעסן און מעגלעכקייטן ? שוויצאַריע ? ציוריך ? די שטימונגען האָבן ביי מיר זיך געביטן און אומצאָליקע פראַגן האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזן אויף אַ מינוט און געשטערט מיר צו געפינען די אַזוי נויטיקע רו און זעלבסטבאַהערשונג.

וולאַדימיר קאָסאָווסקי
(1941—1867)



ל. מאַרטאָוו־צעדערבוים
(1923—1873)

אַ גרופּע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד"
רעכט צו לינקס: וו. מעדעם, גלעב־מיטניקאָוויטש, מ. ווינאַקור, וו. קאָסאָווסקי

מאַרטאָוו. זיי געזונט, ווילנע!

אין משך פון עטלעכע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אין ווילנע ווי אַ באַטויבטער. איך האָב גאָר נישט געקענט טאָן און וועגן גאָר נישט געקענט טראַכטן. אַז איך וועל פאָרן קיין שווייצאַריע, דאָס האָב איך געוואוסט, אָבער דעם דאָזיקן באַשלוס האָב איך אָנגענומען מיט געמישטע געפילן. ווי קען איך דאָס, אַט אַזוי, אינמיטן דערינען איבערלאָזן אַלץ און איבעררייסן די פאַר מיר טייערע געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט? מען דאַרף קענען אַריבערטראָגן זיך אין יענער צייט צו פאַרשטיין וואָס דאָס האָט באַדייט אין די אויגן פון אַ סך פון אונז. אַ דעזערציע! נישט קיין „פאַררעט", נאָר אַ דעזערציע. אָבער דער ווּנש צו פאַרפולקאָמען מיין בילדונג, צו באַקענען זיך מיט אייראָפּע און איר לעבן, צו כאַפּן אַ נאָש און צו פאַרזוכן דעם טעם פון דער רייכער און בונטער אייראָפּיאישער קולטור, אַריינצוקוקן אין דער גרויסער און ברייטער וועלט, האָט מיך אַזוי כישופדיק גע־לאָקט און אַזוי פאַרפירעריש געוואונקען צו מיר.

און ווידער איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אַרקאַדי, דעם חבריש־פריינטלעכן אויסרוף, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו געברויכן: „טשודאַק", נאָכדעם ווי איך האָב אים דערציילט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען. „וואָס איז מיט אייך, האָט ער געזאָגט, ווער וואָלט זיך נישט געפרייט צו האָבן אַזעלכע מעגלעכקייטן? טשודאַק! איר וועט פאַרטיפן אייער בילדונג, איר וועט זען די וועלט, איר וועט זיך נאָענט באַקענען מיט דער מערב־אייראָפּיאישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — און ווען איר וועט קומען צוריק, וועט איר ברענגען מיט זיך אַ רייכערע דערפאַרונג און אַ נוצלעכן גייסטיקן באַגאַזש".

איך האָב געפילט, אַז ער איז גערעכט, און דאָך...

איך האָב געדאַרפט זיך צוזאַמלען. איך האָב נישט געוואָלט פאַר־לירן דעם ווינטער־סעמעסטער אין ציוריכער אוניווערזיטעט. דעם

דזשאַן מילל

אויסלענדישן פּאַספּאָרט האָב איך באַקומען אין אַ וואָך צייט. מיין ביסל פּערזענלעכעס האָב און גוטס האָט איבערגענומען צעדערבוים (מאַרטאָוו), וועלכער איז אָקאָרשט אָנגעקומען קיין ווילנע פון פּעטערבורג. פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס („קאָסעס") האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ גענויען סטאַטיסטישן באַריכט וועגן דער צאָל מיטגלידער, די שטרייקן, דער פינאַנציעלער לאַגע, דער צאָל פאַרזאַמלונגען אין משך פון לעצטן יאָר — איך האָב געפּלאַנט צו באַקענען מיט אָט־די אַלע אינפאָרמאַציעס פּאַוול אַקסעלראָדן אין ציוריך און אויב מעגלעך, פּלעכאַנאָוון אין זשענעווע. דער באַריכט האָט נישט געקענט נישט מאַכן אַ גרויסן איינדרוק, ער איז פּשוט געווען אימפּאָזאַנט.

מיין הויפּט־זאָרג איז געווען דאָס באַזאָרגן די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט און צו וועלכע איך בין געווען זייער צוגעבונדן. ספּעציעל, דריי פון זיי האָב איך געוואָלט איבערלאָזן אין „גוטע הענט". איין קרייז האָט, צו מיין גרויס צופרידנקייט, איבערגענומען ליובאַ לעווינסאָן, פאַר די צוויי איבעריקע, האָב איך גאָר אומדערוואַרט, געקראָגן אַן אָנפירער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער „לידער" פון „מענשעוויזם" אין רוסלאַנד און וועמענס נאָמען איז געוואָרן באַוואוסט אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען מאַרטאָוו.

ער איז אָקאָרשט אַרויס פון תּפיסה און פאַרשיקט געוואָרן קיין ווילנע אויף צוויי יאָר. אַ חוץ שאַרעין, וועלכער האָט אויך געענדיקט זיין טורמע טערמין און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין זיין געבורטס־שטאָט, האָט מאַרטאָוו קיינעם נישט געקענט. ביי די שאַרעיס האָט ער זיך דערוואוסט וועגן מיין פאַרשטייענדיקן אָפּפאָר קיין אויסלאַנד און וועגן מיינע אַרבעטער־קרייזן. מיט אומגעדולד, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, האָט ער געפאָדערט ביי זיי תּיכף אונז צוזאַמענצוברענגען.

אַ יונגער מאַן פון אַרום 20־21 יאָר. אַביסל אונטערגעהינקט. אַן אויסגעמאַגערטער, אַ בלאַסער, מיט אַ פּנים פון אַ טיפּישן רוסיש־אידישן אינטעליגענט. גערעדט האָט ער גיך און

פּיאָנערן און בויער

געטראַכט גיך און ביז מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו זיין אַרט ריידן, האָבן מיר לכתחילה אָפּט אים נישט געקענט פאַרשטיין. ער פלעגט אַרונטערשלינגען נישט בלויז ווערטער, נאָר גאַנצע פראַזן. גערעדט האָט כמעט ער אליין. און וועגן וואָס האָט ער נישט גערעדט! זיין ערודיציע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. און וועגן דער רוסישער פובליציסטישער ליטעראַטור און וועגן די לעצטע אויסגאַבן אויף פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעמעס האָט ער גע־רעדט מיט אויטאָריטעט, מיט זעלבסט־זיכערקייט. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועגן די פּעטערבורגער קרייזלעך, וועגן די מענשן, וואָס האָבן גענומען און נעמען נאָך אָן אָנטייל אין זיי — האָט דאָס מיך געוואונדערט און אָביסל שאָקירט. נישט אַ ווילנער טיפּ. אַ מענטש פון אַן אַנדער רעוואָלוציאָנערער סביבה. די איינפאַכסטע כללים פון קאָנספּיראַציע האָט ער נישט אָפּגעהיט. שפּעטער, ווען איך בין געקומען פון אויסלאַנד קיין ווילנע אויף וואַקאַציע, האָב איך זיך נישט געוואונדערט, ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז זיין ראָלע אין דער אָרגאַניזאַציע איז געווען נאָר אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אַז צו דער ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּראַקטישער אַרבעט לאָזט מען אים נישט צו: ער — און ליטוואַק — זיינען יאָרנלאַנג פאַרבליבן סינאָנימען פון אַבסאָלוטער אומפעאיקייט צו קאָנספּיראַציע.

איך האָב זיך אָביסל געקווענקלט, צי זאָל איך אים איבערגעבן מיינע צוויי קרייזן. אָבער נאָכן דורכשמועסן זיך וועגן דעם אין צענטער און נאָכן אויסגעפינען די מיינונגען פון די אַרבעטער, האָב איך באַ־שלאָסן די פראַגע אויף יאָ. ווי איך האָב פאָראויסגעזען, האָבן אים די אַרבעטער אין אָנהייב נישט געקענט פאַרשטיין, ער איז נישט גע־ווען פאַר זיי גענוג פּאָפּולער, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגע־וואוינט צו זיין שפּראַך און זיך צוגעבונדן צו אים פערזענלעך. —

... זיי געזונט ווילנע, טייערע און ליבע ווילנע! אין דיינע ווענט בין איך אַריין אַלס אַ יונגער בחור מיט דערוואַרטונגען און מיט אַ גלויבן, און דו האָסט נישט אָפּגענאַרט מיינע האָפענונגען. אָט דאָ, ביי דיר, בין איך אויסגעוואַקסן פּאָליטיש; דו האָסט מיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דאָס לעבן, די מענטשן, זייערע פאַר־

דזשאַן מילל

וויקלטע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען; דאָ איז אין מיין האַרץ אַנגעצונדן געוואָרן דער הייליקער פייער פון סאָציאַליזם׳ וועלכער האָט קיין מאָל שפּעטער, אפילו נישט אויף קיין איין־אײנציקער מינוט. נישט געקוקט אויף אַזוי פיל אַנטוישונגען און איבערלעבונגען, נישט געקענט אויסגעלאָשן ווערן. אין פאַרשידענע לענדער, וואו דער גורל האָט מיך אַרומגעיאָגט, אין פאַרשידענע אומשטענדן און באַדינגונגען, פאַר צענדליקער און צענדליקער יאָרן, האָב איך נישט געקענט און קען נישט עד היום פאַרגעסן די וואונדערבאַרע שטאָט פון אַמאָל און יענעם וואונדערשיינעם דור פון מענשן וואָס האָבן אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. קיין איינער כמעט פון זיי, פון יענעם דור׳ איז שוין נישט צווישן אונז, אָבער אין מיין זכרון און אין מיין האַרץ וועלן זיי לעבן אַזוי לאַנג ווי איך אַליין וועל לעבן. זיי געזונט, ווילנע!

ציוריך

פיאָנערן און בויער

פון ווילנע ביז ציוריך

די רייזע פון ווילנע ביז ציוריך האָט ביי מיר געדויערט, אָנ־
שטאָט אַ דריי מעת־לעת, איבער צוויי וואָכן. איך האָב געהאַט אַ
שליחות זיך אָפּצושטעלן אין וואַרשע אויסצוגעפינען פון קולטשיצ־
קיס מוטער און שוועסטער איינצלהייטן פון זיין אַרעסט אין קאָוונע
איז צוזאַמענהאַנג מיט נח׳ס אַרעסט. באַזאָרגט, נערוועז, דערשראָקן
האָבן זיי אַליין גאָרנישט געוואוסט און קיין נייע פאַקטן מיר נישט
געקענט געבן. פאַרקערט, זיי אַליין האָבן געהאָפּט צו הערן עטוואָס
נייס פון מיר. איך האָב גערדאַרפט זיך זען אויך מיט נאָך אימיצן.
אָבער דאָס איז נישט געווען די הויפּטזאַך. ווי קען מען דאָס אי־
בערהויפּט, דורכפאָרנדיק וואַרשע צום ערשטן מאָל, זיך נישט אָפּ־
שטעלן און זיך נישט באַקענען אַביסל מיט אָט־דער שיינער, אמת־
אייראָפּייאישער שטאָט, וועלכע איז אין אַלגעמיין באַטראַכט געווען
אַלס די „טיר” קיין מערב־אייראָפּע? די שטאָט איז מיר זייער גע־
פעלן געוואָרן. די גרויסע מאָדערנע געביידעס, די געדיכטע מאַסן
פון עלעגאַנט־געקליידעטע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט די ריינע
גאַסן, דער כאַראַקטער און אויסזען פון אַ הויפּט־שטאָט אין קעגנזאַץ
צו דער פאַרוואָרפנקייט, אָרעמקייט און גרויקייט פון אַ פּראָווינציע־
לער שטאָט האָבן שטאַרק אימפּאָנירט מיר, — אַ מענטשן, וואָס האָט
נאָך ביז איצט ענלעכעס נישט געזען. מען דאַרף נישט פאַרגעסן: אַ
דורכרייזנדער׳ וואָס שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף אַ קורצן באַזוך, גייט
דאָך נישט זוכן די ענגע, שמוציקע געסלעך באַוואוינט פון אביונים,
פון מענשן פון הונגער און נויט, פון פאַרלאָרענע און באַרויבטע...
איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין צענטער פון שטאָט, אין די הויפּט־
גאַסן, וואו עס האָט געווימלט און געקאָכט פון מענטשן. די באַוועג־
לעכקייט, די רירעוודיקייט פון דער באַפעלקערונג, איר אויסערלעכע
לעבעדיקייט און פרייד האָבן אָנגעשטעקט יעדן, וואָס איז צוגעוואוינט

דזשאַן מילל

געווען צו אַ שטילן, לאַנגזאַמען אַרט פון צייטפאַרברענגען. אינערלעך האָב איך גלייך אָנגענומען אַ באַשלוס און געזאָגט צו זיך אַליין: ווען איך קום צוריק פון אויסלאַנד, וועל איך אין קיין אַנדערער שטאָט נישט וואוינען. איך וועל זיך באַמיען איינצואָרדענען זיך נאָר אין וואַרשע. —

און ווי שטעלט מען זיך נישט אָפּ אין וואונדערשיינעם און לוס־טיקן ווין מינדסטנס אויף אַ טאָג אָדער צוויי? אין צוג, וואָס האָט מיך געפירט פון וואַרשע קיין ווין, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּיפּיקן פּוילישן סטודענט פון זשענעווע, וואוהין ער איז איצט גע־פאָרן. דעם גאַנצן וועג איז ער פון מיר נישט אָפּגעטרעטן, אפשר דערפאַר וואָס איך האָב אים טראַקטירט מיט קאַווע אָדער ביר און סאַנדוויטשעס יעדעס מאָל ווען איך פלעג דאָס קויפן פאַר זיך אַליין. איך האָב אים דאָס פאַרגעבן פון גאַנצן האַרצן. איך האָב זיך גע־נויטיקט אין אים מער ווי ער אין מיר. ער האָט אַלץ געוואוסט וועגן דער לאַנגער רייזע, ער האָט אויסגעצייכנט געקענט ווין און אָן אים וואָלט איך זיך פּשוט פאַרלאָרן, קיין בעסערן באַגלייטער און רייזע־פירער וואָלט איך פאַר געלט נישט געקענט קריגן. אין ווין האָבן מיר איבערגעלאָזן אונזערע זאַכן אויפן באַנהויף און מיר זיינען דירעקט אַוועק' צום רייכסראַט (פּאַרלאַמענט), וואו, ווי מיר האָבן געוואוסט פון די צייטונגען, האָט זיך געפירט אַ הייסער און פאַר־ביטערטער קאַמף פאַר אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט. די פּראַכטפולע געביידע פון רייכסראַט איז געווען אַרומ־גערינגלט מיט אַן אומגעהייער גרויסער מחנה מענטשן, — סטודענטן, אַרבעטער, אינטעליגענטן צוזאַמענגעמישט מיט די „היטער פון אָרדענונג" — מיט פּאָליציילייט. דער המון איז געווען אויפגערעגט ביז גאָר. דאָ און דאָרטן פירן זיך צערייצטע דעבאַטן צווישן פאַר־שידענע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, און אָט־אָט קען מען מיינען, אַז עס וועט אויסברעכן אַ געשלעג צווישן זיי. פון צייט צו צייט לאָזן זיך הערן אויסרופן: „מיר פאָדערן גלייכע וואַלרעכט!, „גיט אונז אַ וואַל־רעפאָרמע!" יעדן רעאַקציאָנערן דעפּוטאַט, וואָס פלעגט זיך באַווייזן ביים אַריינגאַנג פון פּאַרלאַמענט, פלעגט די מאַסע באַגע־גענען מיט אַ פייפעריי און מיט אַ קאַצן־יאַמער־קאָנצערט. דער

פיאָנערן און בויער

אַלטער פּלוטאָקראַטישער וואַל־געזעץ איז געווען אַזוי קונציק צו־זאַמענגעשטעלט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעבילדעט איינע פון די גרעסטע פּאַר־טייען אין עסטרייך, — נישט געקענט דערווילן אַפילו איין־איינציקן פּאַרשטייער, און אויך דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע האָט זיך מיט שוועריקייטן איינגעגעבן אויסצוקלייבן בלויז צוויי דעפּוטאַטן. איינער פון זיי איז געווען דער פון אַלעמען באַליבטער פּערנסטאָר־פער, אַ גוטמוטיקער און פריילעכער מענש, וואָס איז שפּעטער אַרי־בער צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין אַט־דעם טומלדי־קן המון האָב איך זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער, און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דער פּאַר מיר העכסט אינטערעסאַנטער און גאָר נייער סצענע — צום גרויסן פּאַרדרוס פון מיין באַגלייטער, וואָס האָט געצופּט מיך פאַר די פּאָלעס און איז נישט אָפּגעשטאַנען, און געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אַז מיר ווילן זיך פּאַרשפּעטיקן צום באַן. מיר האָבן זיך טאַקע פּאַרשפּעטיקט און געמוזט אָפּזיצן די גאַנצע נאַכט אויף די האַרטע בענק פון וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויף דעם נעקסטן צוג קיין ציוריך.

די שיינקייט פון דער רייכער נאַטור צווישן ווין און ציוריך האָט מיך איינפאַך באַצויבערט. מיין פּנים איז געווען ווי צוגעשמידט צום פּענסטער פון וואַגאָן אַזוי ווי איך וואָלט מורא געהאַט וואָס עס איז דורכלאָזן נישט געזען.

די מאַיעסטעטישע בערג, וואָס זייערע שפּיצן זיינען געווען באַדעקט מיט אייביקן שניי און אייז, די מאַלערישע גרינע טאָלן, די שטור־מישע באַרג־טייכן און שטראָמען, די רואיקע מעלאַנכאָליש־פּאַר־חלומטע בלויע אָזערעס, די טיראָלער אין זייערע קאָמישע קורצע הייזלעך מיט די נאַקעטע קני, מיט די אידלוויס־בלומען אין די לאָצן פון זייערע קורטקעס און די קאָלירטע פעדערן אין די היט־לעך, — דאָס אַלץ האָט אויסגעזען פּאַר מיר ווי פאַנטאַסטישע סצענעס און בילדער פון אַן אַנדער, אומבאַקאַנטער וועלט. די שווייצאַרישע גרענעץ זיינען מיר אַריבער אין אַ זונטיק. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַזוי ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַן אייגנאַר־טיקן וואונדערלעכן לאַנד, נישט ענלעך צו די מדינות, וועלכע איך

דזשאַן מילל

האָב ביז איצט געזען. כמעט אויף יעדער גרעסערער אייזנבאַן־סטאַנציע האָבן מיר באַגעגנט צוגן מיט וואַגאָנען אָנגעפּאַקט מיט שול־קינדער, פריילעכע, לאַכנדיקע, זינגענדיקע, וועלכע האָבן צו־זאַמען מיט זייערע לערער געמאַכט עקסקורסיעס צו באַקענען זיך מיט זייער באַליבטן פאָטערלאַנד. קיינע סאָלדאַטן, קיינע מיליטע־רישע אָדער ציווילע אוניפאָרמען, וואָס פלעגן פאַרבלענדן די אויגן אין רוסלאַנד און עסטרייך. דער פרייהייטלעכער גייסט האָט פשוט געשוועבט אין דער לופטן. ווי דורך מאַגיק איז פאַרשוואונדן די פאַרזיכטיקייט, די מורא פאַר פאָליציי און שפּיאָנען, דאָס אויסהיטן זיך מיט יעדן וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט עפנטלעך און דאָס היטן יעדן שריט. און אָן אפיקורסישער געדאַנק גנב'עט זיך אַריין, נישט קיין זיכערער, אַ ספק'דיקער: אפשר אָט דאָס, אָט דער פּאָליטישער סיסטעם, אָט דער מין פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע וואָלט דערווייל געווען גענוג, וואָלט ביז אַ געוויסער צייט געווען צופרידנשטעלנד? קלאַסן־קאַמף, סאָציאַליזם — געוויס, אָבער אפשר אַביסל שפּעטער? איך האָב אין דער שווייץ אין יענער צייט אָפט זיך געטראָפן מיט אַ סך רוסישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס אונטער דעם איינפלוס פון דער דאָרטיקער פּאָליטישער פרייהייט האָבן ווירקלעך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע געדאַנקען. די דאָזיקע געדאַנקען, האָבן אפילו געפונען אָן אויסדרוק אין דער פּוילישער סאָציאַליס־טישער ליטעראַטור. די, וואָס האָבן אַזוי געטראַכט, האָבן געהערט צו דער אינטעליגענץ. צי אַ רוסישער אָדער אַ פּוילישער פּראָלע־טאַריער וואָלט אָנקומענדיק קיין שווייץ, אויך רעאַגירט אויף דעם זעלבן אופן, וועגן דעם צווייפל איך...

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג

אין ציוריך איז מיין ערשטער וויזיט געווען צו גראַזאָווסקין. צו אים האָב איך געהאַט אַ רעקאָמענדיר־בריוו פון אַרקאַדין. פון אים האָב איך דערוואַרט צו קריגן אַלע אינפאָרמאַציעס, אין וועלכע אַ ניי־אָנגעקומענער אין אַ פרעמדער שטאָט נויטיקט זיך. דורך אים, ענדלעך, האָב איך דערוואַרט צו פאַרקניפּן באַקאַנטשאַפטן מיט גע־זינונגס־חברים, וואָס האָבן דאַמאָלסט אין אַזאַ גרויסער צאָל געלעבט אין ציוריך. אָבער גראַזאָווסקי איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיין גרייט באַהילפיק צו זיין אין אַזעלכע ענינים און וואָס זאָל אַראָפּגיין פון זיין אָנגעמערקטן וועג מיטן ציל צו העלפן אימיצן מיט „ראָט און טאָט". האָט ער דעריבער אַריינגערופן ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס האָט געוואוינט אין אַ דערבייאיק צימער, און פון איר האָב איך זיך דערוואוסט וועגן אַלץ, וואָס האָט מיך אינטערעסירט.

פון אַ נידעריקן וואוקס, מיט אַן אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויסן קאָפּ מיט אַ טיפּיש אידישן געזיכט און דיקן נאָז, מיט אַ שווערן צייטנווייז, אַביסל אונטערהינקענדיקן, גאַנג, האָט זי אויסערלעך נישט געמאַכט קיין צוציענדיקן איינדרוק. אָבער מען האָט געדאַרפט פאַרברענגען מיט איר אַביסל צייט אום גלייך געוואָר צו ווערן, ווי־פיל לעבן און ענערגיע שטעקט אין איר, ווי קלוג און שאַרפזיניק זי איז, אויף וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה פון גייסטיקער וואַכזאַמקייט און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג זי שטייט.

זי האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג אין אונזער אַרבעט אין ווילנע און איך האָב געמוזט פאַרענטפערן אַן אַ מאָס פראַגן. זי האָט געוואָלט וויסן וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון אונזער פּראָפּאַגאַנדע, וועגן די שטרייקן, די פאַרזאַמלונגען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי מיר ווייסן וואָס־עס־איז וועגן די לעצטע געשעענישן אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ווי

דזשאַן מילל

מיר באַציען זיך צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע, צו דער „פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי״ (פּ. פּ. ס) און צו דער „פוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״ (פּ. ס. ד.). די ידיעה וועגן אונזער נעגאַטיווער באַציאונג צו דער טאַקטיק פון פּ. פּ. ס. האָט זי אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט און גלייך אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. איז נאָך אַ סך ערגער ווי די טאַקטיק.

זי האָט צוגעזאָגט צוזאַמענצוברענגען מיך מיט אירע פריינט און חברים באַלד נאָכדעם ווי איך וועל זיך איינאָרדענען. זי האָט מיר רעקאָמענדירט אַ „גרויסן, באַקוועמען און ביליקן״ צימער ניט ווייט פון דעם הויז, וואו זי און גראַזאָווסקי האָבן געוואוינט. אָבער זי האָט מיך אין דער זעלבער צייט געוואָרנט, אַז מיט יענעם צימער איז פאַרבונדן אַ בלוטיקע טראַגעדיע: מיט אַ חודש פריער האָט זיך אין אים דערשאָסן אַ פויליש־אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט נאָך אַ שאַרפן דיספּוט מיט אַ „סאָציאַל־פּאַטריאָט״ פון פּ. פּ. ס., וואָס האָט אים פערזענלעך גראָב באַליידיקט.

ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מיין פּלאַן איז צו שטודירן מעדיצין, האָט זי מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס וועט מיינען זעקס יאָר שווערע אַרבעט, וועלכע וואָלט צוגענומען ביי מיר יעדע מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין באַרירונג מיט אַ וועלכער־נישט־איז געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. „צי זייט איר גרייט אויף אַזאַ קרבן?״ — האָט זי מיך געפרעגט.

די סטודיעס אין אוניווערזיטעט

גיין, אויף אַזאַ קרבן בין איך נישט געווען גרייט. איך וועל נישט אָפּגעבן זעקס יאָר פון מיין לעבן אויף שטודירן מעדיצין. אײ־בער נאַכט, קען מען זאָגן, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלער טויש פון מיינע לכתחילהדיקע פּלענער. אַביסל פאַרטיפן און פאַרברייטערן די אַלגעמיינע בילדונג, אויספילן די בלויזן, אָפּפרישן דאָס פאַרגע־סענע און דערגאַנצן דאָס פאַרזעענע — און איך פאָר צוריק. צוויי אָדער דריי סעמעסטערס וועלן זיין גענוג. אין גייסט פון אָט־דער אַנטשיידונג האָב איך אָנשטאָט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אויס־געקליבן דעם פילאָזאָפישן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קאָמ־בינאַציע פון פינף קעגנשטאַנדן: אַלגעמיינע געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, באָטאַניק און געאָלאָגיע.

דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע איז געווען אַ שווייצאַר און גע־רעדט האָט ער מיט אַ שווייצאַרישן אַקצענט. עס איז פּשוט געווען אוממעגלעך אים צו פאַרשטיין. פאַר מיר זיינען זיינע לעקציעס גע־ווען פאַרלוירענע צייט און דער שכר־לימוד פון 50 פראַנק — אַרויס־געוואָרפן געלט. די נעמען פון די איבעריקע פיר פּראָפעסאָרן זיינען געווען אויב נישט באַרימט איז יעדנפאַלס ווייט באַוואוסט נישט בלויז אין אַקאַדעמישע קרייזן. די גלענצנדע לעקציעס פון פּראָפעסאָר היים וועגן געאָלאָגיע פלעגן צוציען הונדערטער צוהערער. אויך פלאַטטען'ס לעקציעס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ער איז געווען אַ בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, אַ קעג־נער פון מאַרקסיזם, אַן אַפּאָלאָגעט פון קאַפּיטאַליזם. אפשר טאַקע דעריבער, וואָס ער איז געווען אַזאַ שטאַרקער און איינגעשפּאַרטער פאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַליזם, איז דער דערפאָלג פון זיינע לעקציעס צווישן זיינע צוהערער געווען אַזוי גרויס — אין זייער מערהייט זיינען זיי דאָך געווען קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. דער פּראָ־

דזשאַן מילל

פּראָפעסאָר פון באָטאַניק, דאָדעל, איז געווען אַ סאָציאַליסט, כאָטש נישט קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי. זיין בוך „מאָזעס אָדער דאַרווין?" („משה רבינו אָדער דאַרווין?") איז אין יענער צייט געווען באמת פּאָפּולער און פיל געלייענט. די לעקציעס וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט געגעבן קאָנראַד שמיט, דאַמאָלט אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט, שפּעטער אַ נישט ווייניקער איבערצייגטער רעפאָרמיסט, אַן אָנהענגער פון עדואַרד בערנשטיינס רעוויזיאָניזם. געהאַט האָט ער קוים אַ פּאָר צענדליק תלמידים, אָבער דאָס איז געווען די עליטע, די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע צווישן דער סטודענטנשאַפט פון פילאָזאָפישן און יורידישן פאַקולטעט: ר. לוקסעמבורג, מאַרכלעווסקי, זיין פרוי גוטמאַן, קורנאַטאָווסקי, טעפּלאָוו, פּעטערסאָן און נאָך — אַלץ נעמען, וועגן וועלכע מען האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַזוי פיל געהערט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איין מאָל אַ חודש פלעגן דורכגעפירט ווערן דיסקוסיעס, אין וועלכע סיי די סטודענטן, סיי די פּראָפעסאָרן פלעגן נעמען אַ טעטיקן אָנטייל. די דיסקוסיעס זיינען געווען גייסטרייך און זייער באַלערנדיק און האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער גרינטלעכער פאַרשטענדעניש פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

די רוסישע און פוילישע קאָלאָניעס

פילפאַרביק און צאָלרייך איז געווען די ציוריכער קאָלאָניע פון רוסישע, פוילישע און אידישע סטודענטן און סטודענטינס און פון די פאָליטישע עמיגראַנטן וואָס זיינען מיט זיי געווען אויסגעמישט. זיי האָבן געבילדעט אויפן שווייצאַרישן באָדן אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה, מיט זייערע אייגענע לייען־זאַלן, מיט קיכן, וואו מען פלעגט קריגן פאַר אַ קליינעם פרייז אַ נישט'קשה'דיקן מיטאָג, מיט זייערע אייגענע אינטערעסן: אַקאַדעמישע, פאָליטישע, נאַציאָנאַלע. מיט קליינע אויסנאַמען זיינען זיי אַלע געווען אָפגעריסן פונם אָרטיקן לעבן. זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי געסט, ווי טוריסטן און צו דעם אַרומיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן זיי זיך באַצויגן כמעט גלייכגילטיק. זעלטן פלעגט אימיצער פון זיי לייענען אַ שווייצאַרישע צייטונג, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ציוריך אַליין האָט פאַרמאָגט דריי גוטע טעגלעכע צייטונגען: די קאָנסערוואַטיווע „נויע ציוריכער צייטונג“, די ליבעראַלע „ציוריכער פאָסט“ און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „פאָלקסרעכט“. יענע פון זיי, וואָס זיינען נישט געווען אַפאָליטיש, האָבן פונדעסטוועגן געלעבט בלויז מיט רוסישע און פוילישע אינטערעסן און נישט געמאַכט קיינע אָנשטרענגונגען זיך צו באַקענען מיט די שטאַרקע און מיט די עלטסטע אין אייראָפּע שווייצאַרישע טרייד־יוניאָנס; מיט דעם אָריגינעלן און איינפלוסרייכן „גריטלי־פאַראיין“, אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון קליינבירגער, האַנטווערקער און אַרבעטער וואָס האָט אמת נישט געהאַט קיין קלאָרע סאָציאַליסטישע טענדענצן, אָבער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט; ווי אויך נישט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וואָס איז געווען געגרינדעט שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק (אַרום 1870) דורכן קאָלירפולן גרויליך, דעם אַמאָ־

ליקן איינבינדער, דעם פּראָמינענטן און פון אַלעמען געאַכטעטן פּי־רער, איינעם פון די פּאַטריאַרכן פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. —

די רוסישע און פּוילישע קאָלאָניעס זיינען געווען אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער און האָבן געפירט אַ באַזונדערן, אָפּגע־שיידטן לעבן. איך געדענק נישט קיין איינציקע געמיינזאַמע אַרויס־טרעטונג, קיין איינציקע געמישטע אונטערנעמונג. די שולד איז גע־לעגן אויף דער פּוילישער זייט, נישט אויף דער רוסישער. דער עיקר — זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די פּ. פּ. ס. און עס איז אַלס דער הויפּטציל פון איר קאַמף און פון אירע נאַציאָנאַלע אַספּיראַ־ציעס פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, — זיינען די באַציאונגען צווישן ביידע קאָלאָניעס שטאַרק פאַרערגערט גע־וואָרן. עס האָט נישט געקענט זיין אַנדערש. אַרום דער פּ. פּ. ס. האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן אַלע שאָוויניסטישע און נאַציאָנאַ־ליסטישע עלעמענטן און זיי האָבן ארויפגעלייגט אַ שטעמפּל פון סע־פּאַראַטיזם און אומצוטרוי לגבי נישט־פּאָליאַקן און צו אַנדערש־דענקענדיקע. דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט האָבן זיי גענומען דורכאויס ערנסט. די פּראַקטיש־טעכנישע צוגרייטונגען צום קאַמף פאַר אַ פרייַ פּוילן האָט זיי אַלעמען באַהערשט. אין אַ גרויסן האָל (זאַל) האָבן זיך געפירט סיסטעמאַטישע לעקציעס און איבונגען פון מיליטערישן כאַראַקטער. בכדי נישט צו האָבן אומאַנגענעמלעכקייטן מצד דער שווייצאַרישער רעגירונג, וועלכע וואָלט נישט געדולדעט אַ געפערלעכע נעסט פון אויסלענדישע קאָנספּיראַטאָרס, האָבן די איבונ־גען זיך געפירט אונטער דער מאַסקע פון ספּאָרט. מיליטערישע עקס־פּערטן האָבן צוגעגרייט קאַדרען פאַר דעם צוקונפטיקן באַוואָפנטן באַפרייאונגס־קאַמף קעגן דעם רוסישן „נאַיאַזד" (אינוואַזיע). פּיל־סודסקי איז אָפט געווען איינער פון יענע עקספּערטן. ראָזאַ לוקסעמ־בורג פלעגט כסדר איראָניזירן איבער די „נאַרישע פּאָליטישע קינדער וואָס שפּילן זיך אין סאָלדאַטן און מלחמות." —

אָט אין דער צאָלרייכער רוסיש־פּוילישער קאָלאָניע האָב איך געפונען אַ געוויסע גרופּע פון געזינונגס־חברים און מיט איניקע פון זיי זיך גוט באַפריינדעט. אַלע, נאַטירלעך, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וואָס גיכער זיך צוריק־

פיאָנערן און בויער

צוקערן קיין רוסלאַנד און צוצוטרעטן צו דער פּראַקטישער סאָציאַ־ליסטישער אַרבעט. אייניקע פון זיי זיינען געווען די ערשטע שוואַלבן פון די נייע טענדענצן אין דער טאַקטיק פון די יונגע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אויף אָט־דעם באָדן האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קעגנערשאַפט פון דער גרופע „אָסוואָ־באָזשדעניע טרודאַ". די אָנהענגער פון די נייע טענדענצן האָבן גע־זוכט אַ מאַסן־באַזע פאַר זייער סאָציאַליסטישער אַרבעט. זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן די דערפאָלגן פון דער אידישער און פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיי האָבן געפאָדערט פון פּלע־כאַנאָוון, אַקסעלראָדן און זאַסוליטש, אַז עס זאָל געגרייט ווערן אויך אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דעם גייסטיקן און פּאָליטישן ניוואָ פון ברייטע רוסישע אַרבעטער־מאַסן און וואָס זאָל אָפּטער באַהאַנדלען נישט נאָר אַלגעמיינע פּאָליטישע ענינים, נאָר אויך טאָג־טעגלעכע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער. טעפּלאָוועס אַ בראָשור אָנגעשריבן אין אָט־דעם גייסט איז צוריקגעשיקט געוואָרן פון פּלעכאַנאָוון מיט באַליידיקנדיקע באַמערקונגען און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאָנפליקט. אַחוץ טעפּלאָוון און זיין פרוי האָבן צו דער גרופע געהערט קורנאַטאָווסקי, אַ האַרציקער, ליבער מענש, וואָס איז שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, די סטו־דענטין פּעטערסאָן, אַ טוערין אין פּעטערבורג, צום סוף פון די ניינציקער יאָרן, טרעגער און זיין פרוי, מונבליט, שפּעטער אַ דאָקטאָר, אַ באַוואוסטער טוער אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, כמעלניצקי און זיין פרוי — ער אַ איד, זיין פרוי, אַ פּוילישע — ביידע פון קיעוו, סמידאָוויטש — נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַ קאָמוניסטקע, ביסק און זיין פרוי, זאַיצעוו און נאָך.

רעפעראַטן, דיסקוסיעס, געמיינזאַמע אויספלוגן האָבן אויס־געפילט אונזער צייט. מיר זיינען געווען שטענדיקע באַזוכער פון מיטינגען אָרגאַניזירט פון דייטשע אָדער עסטרייכישע, אָדער שווייצאַ־רישע סאָציאַליסטן אין קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטער־רעסטאָראַן, „איינ־טראַכט". אין דער גראַנדיאָזער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי, 1894 האָבן מיר גענומען אָן אָנטייל און האָבן מאַרשירט אַלס אַ באַזונדערע „גרופע סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד", אַ פּיטשינקע גרופע

דזשאָן מילל

פון אַ טוץ מענשן. עס איז באמת געווען טרויעריק וואָס פון דער צאָלרייכער רוסישער קאָלאָניע האָט בלויז אַ הייפל סאָציאַליסטן דעמאָנסטרירט זייער סאָלידאַריטעט מיט די אָרטיקע און אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־מאַסן. —

פעליקס פערל. פּאַול אַקסעלראָד

אַרום דריי צענטראַלע פיגורן האָבן זיך גרופּירט אין יענער צייט די פרעמדע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין ציוריך: אַרום פעליקס פערל פון פּ. פּ. ס., אַרום פּאַול אַקסעלראָד פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אַרום ראָזאַ לוקסעמבורג פון דער פּ. ס. ד. זיי זיינען געווען די טאָנגעבער און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט גאַנץ קלאָר געצייכנטע און אָפּגעגרענעצטע שטרעמונגען אין פּוילישן און רוסישן סאָציאַליזם. דער אַם־ווייניקסטן באַוואוסטער און אַם־ווייניקסטן פּאָפּולערער פון צווישן זיי איז געווען פעליקס פערל, כאָטש אייניקע האָבן אים שוין דאַן געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ נייעם אויפקומענדיקן שטערן אויפן סאָציאַליסטישן האָריזאָנט פון פּוילן. ביז איך בין געקומען קיין ציוריך, איז זיין נאָמען געווען פאַר מיר אומבאַקאַנט און אויך אַנדערע אין ווילנע האָבן וועגן אים נישט געהערט. געמאַכט האָט ער אַן אומאַנגענעמען איינדרוק. אַן אַסימילירטער פּוילישער איד, פלעגט ער וויכן פון די רוסישע און אידישע סטודענטן ווי פון אַ מגפה. שטייף און אָנגעצויגן האָט ער געהאַלטן זיך פאַר אַ פּאָליאַק מער ווי די פּאָליאַקן אַליין; פונדעסטוועגן אָבער האָט ער נישט געקענט אַרויסרופן ביי די פּוילישע „פּאַטריאָטן" דעם נויטיקן רעספּעקט אַלס אַ וואָרטזאָגער און פירער פון דער פּ. פּ. ס'ישער ריכטונג. נישט איין מאָל האָב איך געהערט פון זיי אַ גרינגשאַצונג לגבי אים, אָדער אַ בייזע און איראָנישע באַמערקונג וועגן זיין פּויליש און וועגן זיין אידישן אַקצענט. דער אייפער אַרויסצוברענגען זיין פּוילישן פּאַטריאָטיזם, זיין איבערגעבנקייט צו דער נייער ליניע אין פּוילישן סאָציאַליזם און זיין פיינטשאַפט צו אַלץ וואָס איז נישט געווען פּ. פּ. ס.'יש, פלעגן אָפּט אָננעמען אַ משונהדיקע פאָרם. אַ פּאָר חדשים פאַרן 50טן יאָרצייט פון אַדאַם מיצקעוויטש האָט די פּוילישע קאָלאָניע איינגעאָרדנט אַ

דזשאָן מילל

פייערלעכע אַקאַדעמיע, צו וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס: דייטשע, עסטרייכישע איטאַליענישע, שווייצאַרישע. אויך אונזער גרופּע איז איינגעלאַדן געוואָרן. איך האָב געקראָגן דעם אויפטראַג פון אונזער גרופּע צונויפצושטעלן דעם אַדרעס, אין וועלכן מיר האָבן אויסגעדריקט אונזער פאַרהערלעכונג פון מיצקעוויטשן ווי אַ געניאַלן דיכטער און אַן אומדערמידלעכן קעמפער פאַר פּוילנס פרייהייט. מען האָט אונז דערציילט, אַז פּערל האָט געקעמפט מיט ציין און נעגל נישט צו דערלאָזן, אַז דער אַדרעס זאָל איבערגעלייענט ווערן אויף דער פאַר־זאַמלונג, אָבער סוף־כל־סוף האָט מען אים דאָך איבערגעלייענט. וועגן דער דירעקטער סיבה פון זיין אומפאַרשטענדלעכער איינגע־שפּאַרטקייט אין דעם פּרט האָבן מיר זיך קיין מאָל נישט דערוואוסט.

פּערל האָט שפּעטער זיך ביסלעכוויז אַרויפגעהויבן ביז דעם העכסטן שטאַפּל פון פּ. פּ. ס.׳ישן פּאַרטיי־לייטער. אין באַפרייטן פּוילן האָט ער געשפּילט אַ זייער אָנגעזעענע ראָלע. ער איז אויך געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון פּ. פּ. ס.׳ישן צענטראַל אָרגאַן „ראָבאָטניק״. —

גאָר אַן אַנדער מענש איז געווען פּאַוול אַקסעלראָד. זיי זיינען גאָר נישט געווען צו פאַרגלייכן. זיי זיינען געווען פאַרשידן, אויך לויט דער ראָלע וואָס זיי האָבן געשפּילט אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, לויט דעם אָרט, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דער אינטערנאַציאָנאַ־לער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און לויט זייערע היסטאָרישע פאַר־דינסטן. אַקסעלראָד איז שוין דאַמאָלט געווען אַ וויט באַקאַנטער מענטש און גענאָסן אַ כשר פאַרדינטן דרך ארץ. ווער פון אונז האָט נישט געהערט וועגן אים, ווער האָט נישט געקענט זיין נאָמען? כאָטש ביז מיין אָפּפאָרן פון ווילנע זיינען דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע״ נאָך נישט געווען אָנגעקניפּט, האָבן מיר פונדעסטוועגן אירע מיטגלידער צוליב זייערע ליטע־ראַרישע אַרבעטן באַטראַכט ווי אונזערע לערער און וועגווייזערס. זייער רומפולע און רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט און זייער קעגנוואַרטיקע השפּעה אויף די מוחות פון דעם יונגן דור סאָציאַליסטן

פיאָנערן און בויער

אין רוסלאַנד איז געווען פאַר אונז אַן אָפּן בוך. אונזער אַכטונג און ליבע צו זיי איז געווען גרענעצלאָז. יעדעס וואָרט זייערס האָט געקלונגען ווי עטוואָס הייליקס, ווי אַ שטימע פון נביאים. ביי זיי האָבן מיר זיך געלערנט, אַ דאַנק זיי האָט זיך אויסגעאַרבעט אונזער וועלט־אַנשויאונג, אַ דאַנק זיי זיינען מיר געוואָרן מאַרקסיסטן.

מיט אַ געפיל פון פּיעטעט און ליבע בין איך געגאַנגען זיך זען מיט פּ. אַקסעלראָדן. פון אָנהויב איז ער געווען פאַרזיכטיק, צוריקגעהאַלטן, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אויסצופאָרשן דעם באָדן. גאָר אומדערוואַרטעט דערציילט ער מיר אַ מעשה. „איר ווייסט", זאָגט ער צו מיר, „מיר האָבן געהאַט אַ שלעכטע דערפאַרונג מיט איינעם פון אייערע ווילנער; איר קענט אים, מסתמא, זיין נאָמען איז איזראַיל פּעסקין; ווען ער איז דאָ געקומען, האָבן מיר אים אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינטשאַפט, ווי אַן אייגן קינד; ער האָט געמאַכט אויף אונז אַן איינדרוק פון אַ פעאיקן סימפּאַטישן און קלוגן סאָציאַליסט; מיר האָבן געלייגט אויף אים גרויסע האָפ־נונגען; מיט אַמאָל האָט ער אומגעריכט פאַרלאָזן ציוריך, אַזוי ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון אונז; ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, נישט געזעגענענדיק זיך אפילו מיט אונז". — די געשיכטע האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. איך האָב מורא געקראָגן, צי איז דאָס נישט געווען א וואונק אין מיין ריכטונג. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. ביסלעכוויז איז אונזער געשפרעך געוואָרן האַרציקער, אינטימער און זיין האַלטונג פאָטערלעך. ווען איך האָב אים אויספירלעך דערציילט וועגן ווילנע און וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן אין משך פון אַ פיר יאָר, ווען ער האָט אויסגעהערט די סטאַטיסטישע דאַטן וועגן דעם צושטאַנד פון דער דאָרטיקער באַ־וועגונג, איז ער פשוט אַריינגעפאַלן אין אַן עקסטאַז. ער האָט אַריינ־גערופן זיין פרוי און שוואָגער און געבעטן מיך ווידער איבערחזרן אַלץ, וואָס איך האָב אים דערציילט. „די אַרבעטער באַוועגונג אין יעדער גרויסער שטאָט פון מערב־איראָפּע וואָלט געקענט זיין שטאָלץ מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע רעזולטאַטן", האָט ער אויסגעשריען. „און ווען איר וועט האָבן אַ געלעגנהייט, מוזט איר צופאָרן צו געאָרגי וואַלענטינאָוויטש (פּלעכאַנאָוו) און פּערזענלעך דערציילן

דזשאַן מילל

אים וועגן אַלץ — ער וועט אויפנעמען די גוטע נייעס מיט גרויס פרייד"...

"און אַ שאַד וואָס איר זייט נישט געקומען צו מיר עטלעכע טעג פריער, איך וואָלט אייך פאַרגעשטעלט צו ענגעלסן — איר ווייסט דאָך געוויס, אַז ער איז טיף פאַראינטערעסירט אין יעדן סימן פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד"...

, פרידריך ענגעלסן האָב איך טאַקע געהערט אַרום יענער צייט אויפן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ציוריך, וואו ער איז געקומען צום סוף פון דער לעצטער זיצונג און אַדרעסירט די דעלעגאַטן מיט אַ קורצער רעדע.

בשעת מיין שטודירן אין ציוריך פלעג איך זיך זען מיט אַקסעל־ראָדן גענוג אָפט. דורך אים פלעג איך באַקומען ליטעראַטור פאַר ווילנע. צוויי מאָל אַ וואָך פלעג איך אָפּנעמען ביי אים די אידישע צייטונגען, וואָס מען האָט אים געשיקט פון אַמעריקע, ווי ער האָט מיר געזאָגט, פלעגט ער זיי נישט לייענען, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען אידיש. מיר פלעגן זיך אויך טרעפן אויף די דייטשע פאַרזאַמלונגען אין "איינטראַכט", דערהויפּט ווען עס פלעגן קומען מיט אַ וויזיט קיין ציוריך באַרימטע רעדנערס, ווי בעבעל, פאָל־מאַר, מעלקענבור — אַלץ מענשן מיט וועלכע ער איז געווען פער־זענלעך באַפריינדעט.

אַקסעלראָד איז געווען אַ נאַטוראַליזירטער שווייצאַרישער ביר־גער, אָבער אין דעם אַרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער גענומען זייער אַ קליינעם אַנטייל. ער האָט געהערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַזוי, ווי לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי, האָט יעדער מיטגליד אירער, געמוזט אויך זיין אָר־גאַניזירט פּראָפעסיאָנעל, האָט ער זיך פאַרשריבן אין דער יוניאָן פון די מעטאַל־אַרבעטער, דעם בעסטן און שטאַרקסטן אין דער שווייץ. דעם ערשטן מאַי פלעגט ער טאַקע דעמאָנסטרירן אין די רייען פון די מעטאַל־אַרבעטער, נישט מיט די רוסישע סאָציאַליסטן.

פיאָנערן און בויער

ראָזאַ לוקסעמבורג — אַ פּאָר ביאָגראַפישע שטריכן

ווען איך בין געקומען קיין ציוריך, האָט ר. לוקסעמבורג זיך שוין באַשאַפן אַ נאָמען, כאָטש זי איז נאָך געווען יונג, אַ סטודענטין אויפן יורידישן פאַקולטעט פון אוניווערזיטעט. סיי אירע פריינט, וועלכע זי האָט געהאַט קיים אַ הייפל, און סיי אויך אירע שונאים, וואָס זי האָט געהאַט אַ גאַנצע מחנה, האָבן זיך שוין שטאַרק גערעכנט מיט אירע מיינונגען און זיך אינטערעסירט מיט איר יעדן עפנטלעכן אַרויס־טריט. געפירט האָט זי דאָן אַ שטילן לעבן, אין דער זייט פון די סטודענטישע קאָלאָניע אינטערעסן. זייער זעלטן פלעגט זי באַ־זוכן אַ רוסישע סטודענטישע פאַרזאַמלונג און כמעט קיין מאָל נישט אַ פּוילישע. אויף די לעצטע וואָלט זי נאָר באַגעגענט פיינטשאַפט און באַליידיקונגען — ווי פון די פשוטע פּוילישע פּאַטריאָטן — שאָוויניסטן, אַזוי אויך פון דער יוגנט פון דער „פּוילישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי". כמעט די גאַנצע פּוילישע סטודענטישע יוגנט אין ציוריך האָט פיינט געהאַט שנאת־מות די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע. אפילו די עטלעכע געציילטע סטודענטן, וואָס האָבן יאָ סימ־פּאַטיזירט מיט לוקסעמבורגס פּרינציפּן, האָבן זיך פונדעסטוועגן, אונ־טער דעם דרוק פון דער סביבה געהאַלטן ווייט פון איר. נאָר לעוו יאָגיכעס (גראָזאָווסקי, טישקאָ) — איר צוקונפטיקער מאַן, דער פּוי־לישער אַרבעטער־עמיגראַנט גוט און דער באַוואוסטער דייטשער און פּוילישער שרייבער מאַרכלעווסקי (קאַרסקי) האָבן געבילדעט איר ענגן קרייז. צייטנווייז פלעגט איר באַזוכן דער אָדער יענער פּאָליטישער עמיגראַנט, מיט וועלכן זי פלעגט שמועסן מייסטנטיילס אין זייער מו־טער־שפּראַך. זי האָט געקענט אויסגעצייכנט פיר שפּראַכן. אַ טאָכטער פון אידישע עלטערן פון וואַרשע, אָבער אַן אַסימילירטע, האָט זי פּוי־ליש געקענט אָם בעסטן. רוסיש האָט זי גערעדט מיט אַ פּוילישן אַק־צענט. אידיש האָט זי געהאַסט ווי נאָר אַ פּויליש־אידישער אַסימי־

דזשאָן מילל

לאַטאַר קען האַסן. די שפּראַך פון די אידישע פאָלקס־מאַסן איז פאַר איר, ווי פאַר אַלע אירס גלייכן, געווען אַ „באַרבאַרישער זשאַרגאָן". פונדעסטוועגן האָט די אַנטיפּאַטיע צו אידיש נישט געשטערט איר אין יענער צייט צו באַציען זיך מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע צו דער אי־דישער אַרבעטער־באַוועגונג. איין מאָל איז זי אַפילו אַרויסגעטרעטן אין בערלינער „פאָרווערטס" אין שוץ פון די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס אין רוסלאַנד און פּוילן קעגן די אַנפאַלן פון פּ. פּ. ס. און אַפילו שפּעטער, ווען דער „בונד" איז שוין געווען אַ 3־4 יאָר אַלט און האָט שוין אַרויסגעוויזן סימנים פון דער כלומרשטדיקער „נאַציאָנאַליסטי־שער קראַנקהייט", האָט דאָס פונדעסטוועגן איר נישט אָפּגעשטעלט פאַרצושלאָגן מיר, אַז איך זאָל אָנשרייבן פאַר דעם פּאָפּולער־וויסנ־שאַפטלעכן זשורנאַל „פּשעגליאָנד סאָציאַלדעמאָקראַטיטשני" אַן אי־בערבליק פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַזוי ווי איך בין געווען זייער פאַרנומען, האָט אַן אַנדערער — איך געדענק נישט ווער — אָנגעשריבן דעם פאַרלאַנגטן אַרטיקל.

אין ציוריך איז זי געווען באַקאַנט מיט אַלע פירער פון דער אַר־טיקער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער אַן אַקטיוון אנטייל אין דער פּאַרטיי־אַרבעט האָט זי נישט גענומען. אָפּט פלעגט זי קומען צו די דיסקוסיעס, וואָס מען פלעגט סיסטעמאַטיש דורכפירן אין „איינטראַכט". אין יענע דיסקוסיעס פלעגט לוק־סעמבורג אַרויסווייזן גרויסע קענטעניש, אַ טיפע פאַרשטענדע־ניש פון מאַרקס לערע און פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, און אַ שאַרפע אַנאַליטישע קראַפט. די דעבאַטן פלעגן זיך דרייען אַרום די אינטערעסאַנטסטע פראַגן פון דער פּראַקטיק און טעאָריע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איר ערשטער אויפ־טריט אין אָט די דעבאַטן איז פון דער אויסערלעכער זייט נישט געווען קיין דערפאָלג: זי איז געווען נערוועז, האָט פשוט נישט געקענט צוזאַמענבינדן די ווערטער, האָט זיך געפּלאָנטערט. שווער וואָלט דאַמאָלט געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום זאָל זי ווערן אַ באַרימטע רעדנערין, וואָס וועט קענען מיטרייסן באַגייס־טערטע טויזנט־קעפּיקע אַרבעטער־מאַסן. אַ באַזונדערן אַקטיוון אַנטייל

פיאָנערן און בויער

האָט זי געגומען אין די דעבאַטן וועגן דער „אָפּאָזיציע״ פון די אַזוי גערופענע „יונגע״ אין די רייען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די „יונגע״ זיינען געווען אַ מין „לינקער פליגל״ פון יענער צייט. זיי האָבן פאַרגעוואָרפן די „אַלטע״, אַז זיי זיינען אָפּאָרטוניסטן, אַז זיי האָבן מורא פאַר אַנטשידענע שריט, פאַר רעוואָלוציאָנערע טאָטן. אַ גרויסע אַנטיפּאַטיע האָט זי אַרויסגעוויזן צו אַנאַרכיסטן. איין מאָל איז איר אויסגעקומען צו ענטפערן אַן עסטרייך־אידישן אַנאַרכיסטיש־געשטימטן סטודענט, וואָס האָט אויך אַ גראָבן אופן אַטאַקירט די אַלטע באַרימטע פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און וואָס האָט זיך געלייגט אין דער ברייט און אין דער לענג פאַרן „לומפּנפּראָלעטאַריאַט״. לוקסעמבורג האָט מיט כעס אויסגעשריען: „אָבער די אידעאָלאָגיע פון לומפּנפּראָלעטאַריאַט איז אויך די אידעאָלאָגיע פון זויפנדע (שיכורנדע) סטודענטן״.

כאָטש דער אוניווערזיטעט האָט געפאָדערט זייער פיל אַרבעט, האָט זי פונדעסטוועגן געפונען גענוג צייט צו רעדאַקטירן דעם אָרגאַן פון דער פּ. ס. ד. „ספּראַווואַ ראָבאָטניטשאַ״ („די אַרבעטער־זאַך״) און צו זיין כמעט זיין איין־און־איינציקער שרייבער. זי האָט דאָמאָלט אָנגעשריבן אַ פּאָר בראָשורן: „סוויענטאָ פּיערוושעגאָ מאַיאַ״ („דער יום־טוב פון ערשטן מאַי״) אונטער דעם פּסעוודאָנים ר. קרושינסקאָ און „ניעפּאָדלעגלאָ פּאָלסקאָ אי ספּראַוואַ ראָבאָטניטשאַ״ („אומאָפּהענגיק פוילן און די אַרבעטער־זאַך״) אונטער דעם נאָמען מאַציעי רוזגאָ. אַלץ וואָס זי האָט דאַן געשריבן איז געווען זייער פּאָפּולער, אַדרעסירט צו אַרבעטער, צו וועלכע זי האָט נישט אויפגעהערט צו טענה'ן, אַז זיי האָבן נישט קיין אַנדערע אינטערעסן ווי די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף און אַז דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם איז נאָר אַן אידעאָלאָגיע פון דער קליין־בורזשואַזיע. אָבער איר אָפּגעריסנקייט פון פוילן, דער מאַנגל אין איינפלוס אויף דער פוילישער אַרבעטער־גאַס האָט זיך געלאָזט פילן אין דער צייטונג. עס זיינען טאָקע דאַן גאָר קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין פוילן נישט געווען. מיט אויסנאַם פון אַ קליינער גרופּע אין דאָמבראָווע, האָט מען פאַר אַ רפואה נישט געקענט געפינען קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פוילישן אַרבעטער. דאָס

דזשאָן מילל

איז געווען אַ מין היפּנאָז — אַט די פּיינטשאַפּט צו איר, אַ היפּנאָז, אין וועלכן די גרעסטע שולד האָט געטראָגן די פּ. פּ. ס. און וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם אומגעזונטן באָדן פון פּוילישן פּאַטריאָטיזם: זי איז כלומרשט געווען אַ שונא פון אַלץ וואָס איז פּויליש, פון פּוילישן פאָלק, פון פּוילישע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס... דורך איר אייזערנעם ווילן איז לוקסעמבורג פאַרבליבן אויפן פּאָסטן און נישט פאַרלוירן דעם טיפן גלויבן און די אומדערשיטערלעכע איבערצייגונג, אַז אויך אויף איר גאַס וועט ענדלעך זיין אַ יום־טוב.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז שפּעטער, אין אַ סך יאָרן אַרום, איז לוקסעמבורג געווען די דירעקטע סיבה פון דעם ערשטן ווילדן אויסברוך פון אַנטיסעמיטישער משוגעת ביי דעם אַמאָליקן ראַדיקאַל און פריידענקער און דערנאָך שוואַרץ־מאָה'ניק אַנדזשיי ניעמאָיעווסקין, וועלכער האָט אין זיין זשורנאַל „מיסל ניעפּאָדליעגלאַ" (אומאָפּהענגיקער געדאַנק) אַזוי געשריבן: „די אידן העצן־אונטער די אַרבעטער צו מאַכן דעם גאַנצן סאָציאַליזם פאַר אַ שונא פון פאָטערלאַנד... דאָס, מיט וואָס ראָזאַ לוקסעמבורג און אירע אַנהענגער, — אַט די יורשים פון די פריערדיקע שענקערס, — שפּייזן די אַרבעטער, האָט אַלע אייגנשאַפטן פון ליטעראַרישער משקה... די טייוועלשע צעשטערונגס־אַרבעט, וואָס עס פירן די אידלעך־אויסוואורפן, אונטער דער מאַסקע פון פאַרטיידיקן די אַרבעטנדיקע קלאַסן, שטעלט זיך אין דער אמת'ן אַלס אַ ציל אַנצופילן די הערצער פון די אַרבעטער מיט האַס קעגן פוילן, צו איבערצייגן זיי, אַז פוילן איז אַ מת, אויסצונוצן זיי סוף־כל־סוף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון דער אידישער קליין־בורזשואַזיע. דאָס איז דערפאַר ווייל אַלע אידן זיינען „אַנטי־גוים" און די לוקסעמבורגישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — ליידנשאַפטלעכע שונאים פון פוילן"...

די ראָלע, וואָס לוקסעמבורג האָט געשפּילט אין איינפלאַנצן דעם מאַרקסיזם אויפן פּוילישן באָדן קען מען פאַרגלייכן מיט פּלעכאַנאָווס ראָלע אין רוסלאַנד.

מען פלעגט פּלעכאַנאָוון באַטראַכטן — און מיט רעכט — אַלס דעם „פאָטער" פון דעם רוסישן מאַרקסיזם. נישט מיט ווייניקער

פיאָנערן און בויער

רעכט קען מען זאָגן, אַז לוקסעמבורג איז געווען די „מוטער" פון דעם פּוילישן מאַרקסיזם.

זי האָט באַגרינדעט דעם פּראָגראַם פון דעם פּוילישן פּראָלע־טאַריאַט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. די בעסטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי אָוועקגעגעבן אויף צו פּאָפּולאַריזירן די מאַרקסיסטישע וועלט־אַנשויאונג צווישן די פּוילישע אַרבעטער. מיט אירע אייגענע קרעפטן, כמעט אָן הילף, האָט זי דורכגעפירט אַ שווערן קאַמף קעגן יענער ריכטונג אין פּוילישן סאָציאַליזם, וואָס איר מעטאָד איז געווען נישט מאַרקסיסטיש און די טאַקטיק נישט סאָציאַל־דעמאָקראַטיש, כאָטש די פּראָזעאָלאָגיע פון דער ריכטונג האָט געקלונגען רעוואָלו־ציאָנער און סאָציאַליסטיש.

אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז לוקסעמבורג געווען דער גאַנצער פּוילישער מאַרקסיזם און דער פּוי־לישער מאַרקסיזם איז געווען לוקסעמבורג, עס איז געווען טויט אַרום און אַרום. שנאה און האַס, און פּערזענלעכע באַליידיקונגען פון אַלע זייטן. איר נאָמען איז געווען טריף פאַר די ראַדיקאַלער שטודירנדיקער יוגנט און פאַר דער אינטעליגענץ אין אַלגעמיין. די פּרעסע האָט איר באָיקאָטירט און אַז מען האָט ווען־עס־איז דאָך דערמאָנט איר נאָמען, איז עס געווען מיט דער כוונה צו פאַרדרייען און פאַלש אויסצוטייטשן אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט און געשריבן. אפילו די מערב־אייראָפּיי־אישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט איר באָיקאָטירט. און גלייכגילטיק האָט זיך באַצויגן דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס צו איר וואָרט און וואַרנונגען. אַ שטים אין דער וויסטעניש!

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שטים פון קלאָג און יאָמער. דאָס איז געווען אַ קול פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, צו וואָס ער שטרעבט און צו וואָס ער רופט. אַ דאַנק אירע אומגעהייערע גרויסע קענטענישן, די אומגעווייגלעכע ליטעראַרישע פעיאיקייטן, דעם אומ־ענדלעכן גלויבן און איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון דער זאַך און דער גרענעצלאָזער ענערגיע און קאַמפּסלוסט, האָט לוקסעמבורג דורכגעבראָכן די אייזערנע וואַנט און אָפּגערייניקט דעם וועג פון די צאַלרייכע שטערונגען.

פאַרשידן זיינען געווען די יסודות פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן

דזשאַן מילל

לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן. און אויך פאַרשידן דער וועג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, פאַרשידן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, די גרופּירונגען און זייער אידעאָלאָגיע אין די בײדע לענ־דער. און, נאַטירלעך, איז אויך געווען אַ גרויסער אונטערשיד אין דעם אופן ווי פּלעכאַנאָוו און לוקסעמבורג האָבן געזוכט איינצופלאַנצן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם אויפן רוסישן און פּוילישן באָדן.

פּלעכאַנאָוו איז אויסגעקומען צו דערווייזן, אַז רוסלאַנד איז נישט קיין אויסנאַמס־לאַנד, אַז זי גייט אויפן וועג פון קאַפּיטאַליזם, אַז זי באַזיצט אַן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער וועט אַלץ וואַקסן אין צאָל און באַדייטונג, אַז די באַפרייאונג פון רוסלאַנד פון פּאָליטישן יאָך און פון עקאָנאָמישער שקלאַפערײ הענגט אָפּ פון אָט־דעם קלאַס, וואָס איז רעוואָלוציאָנער אַדאַנק זײַן לאַגע אין דער געזעלשאַפט. פּלעכאַנאָווס אויפגאַבע איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ גרינגע. נאָך דעם, ווי די באַרימטע טעראָריסטישע פּאַרטײ „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ" איז אַראָפּ פון דער סצענע און די רוסישע סאָציאַליסטישע אינ־טעליגענץ האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ נײַע געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַציע, איז עס געווען לײַכט צו געבן אַ טויט־קלאַפּ די איבער־געבליבענע רעשטלעך פון באַקונינים, דעם לאַוראָוו'שן עקלעקטי־ציזם, דער פאָלקסטימלערײ („נאַראָדניטשעסטוואָ") און דעם נאַאיוון גלויבן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַדײַטונג פון די דאָרפישע קהילות („אָבשטשינאַ"). די דאַמאָלטדיקע טרעגערין פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן געדאַנק אין רוסלאַנד, די אינטעליגענץ, האָט זיך געוואָרפן מיט זשעדנעקייט אויפן מאַרקסיזם און זיך פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קלאַס.

גאַנץ אַנדערש און פיל שווערער איז געווען דער וועג פון ראָזאַ לוקסעמבורגס מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

ווען לוקסעמבורג האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין דעם פּוילישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז פּוילן שוין געווען אַ שטאַרק אַנטוויקלט קאַפּיטאַליסטיש לאַנד מיט אַ צאָלרײַכער אַרבעטער־באַ־פעלקערונג. מען האָט דאָ נישט געדאַרפט באַווײַזן, אַז פּוילן גייט אויפן זעלבן וועג, וואָס מערבֿ־אייראָפּע. אין דעם האָט קיינער נישט געצווייפלט. און טאַקע, ווײַל דאָס איז געווען אַ סאָציאַל־פּאָליטישער

פאַקט, זיינען געוויסע פוילישע סאָציאַליסטן געקומען צו דעם געדאַנק, אַז פוילן איז נעענטער צום סאָציאַליזם, ווי רוסלאַנד; אַז איר צוזאַמענבונד מיט רוסלאַנד איז אַ שווערע מניעה פאַר פאַרווירקלעכן גיך דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; אַז דער פוילישער אַרבעטער־קלאַס קען נישט וואַרטן ביז דאָס אָפּגעשטאַנענע, אומוויסנדיקע רוסישע פאָלק, וואָס לעבט אין פּרימיטיווע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועט דערגרייכן די שטופע פון פּאָליטישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג, וואָס פוילן; זייערע ביידנס וועגן — די וועגן פון פּוילישן פאָלק און פון רוסישן פאָלק — מוזן זיך פאַנאַנדערגיין; און אַז נאָר דאָס פולשטענדיקע אָפּטיילן זיך פון פוילן פון דער רוסישער מלוכה וועט שאַפן די מעגלעכקייט פון אַן אומגעשטערטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

די אידעאָלאָגיע פון דער „פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" איז אַזוי אַרום געבוירן געוואָרן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די פּאַרטיי — אַדאַנק דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער לאַגע פון לאַנד — באַהערשט אַלץ, וואָס האָט זיך גערופן ראַדיקאַל, סאָציאַליסטיש, רע־וואָלוציאָנער. די פּ. פּ. ס. איז פאַקטיש געוואָרן די איינציקע, פּאַרטיי פון סאָציאַליזם אין פוילן.

אין פוילן איז די אינטעליגענץ נישט געווען די טראַדיציאָנעלע טרעגערין פון דעם מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, פון רעוואָלו־ציאָנערן סאָציאַליזם, — ווי דאָס איז געווען דורך אַ לאַנגער צייט אין רוסלאַנד. קינדער פון פּריצישע „פּאַוסטאַנצעס" אָדער פּאַטרי־אָטישע קליינבירגער זיינען אויסגעוואַקסן אין אַן אַטמאָספער פון האַס צו אַלץ, וואָס איז רוסיש, אין אַן אַטמאָספער פון פוילישער אָפּגעזונדערטקייט, פון סעפּאַראַטיסטישע האָפענונגען, פון פוילישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. דער אמת'ער טרעגער פון סאָציאַליזם אין פוילן איז געווען דער אַרבעטער־קלאַס. אַ באַווייז: — די געשיכטע פון דער העלדישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", אַ שוועסטער פּאַרטיי פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פון „בונד פון די פוילישע אַרבעטער" („זוויאַנזעק"). די ערשטע אָבער איז אין איר טאַקטיק געווען בלאַנקיסטיש, איר האָט געפעלט די טאַקטיק פון אַ מאַסאָווער קלאַסן־באַוועגונג; דער „זוויאַנזעק", ווידער, איז געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטיש אין דער פּראַקטיק, אָבער אַן אַ וויטער

דזשאָן מילל

פּאָליטישער פּערספּעקטיווע. אָן אַ פּרינציפּיעלער באַגרינדונג פון זיין קאַמף. דער באַנקראָט פון אָט־די צוויי פּאַרטייען איז געווען אַ לאָגישער און אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון זייערע פעלערן, אָבער פון דעם דאָזיקן באַנקראָט האָט מען נישט אָפּגעלערנט דאָס, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט פון אים אָפּלערנען. די פּוילישע אַרבעטער האָבן צוגעשריבן דעם דורכפאַל פון די צוויי גרופּן נישט צו זייערע טעאָרעטישע פעלערן, נאָר זיי האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ באַווייז, אַז אַ פּראָלעטאַרישע קלאַסן־באַוועגונג איז נישט מעגלעך אונטער דעם צאַרישן דרוק, אונטער דעם דרוק פון אַ פרעמד־הערשאַפט. די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן זיינען אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן.

אָט די אומשטענדן האָבן געמאַכט לוקסעמבורגס אויפגאַבע אומגעהויער שווער. עס האָט גענומען יאָרן, לאַנגע יאָרן פון אומדערמידלעכן קאַמף, יאָרן רייך אין שווערע מפּלות און אָרעם אין מערקבאַרע נצחונות, ביז איר שטים האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו דערגרייכן די אויערן פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס.

אַ מאָדנער צופאַל, אַ בלינדער שפּיל פון גורל: ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אָנגעהויבן איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, איר סאָציאַליסטישע קאַריערע אין קאַמף קעגן דעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם, און האָט אַזוי טראַגיש געענדיקט איר פיל־זייטיקן און רייכן אין פּאַסירונגען לעבן אין אַן אומבארחמנותדיקן קאַמף קעגן דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די משוגענע געשעענישן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פיאָנערן און בויער

ראָזאַ לוקסעמבורג און די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן

די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן — איז געווען די גרונט־פראַגע וואָס אַרום איר האָט לוקסעמבורג אויסגעפאָכטן אירע ערשטע שלאַכטן. ווי עס איז באַוואוסט, איז די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געגרינדעט געוואָרן אין יולי 1893. איר מיטגלידערשאַפט האָט זי רעקרוטירט הויפּטזעכלעך פון דעם „בונד פון פּוילישע אַרבעטער" („זוויאָנזעק"), וואָס מיר האָבן וועגן אים שוין פריער געזאָגט. אַז אין זיין פּראַקטישער טעטיקייט איז ער געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטיש, אָבער עס האָט אים געפעלט אַ קלאָרע פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע באַגרינדונג פון אָט־דער טעטיקייט. די אויפגאַבע פון דער נייער פּאַרטיי איז געווען אויסצופילן אָט־דעם פּוסטן פּלאַץ און צו שאַפן די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף פון די פּוילישע אַרבעטער. לוקסעמבורג איז געווען דער לייטנדער גייסט אין דער אַרבעט. זי האָט פאָרמולירט דעם פּאָליטישן פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און קלאָר געמאַכט די שטעלונג פון פּוילישן מאַרקסיזם צו דער צענטראַלער פראַגע פון פּוילישן לעבן — די „אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן". אין אירן אַן אַרטיקל: „דער סאָציאַליזם אין פּוילן", גיט זי אַן אינטערעסאַנטן און אויספירלעכן אַנאַליז פון די פּוילישע פּאַרטיי־באַציאונגען פון יענער צייט אין שייכות מיט דער דאָזיקער פראַגע. ריידנדיק וועגן דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" וויזט לוקסעמבורג אויף, אַז עס איז נאָך נישט גענוג ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַגרייפט ריכטיק די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און דעם קאַפּיטאַליזם. מען דאַרף נאָך פאַרשטיין די אַקטיווע ראָלע פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין דעם באַטרעפנדיקן לאַנד. און גראָד אין דעם פּרט, איז דער „פּראָלעטאַריאַט", לויט איר מיינונג, געגאַנגען נישט מיטן וועג פונם מערב־אייראָפּעיִשן פּראָלעטאַריאַט, נאָר מיט דער ריכטונג

דזשאַן מילל

פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, וועלכע האָט געמיינט, אַז עס וועט גענוג זיין, אַז די קליינע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי זאָל נאָר אַ מאָל טאָן מיט דער האַנט און זי וועט שוין מנצח זיין די רעגירונגס־מאַשין, און מיט דער הילף פון דעם פאָלק וועט זי איינפירן די סאָציאַליסטישע אָרדע־נונג. די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“ האָט נישט נאָר נישט געשטערט צוערשט אויסצוקעמפן פון דעם צאַריזם קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן, נאָר זי האָט נאָך, פאַרקערט, געטענהט, אַז דער בורזשואַזער ליבעראַ־ליזם איז גאָר נישט ווערט. איר נאָענטסטער ציל איז געווען, אַז דער אַרבעטער קלאַס זאָל פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און אַז די סאָצי־אַלע רעוואָלוציע זאָל טאַקע באַלד דורכגעפירט ווערן. כאָטש אין דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי זיינען געווען אויסגעשטעלט אַלע דעמאָקראַ־טישע פאָדערונגען האָבן זיי אָבער נישט באַשטימט דעם וועג, מיט וועלכן דער אַרבעטער קלאַס זאָל גיין אין זיין טעגלעכן קאַמף. גיכער איז דאָס געווען אַ מין מיטל ווי אַזוי גלייך אריינצוקריגן די רעגירונגס־מאַכט אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן. דער טעראָר איז געווען פאַרקניפּט מיט דער מאַרקסיסטישער לערע פון קלאַסן־קאַמף. עס איז קלאָר, אַז אָן אַ פּאָליטישן און אָן אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָגראַם האָט די פּאַרטיי נישט געקאָנט אַריינציען דעם פּראָלעטאַריאַט — ווי אַ קלאַס — אין דעם קאַמף. פאַר די מאַסן האָט די פּאַרטיי בלויז געהאַט די איינציקע האָפענונג אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דעם געווערקשאַפטלעכן קאַמף האָט זי געהאַלטן פאַר איבעריק, און דער שטרייק, האָט זי געזאָגט, וואָלט נאָר דאַמאָלט געהאַט אַ ווערט, ווען ער זאָל האָבן אַ בלוטיקן סוף...

בלויז אויף איין געביט האָט לוקסעמבורג אָנערקענט אָן אומגע־הויערן פאַרדינסט פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“. דאָס איז איר שטעלונג צום נאַציאָנאַליזם. די גרינדער פון דעם „פּראָלעטאַ־ריאַט“, זאָגט זי, האָבן צעריסן אַלע פעדים צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם נאַציאָנאַליזם. דאָס זעלבע האָט שפּעטער געטאָן די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד אין זייערע אויסגאַנגס־פּונקטן. בשעת די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“ האָט געהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר איבעריק, ווייל זי האָט דערוואַרט אין גיכן די גאַנצע און

פּיאָנערן און בויער

אַלגעמיינע באַפרייאונג דורך דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע", האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געזוכט אַן ענטפער אויף דער פּוילישער פראַגע נישט אין זייערע אייגענע קעפּ, נאָר אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון פּוילן גופא. זיי האָבן געזען, ווי פּוילן איז געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן צו רוסלאַנד דורך אירע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן און ווי די פּוילישע הערשנדיקע קלאַסן זיינען געוואָרן אין דעם שטאַרק פאַראינטערעסירט. די זעלבע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג, דורך וועלכע פּוילן איז געוואָרן צונויפגעוואַקסן מיט רוסלאַנד — די זעלבע אַנטוויקלונג האָט וואָס מער פאַראייניקט פּוילן מיט רוסלאַנד. אַזוי ווי עס איז געווען דאַן אוממעגלעך, אַז די אַרבעטער זאָלן באַפרייען פּוילן פון קאַפּיטאַליזם, דעריבער איז זייער קלאַסן־אויפגאַבע באַשטאַנען צו פאַראייניקן זיך מיט די רוסישע אַרבעטער כדי צו דערגרייכן פריער פאַר אַלץ אַ קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד מיט אויטאָנאָמער פרייהייט פאַר פּוילן...

ריידנדיק וועגן דעם „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם" פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), קריטיקירט לוקסעמבורג די מיינונג, אַז די „ווידערגעבורט" פון פּוילן געהערט צו די קלאַסן־אינטערעסן פון די אַרבעטער. זי פאַרוואַרפט דעם געדאַנק, אַז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען זיך אָפּפאַרטיקן מיט די דריי פּוילישע בורזשואַזיען — אין גאַליציע, פּרייסן און רוסיש־פּוילן — און מיט די דריי רעגירונגען און איינפירן אַן אייגענע נייע קלאַסן־מלוכה. זי האַלט דאָס פאַר אַ נאַציאָנאַליסטישע אוטאָפּיע, וועלכע מוז פירן צו זייער ערנסטע רעזולטאַטן. איינער פון די רעזולטאַטן איז, לויט איר, שוין דער פאַקט, וואָס דאָס גאַנצע פּוילישע מינימום־פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. באַשטייט פון דער פאָדערונג פון אַן אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה, און עס האָט אַפילו קיין זכר נישט פון דעמאָקראַטישע פאָדערונגען אין צאַרישן רוסלאַנד.

די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, האָט לוקסעמבורג געטענה'ט, האָט אַלץ מער צוגעבונדן פּוילן צו רוסלאַנד, און נאָך דעם, ווי די פריערדיקע אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, די פּריצים און די קאַטוילישע גייסטלעכע, זיינען געוואָרן די פּאַרטיידיקער פון דער פרעמד־הערשאַפט, איז דער נאַציאָנאַליזם געוואָרן אַן אויסדרוק

פּון אומצופרידנקייט פון יענעם קלאַס, וואָס איז פון דעם קאַפּיטאַליזם דערדריקט געוואָרן, דאָס איז — פון דעם אונטערגייענדיקן טייל פון דער קליין־בורזשואַזיע. דער וועג פון די נאַציאָנאַליסטן שפּיגלט בלויז אָפּ די חלומות פון אַ קליין־בירגערלעכן אוטאָפּיסט. פון אויבן אויף, האָט געשריבן לוקסעמבורג, באַנוצט זיך די פּ. פּ. ס. מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טערמינאָלאָגיע, מיט דער טעאָריע פון מאַרקס און ענגעלס, זי רעדט פון קלאַסן־אינטערעסן, פון קלאַסן־קאַמף, פון קאַפּיטאַליסטישער עוואָלוציע. אונטער די רעוואָלוציאָנערע רייד ליגט אָבער בלויז דער געדאַנק און די אידעאַלן פון דער קליין־בורזשואַזיע, די אָפּאָזיציע קעגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין פּוילן, דער אינטערעס פון אַ קלאַס, וואָס איז נישט אימשטאַנד דורכצופירן זיינע אינטערעסן אונטער זיין אייגענער פאָן.

פּראַקטיש, הייסט עס, האָט, דער „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם" געוואָלט דערגרייכן פּאָליטישע פרייהייט אין אַן אומאָפּהענגיקן פּוילישן קעניגרייך, וואָס האָט נאָך נישט עקזיסטירט. און צוליב דעם אוטאָפּישן קאַמף אין דעם צוקונפטיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט פּ. פּ. ס. פאַרוואָרפן דעם קאַמף פאַר קאָנסטיטוציאָנעלער פרייהייט אין דעם אַבסאָלוטיסטישן רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערעווירקלעכקייט אָבער האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער געשלאָגן דעם אוטאָפּיזם. עס האָט זיך אַלץ מער דיפערענצירט דער מיטלקלאַס אין פּוילן, און עס האָט גענומען אַלץ מער פאַרשווינדן דער באָדן פון וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן די נאַציאָנאַלע אוטאָפּיעס. און דער גלענצנדיקער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד האָבן גענומען פאַרניכטן די אילוזיע וועגן דער פּאָליטישער אומפאַרענדערלעכקייט אין רוסלאַנד...

אָט־די פיינטלעכע באַציאונג פון לוקסעמבורג צו דעם קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן און איר פאַנאַטישע איבערצייגונג, אַז פּוילן איז אָרגאַניש פאַרבונדן און צוגעהעריק צו רוסלאַנד, זיינען געווען די הויפּט־סיבות פון האַס צו איר מצד די פּוילישע ראַדיקאַלן, ליבעראַלן און נאַציאָנאַליסטן. די זעלבע סיבות האָבן אויך גורם געווען — דערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פון איר טעטיקייט — אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו איר מצד פון אַ סך פון

פּיאָנערן און בויער

די פּראָמינענטע פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז עס טאַקע נישט קיין וואונדער, וואָס יאָרן־לאַנג האָט זי נישט געהאַט קיין צוטריט צו דער אייראָפּייאישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. און גרויס איז געווען איר שמחה, ווען אין יאָר 1896 האָט זיך איר איינגעגעבן אָפּצודרוקן אין קאַוטסקיס „נייע צייט" אַן אַרטיקל „דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם אין פּוילן". די לאַגע פון ר. לוקסעמבורג איז אָבער דאַמאָלסט געווען זייער אַן אומגינסטיקע: אַלץ וואָס זי האָט געשריבן אין אָנהייב פון איר סאָציאַליסטישער טעטיקייט, האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו אַלגעמיינע פראַגן פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, צו אינטערנאַציאָנאַלע פּראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק, נאָר האָט זיך באַצויגן צו דער פּוילישער פּראַגע. די אינערלעכע פּאַרטיי־באַצי־אונגען אין פּוילישן סאָציאַליסטישן לאַגער האָבן ווייניק וואָס אינ־טערעסירט דעם ברייטן עולם פון די מערב־אייראָפּייאישע חברים. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ לאָקאַלער סכסוך אָן אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. נישט זייענדיק דירעקט אָנגערירט פון דעם גאַנצן ענין, האָבן זיי טאַקע נישט געוואָלט וויסן און הערן וועגן אים. ערשט שפּעטער, ווען די אידעאָלאָגיע פון פּ. פּ. ס., איר פּרינציפּיעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער סעפּאַראַטיזם זיינען אַריינגעדרונגען פון רו־סיש־פּוילן קיין פּרייסן און גאַליציע, זיינען די פירער פון דער דייט־טשער און עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געוואָרן אַ היפּש ביסל אומרואיק און זיי האָבן אָנגעהויבן מער און מער זיך צוצוהערן צו לוקסעמבורגס וואָרנונגען. אַחוץ דעם האָבן דאָ געווירקט די טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, די טראַדיציאָנעלע סימפּאַטיעס פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. יאָרן און יאָרן לאַנג האָט אין מערב־אייראָפּע אַלץ וואָס האָט זיך גערופן „דעמאָקראַטיע", געצייטערט פאַרן „קאָזאַקנטום" און געקוקט אויף אַ פרייער פּוילישער מלוכה ווי אויף אַ מויער, וואָס וועט שיצן די ציוויליזירטע וועלט קעגן דעם רעאַק־ציאָנערן און אַגרעסיוון רוסלאַנד. אַפילו דער ערשטער אינטערנאַ־ציאָנאַל, ווי עס איז באַוואוסט, איז געבוירן געוואָרן אויף אַן אינטער־נאַציאָנאַלן מיטינג (1864) אין לאָנדאָן, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן מיטן ציל אויסצודריקן סימפּאַטיע פאַר אַ פרייע פּוילן. מאַרקס

דזשאַן מילל

און ענגעלס האָבן געזען די איינציקע מעגלעכע לייזונג פון דער פראַגע אין אומאָפּהענגיקייט פון פוילן. אין זייער צייט זיינען די טענדענצן פון דער אינערלעכער אנטוויקלונג פון פוילן נאָך נישט געווען קלאָר; דער פוילישער נאַציאָנאַליזם איז נאָך נישט געווען אַזוי אָפן רעאַקציאָנער. ער האָט נאָך אַלץ פיגורירט ווי כמעט דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר אין לעבן פון דער רוסישער מלוכה; די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד גופא איז נאָך געווען זייער שוואַך, און זי האָט נאָך נישט געגעבן קיינע ליכטיקע פּערספּעקטיוון.

די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געוואָלט אויסנוצן די לאַגע און קריגן, אַזוי צו זאָגן, אַ מאַנדאַט אויף איר נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט. צום לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס (1896) האָט זי אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער דער קאָנגרעס האָט געזאָלט דערקלערן, אַז די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן איז אַ פּאָ־ליטיש־נויטווענדיקע פאָדערונג סיי פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, און סיי פאַרן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. באַגרינדעט האָט די פּ. פּ. ס. איר רעזאָלוציע מיט דעם, וואָס די אונטערדריקונג פון איין נאַציע דורך אַן אַנדערער קאָן ברענגען נוצן נאָר די קאַפּיטאַליסטן און דעספּאָטן, אָבער איז שעדלעך פאַר דעם אַרבעטנדיקן פאָלק סיי פון דער אונטערדריקטער, סיי פון דער הערשנדיקער נאַציע; און אַז דער רוסישער צאַריזם, וועלכער האָט געצויגן זיינע היימישע קרעפטן און זיין באַדייטונג אין אויסלאַנד פון דער אונטערדריקונג פון פוילן, איז אַ געפאַר פאַר דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

לוקסעמבורג איז שאַרף אַרויסגעטראָטן געגן דער רעזאָלוציע און איר באַגרינדונג. דער ערשטער טייל פון דער באַגרינדונג, האָט זי געשריבן, געהערט צו די מיינונגען, מיט וועלכע מען קאָן זיך אין פּראַקטישן לעבן גאָר נישט באַנוצן. עס שטיצט זיך אויף אַ קינ־דערשן גלויבן, אַז עס איז גענוג צו דערקלערן וואָס־עס־איז אַלס שעדלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט און נוצלעך פאַר די הערשער, און דאָס בייז וועט שוין פון זיך אַליין פאַרשווינדן. נישט אָפּשאַפּנדיק

פיאָנערן און בויער

דעם קאַפּיטאַליזם גופא, ווייל מען אויסראָטן אַזאַ זאַך, וואָס איר וואָרצל ליגט אין קאַפּיטאַליזם און איז אַ קינד פון קאַפּיטאַליזם. דער צווייטער טייל פון דער באַגרינדונג איז איינפאַך פאַלש. דער צאַריזם האָט נישט געצויגן — נישט זיינע היימישע קרעפטן און נישט זיין אויסלענדישע באַדייטונג פון דער אונטערדריקונג פון פוילן. דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער אַבסאָלוטיזם, זיינען די פאַרבליבענע אינם לאַנד אַלטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. זינט יענע צייטן ווען די פאַראייניקונג פון די דריי טיילן פון פוילן איז געווען די פאָדערונג פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך אויף דער וועלט אַ סך אומגעביטן. די פּאָליטישע לאַגע פון אייראָפּע האָט זיך געענדערט און אַנגעהויבן אויסצוזען גאָר אַנדערש. אויך רוסלאַנד גופא האָט זיך היפּש פאַרענדערט. זי האָט אויפגעהערט צו ליגן אין טויטן שלאָף. איר פונדאַמענט האָט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן דער יונגער קרעפט, — דער קאַפּיטאַליזם. רוסלאַנד האָט נישט בלויז קאָזאַקן און פּיקעס, נאָר אויך קעמפנדיקע פּראָלעטאַריער, וואָס גיבן די האָפענונג, אַז אייראָפּע וועט באַפרייט ווערן פון דעם פעטערבורגער זעלבסטהערשער...

און דאָ חזרט איבער לוקסעמבורג דאָס, וואָס זי האָט שוין געזאָגט אויף אַן אַנדער אָרט: אַז אַלע שיכטן פון פוילנס באַפעלקערונג מיטן אויסנאַם פון קליינבירגערטום, האָבן זיך צו יענער צייט אָפּגעזאָגט פון דער אידייע פון ווידערגעבורט פון פוילן. און דער פּראָלעטאַריאַט? —

„דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע אין פוילן געהערן צו אַזאַ עפּאָכע, וועלכע איז אויפגעשטאַנען אויפן קבר פון די נאַציאָנאַלע קאַמפן. די בורזשואַזיע האָט קיין מאָל נישט אָוועקגעוואָרפן דעם אידעאַל פון אומאָפּהענגיקייט, ווייל דאָס איז קיין מאָל נישט געווען איר אידעאַל. די אומאָפּהענגיקייט איז געווען דער אידעאַל פון דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, פון דער צייט פון דער אַדל־הערשאַפט. ווייל מען, הייסט דאָס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון פוילן זאָל ירשענען אָט דעם פּראָגראַם, — איז דאָס דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט וועלן, אַז אין מערב־אייראָפּע זאָל דער פּראָלעטאַריאַט איבערנעמען, למשל, די פרייהייטלעכע שטרעבונגען

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

פון דער פעאָדאַלער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער צייט, די שטרעבונגען, וועלכע האָבן נישט קיין מאַטעריעלן יסוד".

דער פראָלעטאַריאַט מוז מיט בײדע פיס שטיין אויפן באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. אין פוילן, אָבער, פירט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג צו אַלץ אַ פעסטערן און פעסטערן צונויפבונד צווישן פוילן און רוסלאַנד. אויב דער פּראָ־לעטאַריאַט וועט אַרײנשטעלן די „אומאָפּהענגיקייט" אין זיין פּראָגראַם, וועט ער זיך שטעלן קעגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. צו זיין לעצטן ציל, צו סאָציאַליזם, וועט ער דאַמאָלט שטיין מיטן רוקן, און אויב ער וועט וועלן זיך אומקערן צו סאָציאַליזם מיטן פּנים, וועט ער דאַמאָלט דאַרפן ווייזן דעם רוקן דער „אומאָפּהענגי־קייט"... די נאָענטסטע אויפגאַבן זיינע זיינען די זעלביקע ווי די אויפגאַבן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַלע לענ־דער: צו מאַכן דעמאָקראַטיש אַלע איינריכטונגען אין דער מלוכה. אַזוי ווי פוילן און רוסלאַנד ווערט איין קאַפּיטאַליסטישער מעכאַניזם, ווערט דער פּוילישער און רוסישער פּראָלעטאַריאַט איין אַרבעטער־קלאַס, און זייער נאָענטסטע אויפגאַבע איז די פאַרניכטונג פון דעם צאַריזם. דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט אין רוסלאַנד גיט דעם פּוילישן אַרבעטער די מעגלעכקייט נישט נאָר צו שטיצן זיינע אינטערעסן אַלס אַרבעטער, נאָר אויך, קעמפנדיק פאַר דער אויטאָ־נאָמער פרייהייט פון פוילן, צו זיין דער שיצער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט"...

דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט צו דעם פּ. פּ. ס.'ישן פאָרשלאָג נישט צוגעשטימט. אַנשטאָט אים האָט ער אָנגענומען אַ גאָרנישט זאָגנדיקע און צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע רעזאָלוציע, לויט וועלכער יעדע נאַציע האָט דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג. דאָס איז געוועזן דער ערשטער זיג פון לוקסעמבורג איבער פּ. פּ. ס.

אין פיר יאָר אַרום, אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פאַריז, האָט לוקסעמבורג געגעבן דער פּ. פּ. ס. אַ צווייטן קלאַפּ. דאַשינסקי, דער דאַמאָלט אָנגעזעענסטער קעמפער פאַר וואַלרעכט אין עסטרייך, האָט אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי פאָרגע־שלאָגן נישט צו אָנערקענען די מאַנדאַטן פון דער פּוילישער סאָציאַל־

פיאָנערן און בויער

דעמאָקראַטיע, וועמעס פירערין איז געווען ראָזאַ לוקסעמבורג. זי האָט געענטפערט נישט מיט אַ פּאַרטיידיקונג־רעדע, נאָר מיט אַן אָנקלאָגע קעגן דעם „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם”. די ווירקונג פון דער רעדע איז געווען אומגעהויער גרויס. אונטערשטיצט פון די דעלע־גאַטן פון כמעט אַלע לענדער אין אינטערנאַציאָנאַל, באַזונדערס פון די פּראָנצויזן, וועלכע האָבן געוואוסט צו גוט דעם שאָדן, וואָס אַ נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע מגפה קען אָנמאַכן, — איז לוקסעמבורג אַרויס פון דעם דועל ווי אַ פּראָמינענטע פיגור אין דעם אינטערנאַ־ציאָנאַל.

אין צוויי יאָר אַרום איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, פאַרטרעטנדיק אין אים די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

ד ז ש א ן   מ י ל ל

ראָזאַ לוקסעמבורג און דער רעפאָרמיזם

לוקסעמבורג איז אַריבערגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. אַט די מעג־לעכקייט האָט זי געקראָגן דורך דעם, וואָס זי האָט פיקטיוו חתונה געהאַט מיט אַ דייטשן בירגער — גאָר ווי עס פלעגן דאָס אַמאָל טאָן רוסישע רעוואָלוציאָנערן צוליב רעוואָלוציאָנערע צילן. דאָרטן, אין דייטשלאַנד, האָט זיך פאַר איר גלייך געעפנט אַ גרויס פעלד פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט — ליטעראַרישער און פראָפּאַגאַנדיסטי־שער. איין אומשטאַנד האָט מיטגעהאָלפן, אַז זי זאָל באַלד ווערן פאָ־פולער און איר נאָמען זאָל ווערן באַקאַנט אין די ברייטסטע שיכטן, אינעווייניק און פון דרויסן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. אין דייטשלאַנד האָט זיך באַוויזן אַ נייע ריכטונג אין סאָציאַליזם, אַ רעפאָרמיסטישע אין פּראַקטיק, אַ רעוויזיאָניסטישע אין טעאָריע. און די נייע ריכטונג האָט זיך באַלד געלאָזט שטאַרק פילן אין אַלע ספערן פון פּאַרטיי־לעבן און איז געוואָרן אַ געפאַר פאַר דעם פּרינציפּיעלן אינהאַלט פון דער פּאַרטיי.

דער טעאָרעטיקער פון דער נייער ריכטונג איז געווען עדואַרד בערנשטיין. אויף צו באַגרינדן טעאָרעטיש אַט־די ריכטונג איז נויטיק געווען צו רעווידירן מאַרקס טעאָרעטישע ירושה, און בערנשטיין האָט זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט גאַנץ גרינטלעך. אַ שטיין אויף אַ שטיין פון מאַרקסיזם האָט ער נישט געלאָזן אומבאַרירט, און געקומען איז ער צום אויספיר, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף אייגנטלעך זיין נישט אַ רעוואָלוציאָנערע, נאָר אַ דעמאָקראַטיש־סאָ־ציאַליסטישע רעפאָרם פּאַרטיי.

דער „רעוויזיאָניזם” אָדער „בערנשטייניזם” — אַזעלכע נעמען האָט מען געגעבן דער נייער ריכטונג — האָט אויפגערודערט די גאַנצע פּאַרטיי. די מאַרקסיסטן האָבן אָנגענומען די אַרויספאָדערונג אין פון זייער זייט אָנגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן דעם „אינעווייניקסטן

שונא". לוקסעמבורג האָט גענומען אַ פּראָמינענטן אַנטייל אין דער קעגן־אַטאַקע. מען גוזמא קען מען זאָגן, אַז אין קאַמף געגן דער רעפאָרמיסטיש־אָפּאָרטוניסטישער געפאַר האָט זי אויפגעטאָן מער, ווי יעדער אַ וועלכער נישט אַנדערער איינצעלנער מאַרקסיסט. צוזאַמען מיט קאַוטסקין, בעבעלן, פּאַרוואוסן, מערינגן און נאָך האָט זי דורכגעפירט אַ גלענצנדיקע קאַמפּאַניע קעגן „בערנשטייניזם". און זי האָט נישט פאַרלאָזן אָט־דעם קאַמף־פעלד ביז איר טויט. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ דרייסטער, ווייניקער אויסקלייבעריש. זיי האָבן פשוט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט פּרינציפּן: פאַר אַ וואָל־רעכט רעפאָרם אין פּרייסן זיינען זיי גרייט געווען צו באַווילי‌קן דער אנערקענ־טער רעגירונג סאָלדאַטן, ביקסן און קאַנאָנען. אויף אַלע שווע־ריקייטן, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס טרעפט אָן בעת זיין אַנטייל אין דעם מעכאַניזם פון דער בורזשואַזער מלוכה, האָבן זיי געוואָלט ענטפערן מיט אָפּאָרטוניסטישער נאָכגעביקייט צו די בור־זשואַזער פּאָליטיקער. אייניקע פון זיי (ניט בערנשטיין) זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אונטער געוויסע באַדינגונגען, דורך אַ „קו־האַנדל", האָבן זיי געוואָלט אונטערשטיצן די הערשנדיקע קלאַסן און די האַנדעלצאָלערן־רעגירונג אין דער אימפּעריאַליסטישער, קאָלאָני־אַלער פּאָליטיק, אין די מיליטאַריסטישע פּראָיעקטן, אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער.

לוקסעמבורג האָט שאַרף קריטיקירט די שטעלונג פון די רעווי־זיאָניסטן פון שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אויף פאַר־זאַמלונגען, אויף אַלע קאָנגרעסן פון דער פּאַרטיי, אין איר בראָשור „סאָציאַלע רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע" — אין צאָלרייכע אַרטיקלען אין דער ברעמענער „בירגער־צייטונג", אין לייפּציקער „פאָלקס־צײ־טונג" אין דער „זאַקסישער אַרבעטער־צייטונג" און אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן האָט זי נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק און רעוואָלוציאָנערע מיטלען, ווי דעם איינציקן וועג צו דערשלאָגן זיך מער פּאָליטישע רעכט פאַרן פאָלק, און זי האָט דערביי כסדר געפּרעדיקט די נויטיקייט און אומפאַרמייד־לעכקייט פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. זי האָט געהאַלטן פאַר דעם

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

וויכטיקסטן מיטל, כמעט פאַר דעם איין־איינציקן, דעם פּאָליטישן גענעראַל־שטרייק, גענויער געזאָגט — דעם מאַסן־שטרייק. אין אים האָט זי געגלויבט ווי אין אַן אַלמעכטיקן גאָט. די נצחונות פון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס דורך זיינע פּאָליטישע שטרייקן און די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָבן געהאַט אויף איר אַן אומבאַשרייב־לעכן איינפלוס. זי האָט שטודירט דעם מאַסן־שטרייק אין דער פּראַק־טיק — אין וואַרשע, וואו זי איז געקומען גלייך נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און זי האָט באַצאָלט פאַר דעם דאָזיקן וויזיט מיט אַ לענגערן זיצן אין טורמע. מיט דער אידייע, אַז דורך פאַר־אייניקן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציע, אין דער פאָרם פון אַ מאַסן־שטרייק, קען דער אַרבעטער־קלאַס אויפטאָן וואונדער, — האָט זי זיך אַרומגעטראָגן ביז איר טויט.

נייע באַקאַנטשאַפטן. פּלעכאַנאָוו

איך האָב זיך קוים אַרומגעקוקט, ווי דער ערשטער סעמעסטער האָט זיך פאַרענדיקט. איך בין פריי אויף אַ גאַנצן חודש. עס ווילט זיך אויסנוצן די געלעגנהייט נישט בלויז צו באַקענען זיך מיט אַנ־דערע געגנטן אין דער שווייץ, נאָר אויך צו באַזוכן פּלעכאַנאָוון און אַקסעלראָד און ווערא זאַסוליטש אין זשענעווע. פּאַוועל אַקסעלראָד גיט מיר מיט אַ בריוו צו פּלעכאַנאָוון. איך פאָר נישט אַליין. צוזאַמען מיט מיר פאָרט אַ גרופּע חברים און מיר אַלע באַשליסן צו פאַרברענגען דעם חודש אין אַ דערפל שערנע־סיר־מאָנטרע, אין די בערג פון דער פראַנצויזישער שווייץ. אויפן וועג שטעל איך זיך אָפּ אויף אַ פּאָר טעג אין בערן, וואו איך זוך אויס דעם סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער מענדל ראָזענבוים. איך האָב אים געקענט גוט נאָך פון ווילנע, איי־דער ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד האָט ער געגעבטיקט ביי מיר. ער איז גאַסט־פריינטלעך, ווייזט מיר די שטאָט און באַקענט מיך מיט אייניקע מיטגלידער פון דער בערנער רוסיש־אידישער קאָלאָניע. ז׳יין מיין זכרון איז פאַרבליבן בלויז די באַקאַנטשאַפט מיט זשיט־לאָווסקין און זיין ערשטער פרוי. זיי זיינען דאַן געווען מאַטעריעל אויף צרות, און די עטלעכע פראַנק איינקונפט פון מיטאָגן, וואָס זיי פלעגן סערווירן פאַר אַ ביליקן פרייז צו סטודענטן פון אָרטיקן אוני־ווערזיטעט, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. זשיטלאָווסקיס פרוי האָט געאַרבעט ווי אַ שקלאַף. זי איז געווען אי די קעכין אי די באַדינע־רין ביים טיש. געמאַכט האָט זי אַ סימפּאַטישן איינדרוק. געבוירן אַ קריסטין, האָט זי, נאָך איר חתונה האָבן מיט זשיטלאָווסקין, גע־לעבט כמעט אויסשליסלעך אין דער אידישער סביבה. עס פלעגט קלינגען אַביסל פרעמד און קאָמיש, ווען זי פלעגט זיך אָפטמאָל באַקלאָגן אויף די צאַרישע רציחות בנוגע אידן: „מיר, אידן — פלעגט זי מיט היץ זאָגן — זיינען שוידערלעך געדריקט און פאַר־פאָלגט דורך דער רוסישער רעגירונג״...

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

אין שוערנע האָט אונזער גאַנצע חברה זיך איינגעאָרדנט אַלס אַ קאָמונע, און יעדערער פון אונז פלעגט יעדן טאָג אָדער יעדן צווייטן טאָג נאָך דער רייע זיך מוזן אַרונטערלאָזן פון באַרג קיין מאָנטרע איינצוקויפן די נויטיקע פּראָדוקטן. פאַר אונז, פרעמדע, האָט אַלץ אַרום אויסגעזען ווי אַ צויבער־בילד. די גראַנדיעזע און מאַלערישע בערג, די טאָלן און לאָנקעס באַדעקטע מיט טעפּיכער פון נאַרציזן, דער שיינער און רייכער קוראָרט מאָנטרע, דער מיטלאַלטערלעכער שלאָס און תפיסה שיליאָן, וואָס איז אַזוי פּאָעטיש באַשריבן געוואָרן פון לאָרד בייראָן, דער שלאָס אין בוזשי־סיר קלאַראַן, וואו זשאַן־זשאַק רוסאָ האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט — אַלץ איז געווען פאַר אונז אַן אָביעקט פון באַגייסטערונג און פון גרענעצלאָזן עסטעטישן גענוס. מיר האָבן געלעבט אַ זאָרגלאָזן, פוילן לעבן און מיר האָבן זיך פּשוט געבאָדן אין די גאָלדענע זונשטראַלן, אין דער פרישער און געזונטער לופט, אין דער רייצנדיקער נאַטור. און מיט אַ געוויסן אומווילן האָב איך איבערגעריסן אָט־די אידיליע אויף דריי טעג.

איך האָב געדאַרפט דורכפירן מיין פּלאַן — פאָרן קיין זשענעווע. אָנשטאָט צו פאָרן מיט דער אייזנבאַן האָב איך גענומען אין מאָנטרע אַ שיף. דאָס איז אַ רייזע, פאַר וועלכער עס פעלן אויס ווערטער צו באַשרייבן. אַרום און אַרום די הויכע בערג — דאַן־דע־מידי, סאַוואָי, יוראַ — פאַרשטעלן דיר דעם וועג צו איטאַליע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. ווייט־ווייט זעט מען דעם ווייסן קאָפּ פון דעם העכסטן באַרג אין אייראָפּע, פון מאָן־בלאַן. די בלויע וואַסערן פון דער זשענעווער אָזערע וואַשן צערטלעך די לוקסוס־שיף, וואָס גליטשט זיך מאַיעסטעטיש אין מיטן פון דער אומגלויבלעך שיינער פּאַנאָראַמע. אומעטום אויף ביידע זייטן פון דער אָזערע נעסטלען זיך קוראָרטן און שטעטלעך באַוואוינט פון רואיקע, שלום־ליבענדיקע און, ווי עס שיינט, גליקלעכע איינוואוינער. דאָס דערנענטערן זיך צו זשענעווע איז אימשטאַנד אַריינצוברענגען אַ נייעם מענטשן אין „קעלבערנע התפעלות". די „פּערל־שטאָט" איז פּאַנאַדערגעשפּרייט ווי אַן אַמפיטעאַטער. אַלייעס און פּאַרקן, פּראַכטפולע האָטעלן און אַנדערע געביידעס אַרום דעם וואַסער מאַכן אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק אויף אַ ניי אָנגעקומענעם מענטשן. יעדעס מאָל ווען איך פלעג

פיאָנערן און בויער

אין די שפּעטערדיקע יאָרן קומען קיין זשענעווע מיט דער שיף, פלעגט דער איינדרוק זיין דער זעלביקער: אַ צוציענדע אויסערגעוויינלעכע שיינקייט און מאַלערישקייט.

עס איז שווער צו באַשרייבן די געפילן וואָס האָבן מיך באַהערשט ווען איך בין געגאַנגען זיך זען מיטן „פּאָטער" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. פאַר אונז, פאַר די יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון יענער צייט, איז ער געווען מער ווי אַ „פאָטער". כמעט דאָס זעלבע, וואָס די „הייליקע דריי־אייניקייט" איז פאַר די גלויביקע קריסטן, איז די „גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט" געווען דאַמאָלט פאַר אונז: מיר האָבן די מענטשן פון דער גרופּע פשוט פאַרגעטערט. מיטן אויסנאַם פון ליובאָ לעווינסאָן האָט קיינער פון אונז נישט געקענט זיי פערזענלעך. אָבער די געשיכטע פון זייער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, זייער איבערשאַצונג פון די אַלטע סאָציאַל־פּאָליטישע ווערטן, זייער נייע פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעטיקייט, זייער קאַמף מיטן באַקוניזם און מיט די „פּאָלקסטימלער" („נאַראָדניקעס") האָבן אונז אַריינגעפירט אין אַ נייער אידייען־וועלט און געגעבן אַ פונדאַמענט און אַן אינהאַלט פאַר אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן פריער, זיינען מיר דורך זיי באַקאַנט געוואָרן מיט דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור; זיי האָבן אונז געלערנט צו פאַרשטיין דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און ווי אַזוי אָנצווענדן די מאַרקסיסטישע מעטאָדע אין אַנאַליז פון דער רוסישערווירקלעכקייט. פלעכאַנאָווס בראָשורן „אונזערע מיינונגס־פאַרשידנקייטן" און „סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף" האָט געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין אונזערע מוחות. זיינען דאָך אייניקע פון אונז נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק געשטאַנען מיטביידע פיס אין אידייען־קרייז פון באַקונינען מיט זיינע פערמאַנענטע פויערים־בונטן און אייביקער מלחמה קעגן „שטאַאַט"; אָדער, שפּעטער, איז דאָך די מערהייט פון אונז שטאַרק געווען באַאיינפלוסט פון לאַווראָוון, דעם טיפּישן אידעאַליסט־עקלעקטיקער, און פון דער טאַקטיק פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". פלעכאַנאָווס בראָשורן האָבן פאַר אונז אַנטדעקט אַ נייע וועלט מיט נייע האָריזאָנטן. רוסלאַנד איז נישט

קיין אויסנאַם. דער רוסישער קאַפּיטאַליזם איז נישט נאָר אַ צוקונפ־טיקע מעגלעכקייט, נאָר אַ רעאַליטעט, אַ פאַקט. עס וואַקסט דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער וועט מאַכן דאָס לאַנד פריי. און מאַרקס׳ באַוואוסטער זאַץ: „יעדער קלאַסנקאַמף איז אַ פּאָלי־טישער קאַמף״ איז אויך ריכטיק פאַר רוסלאַנד.

יאָ, אַ נייע „עוואַנגעליע״, אַ נייער טעסטאַמענט פון סאָציאַליזם, צוגעפּאַסט צו דעם רוסישן לעבן, איז דאָס געווען. די אַלטע געטער צעבראָכן, אַ נייע „רעליגיע״ באַשאַפן. און דער מחבר פון די בראָשורן איז אין אונזערע אויגן דערשינען ווי אַן איבערמענטש, ווי אַ האַלבער גאָט.

מיט דער אויבנדערמאָנטער „רעקאָמענדאַציע״ פון פּאַוועל אַקסעלראָד — זיין דעמאָלסטדיקן בעסטן און נאָענטסטן פריינט, מיט־אַרבעטער און מיטקעמפער — בין איך צו אים געקומען, און אויך מיט אַ פּעקל זייער אינטערעסאַנטע נייעס פון ווילנע.

דאָס איז דאָן ביי מיר געווען נישט נאָר אַ מין „עולה רגל זיין״ צו דעם גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איך האָב אויך געדאַרפט עטוואָס איבערגעבן אין נאָמען פון אונזער ווילנער אָרגאַניזאַציע און גענוי אינפאָרמירן זיין גרופּע וועגן אַלץ, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן, וועגן די גוטע רעזולטאַטן, וועלכע זיינע תלמידים האָבן דערגרייכט.

איך האָב דערוואַרט, אַז ער, פּלעכאַנאָוו, וועט אַרויסווייזן זיין צו־פרידנקייט און פרייד נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס האָט געטאָן אַקסעלראָד. ווער דען, אויב נישט ער? איז דען זיין סאָציאַליסטישע און ליטעראַרישע טעטיקייט נישט געווען דער גייסטיקער הויפּט־פאַקטאָר אין אונזערע נצחונות?

איך בין געווען שטאַרק אַנטוישט אין מיינע דערוואַרטונגען. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם טיפן און פולהאַרציקן אינטערעס צו די גוטע נייעס, ווי דאָס האָט געטאָן אַקסעלראָד. אַ פּאָר שאַב־לאָנע פראַגן וועגן דעם און יענעם. עס זיינען פאַראַן אַ סך אייזנבאַן־אַרבעטער אין ווילנע — צי האָבן מיר וועלכע־עס־איז פאַרביג־דונגען מיט זיי? אין ווילנע קומען יעדן זומער אַ מאַסע בוי־אַרבע־טער און אַנדערע נישט קוואַליפיצירטע, סעזאָן־אַרבעטער פון

פיאָנערן און בויער

צענטראַל־רוסלאַנד — צי פירן מיר פּראָפּאַגאַנדע צווישן אָט־די עלעמענטן? און נאָך און נאָך ענלעכע פראַגן. עס איז קענטיק געווען און מערקבאַר, אַז זיי זיינען געשטעלט געוואָרן נאָר פאַרמעל, אַזוי צו זאָגן, און כמעט נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פלעגט ער שוין איבערגיין צו נייע פראַגן.

ער האָט אויסגעזען עטוואָס אומעטיק, צעטראָגן און נערוועז — אומרואיק. פון פראַנקרייך האָט די רעגירונג אים אַרויסגעשיקט און אין שווייצאַריע האָט מען אים אויך נישט געוואָלט האַלטן. אפשר איז דאָס געווען די סיבה. און אפשר די שרעקלעכע אָרעמקייט. ער האָט געוואוינט אויף ריו־דעז־אַלעמאַן, אין אַן עק פון אַ גרויסן הויף, אין דריי צימערן. זיי זיינען געווען זייער ריין, אָבער אָרעמ־קייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקעלעך. פּראָקאָפּאָוויטש, — דאַמאָלט אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט און שפּעטער אַן „עקאָנאָ־מיסט", אַ בערנשטייניאַנער־רעוויזיאָניסט און אין צייט פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע אַ מיניסטער אין קערענסקיס רעגי־רונג, — האָט מיר דערציילט, אַז אַרום יענער צייט איז פּלעכאַנאָוו געווען אַזוי אָרעם, אַז ווען זיינס אַ טעכטערל איז געשטאָרבן, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט צו פירן זי צו דער קבורה. פּראָקאָ־פּאָוויטש האָט געמוזט אים לייען אָדער געבן 100 פראַנק.

דעם זעלבן אָוונט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ „גלאָז טיי" אין זיין הויז, וואו איך האָב געפונען אַ פאַרשידנאַרטיקע געזעל־שאַפט: זיין פרוי, אַ אידיש־רוסישע סטודענטקע, צוויי בולגאַרן, וועגן וועלכע פּלעכאַנאָוו האָט מיר געזאָגט: „זיי זיינען אונזערע בעסטע פריינט; די בולגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן העלפן אונז אין אונזער טעטיקייט אָפט מער ווי די רוסישע." און קוליאַבקאָ־קאָרעצקי, אַ באַוואוסטער רוסישער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ ראַדיקאַלער ליבעראַל מיט סאָציאַליסטישע נויגונגען.

גערעדט וועגן אַלץ און וועגן גאָר נישט. אין מיין זכרון זיינען פאַרבליבן בלויז אַ פּאָר בייזע באַמערקונגען, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט געמאַכט וועגן גראַזאָווסקין, און איינצלהייטן, וואָס ער האָט געגעבן וועגן דער דראָענדער געפאַר צו זיין אַרויסגעשיקט ווערן פון זשע־נעווע אונטער דעם דרוק פון דער צאַרישער רעגירונג. די בולגאַרן

דזשאַן מילל

האָבן דערציילט וועגן דעם פאָרשריט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין זייער לאַנד.

אויף מאָרגן האָב איך געהאַט נאָך אַ געלעגנהייט צו „שטודירן" פּלעכאַנאָוון און צו זיין אַן עדות פון אַ פיינלעכער סצענע. קוליאַבקאָ־קאָרעצקי האָט אונז פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן „עפּעס צובייסן". דער אָרעמינקער ליבעראַל האָט גלייך פון אָנהייב פאַרלאָרן זיין אַפּעטיט. ער האָט נישט אַנדערש געוואָלט דערגיין פון פּלעכאַנאָוון, וואָס וועט זיין די פּאָליטיק פון די סאָציאַליסטן אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, נאָך דעם ווי זיי וועלן זיגן. פּלעכאַנאָוו האָט אָנגעהויבן צו שפּילן זיך מיט אים ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. „פריער פאַר אַלץ, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר זען פּטור צו ווערן פון אַלע אונזערע שונאים — רעאַקציאָנערן אָדער ליבעראַלן". — „וואָס מיינט איר?" פרעגט קוליאַבקאָ־קאָרעצקי. „גאַנץ פּראָסט — מיר וועלן אַלעמען אויפהענגען"...

דער האַלב־בלינדער קאָרעצקי האָט נישט געזען דעם סאַרקאַסטישן אויסדרוק פון פּלעכאַנאָווס פּנים און נישט באַמערקט די איראָניע אין זיינע ווערטער. שוויצנדיק, כמעט צעמישט, האָט ער אָנגעהויבן צו בעטן זיך ביי פּלעכאַנאָוון, ווי אַ צום טויט־פאַרמשפּט'ער בעט זיך פאַר זיין לעבן: — „פאַמילויטע, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש, איך האָב זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

— „איר האָט זיך שלעכט פאָרגעשטעלט," איז געווען דער קורצער ענטפער פון פּלעכאַנאָוון...

דער איינדרוק פון מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט פּלעכאַנאָוון איז נישט געווען קיין גינסטיקער. אפשר דערפאַר, ווייל אין מיין יוגנטלעכער נאַאיוויטעט האָב איך געוואָלט זען אין אים אַן „איבערמענטש," אפילו אין זיין טאָג־טעגלעכן פּריוואַטן לעבן. אָבער ער איז געווען נאָר מענטשלעך, מיט אַלע גוטע און שלעכטע זייטן פון אַ מענטשן.

װעראַ זאַסוליטש

װעראַ זאַסוליטש האָב איך אין זשענעװע נישט געטראָפן. זי האָט זיך דאַמאָלט אױפגעהאַלטן אין אַ דערבײאיקן דאָרף אין פראַנקרײך. „פאַרװאָס זאָלט איר נישט צופאָרן צו זאַסוליטש?" װענדט זיך פלעכאַנאָװ צו קוליאַבקאָ־קאָרעצקין און צו מיר. „דער שטאָטישער טראַמװײ װעט אײַך ברענגען צו דער פראַנצױזישער גרענעץ און פון דאָרטן װעט איר מוזן גײן צופוס, אין גאַנצן װעט דאָס נעמען אַ שעה צײַט. אײַער באַזוך װעט איבעררײַסן די מאָנאָטאָנישקײט און די אײנזאַמקײט פון איר צײַט־פאַרטרײַב אין דאָרף".

מיר בײדע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאָג. איך בין דאָך סײ־װי־סײ געװען אומגעדולדיק זי צו זען. קוליאַבקאָ־קאָרעצקי האָט זי געקענט שױן פון לאַנג און האָט אױך געהאַט גרױס חשק זי צו באַזוכן. מיר האָבן אײַנגעקױפט פּרוכט פאַר איר און דעם זעלבן טאָג זיך געלאָזן אין װעג.

מיט שװעריקײטן האָבן מיר געפונען דאָס פּײערשע שטיבל, װאו זי האָט געװױנט (אין באָ־מאָרנע).

די דירה האָט זיך געפונען אױף אַ שאַלקע, באַלד אונטערן דאַך, און האָט אפילו נישט אױסגעקוקט װי אַ צימער, נאָר װי אַ װינקל אױף אַ בױדעם. אַ קלײן פענצטערל האָט קױם־קױם אַרײנגעלאָזן אַביסל ליכט און לופט. אַ פּראָסטע הילצערנע בעט, װאָס איז מסתמא קײן מאָל נישט פאַרבעט געװאָרן. אױף דער װאַנט ליגט אַלץ צעמישט: קאָלדרע, קישן, לײַלעך, צוזאַמען מיט ביכער און צײַטונגען. אין מיטן פון צימער אַ טישל און צװײ שטולן, נישט געפאַרבטע. אױף דעם טיש אַלץ אין אומאָרדענונג — װידער אַמאָל ביכער און צײַטונגען, אַ טעלער, אַ גלאָז, איבערגעבליבענע שטיקלעך שפּײַז. נעבן פענסטער אַ צעבראָכן הילצערן קעסטל, װאָס האָט געדינט אַלס אַ קלײן טישל און װעלכן עס איז געשטאַנען אַ

ספּירט־לעמפּל און אַ „טשיניק". אַלץ האָט אויסגעקוקט אַזוי ווילד, אַז נישט ווילנדיק האָב איך זיך דערמאָנט די אַמאָליקע קאַריקאַטור־באָבע־מעשהס פון לעבן פון די אַזוי־גערופענע רוסישע „ניהיליסטן".

איך געדענק שוין נישט ווען, אָבער מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען נאָך אין פּאַנעוועזש, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען דעם פּאָרטרעט פון ווערא זאַסוליטש.

אַ שיין, סימפּאַטיש יונג פּנים מיט אַן אויסדרוק פון באַשיידנקייט און אומשולד פון אַ מלאך. אָבער וואָס פאַר אַן אומ'רחמנות'דיקע פאַרענדערונג האָט געבראַכט די האַרצלאָזע און געפיללאָזע צייט! כמעט אַ פולשטענדיקע פאַרלייקענונג פון יענעם בילד. אָפּגעלאָזן אין איר האַלטונג, אויסזען און אירע מאַנירן. נערוועז — האַסטיקע באַוועגונגען. אומזיכערקייט אין ריידן. אַלץ אַרום איז געווען אַ מוסטער פון אומבאַקוועמלעכקייט און אומגעמיטלעכקייט.

אפשר איז די שולד טיילווייז געווען אונזערע — מיר זיינען געקומען גאָר אומגעריכט. זאַסוליטש האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו ברענגען אין אָרדענונג נישט זיך אַליין און נישט איר „צימער".

ק. קאָרעצקי האָט מיך פאָרגעשטעלט און פאַר איינס איבערגעגעבן עטלעכע ידיעות וועגן דער ווילנער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס ער האָט געהערט פון מיר אין פלעכאַנאָווס הויז. קיין רעאַקציע פון איר זייט האָבן אָט־די ידיעות ניט ארויסגערופן, קיין איינדרוק אויף איר נישט געמאַכט, און קיינע פראַגן פון איר האָבן נישט נאָכגעפאָלגט. דער געשפּרעך האָט זיך הויפּטזעכלעך געפירט צווישן קאָרעצקין און איר, און נישט וועגן דעם היינט און מאָרגן, נאָר בלויז וועגן דעם נעכטן: וועגן די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און טאַטן און וועגן איר אייגענעם העראָאישן, אומדערשראָקענעם ענטפער אויף די באַליידיקונגען, וואָס אירע חברים־רעוואָלוציאָנערן, אין 1878, האָבן געמוזט אויסשטיין — זי האָט דאַן געשאָסן אין דעם פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק גענעראַל טרעפּאָוו. עס איז נישט געווען אינטערעסאַנט. אַלץ איבערגע'חזר'טע און באַקאַנטע מעשות, און עס האָט מיך געפרייט, וואָס אונזער

פיאָנערן און בויער

וויזיט האָט נישט געדויערט זייער לאַנג. עס איז געוואָרן שפּעט. מיר האָבן געדאַרפט גיך זיך אומקערן קיין זשענעווע.

יענע נאַכט האָבן מיר — קאָרעצקי און איך — איבערגענעכ־טיקט צוזאַמען אין איין צימער אין אַ האָטעל. שפּעט אין אָוונט איז צו אים געקומען זיין אַלטער באַקאַנטער קוזמאַ, אַן אומעטיקער פלעגמאַטישער, שווייגנדיקער אוקראַינער, פון וועמענס מויל עס איז געווען שווער אַרויסצוציען אַ וואָרט. אַן אַמאָליקער „נאַראָדאָ־וואָליעץ" אָדער „זעמלעוואָליעץ", אַן אָנהענגער פון דראַגאָמאַנאָווס נאַציאָנאַליזם, האָט ער געפירט אַ לעבן פון אַ פאַרוואָרפענעם און איינזאַמען פּאָליטישן עמיגראַנט. ער האָט זיך אויסגעלערנט זעצעריי און האָט זיך איינגעשאַפן אַ קליינע דרוקעריי, אין וועלכער עס האָבן זיך געדרוקט אויסגאַבן פון פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּן. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז ביי אים אויך אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אַ בלעטל אָדער אַ בראָשור פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

דזשאָן מילל

אַ פאַרגעסענער דענקמאָל

זייענדיק אין זשענעווע, האָב איך געפילט, אַז איך מוז גיין „אויף קבר אבות", אַז איך מוז באַזוכן דאָס אָרט, וואו דער באַרימטער פּאָפּולערער רעדנער און פיל־צוזאָגנדיקער אַגיטאַטאָר, דער ליבלינג פון די דייטשע אַרבעטער־מאַסן, פערדינאַנד לאַסאַל, האָט פאַרגאָסן אין אַ דועל זיין אידעלע בלוט און האָט אַזוי פריציייטיק אָוועקגעגעבן זיין יונג לעבן (31טן אויגוסט, 1864) אין עלטער פון 39 יאָר.

ווייט הינטערן שטאָט, אין אַ זייט פון דערפער, הייזער און וועגן, הויכט זיך אַן איינזאַם בערגל מיט אַ שיינער, גרינער, גלאַטער לאָנקע, אַרומגערינגלט מיט יונגע שיטערע וועלדלעך.

אַ מאָנומענט, אָוועקגעשטעלט פון לאַסאַלס תלמידים און פאַרערער, געפינט זיך אויפן אָרט, אויף וועלכן עס איז פאָרגעקומען דער טראַגישער דועל — אַ דועל צוליב שטאָלץ, פאַלשן ערע־באַגריף, גאווה.

אַ „הייליקער טאָל פון טויט". אויף איין זייט, הויך איבער די שפּיצן פון די בוימער, רוקן זיך אַרויס די קעפּ פון די בערג גראַנד סאַלעוו און פּעטיט סאַלעוו ווי צוויי אויסגעשניטענע קאַלטע און גרויע נאַקעטע מצבות. אַ מילד ווינטל בלאָזט אין דעם טאָל פון איין וועלדל צום צווייטן, שושקענדיק עטוואָס מיסטישעס, סודות־דיקעס. עס ווילט זיך נישט רײדן נישט צו שטערן די געהיימניש־פולע שטילקייט און רו.

אין די ערשטע יאָרן נאָך לאַסאַלס טויט זיינען צו יעדן יאָרצייט געקומען צאָלרייכע אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פון דער שווייץ, מיטברענגענדיק קראַנצן און בוקעטן, מיט וועלכע זיי פלעגן באַצירן דעם מאָנומענט. מען האָט געהאַלטן רעדעס

פיאָנערן און בויער

מיט דעם פייערלעכן צוזאָג קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן דעם אידעלן קעמפער און אַרבעטער־פריינט.

קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן! אַ פּוסטע פראַזע. מיט יאָרן צוריק האָט פראַנץ קורסקי אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל אויף דער טעמע: „זיין אָנדענק וועט לעבן אייביק״, וואו ער האָט מיט ביטערקייט אויפגעוויזן ווי פאַלש עס איז אַזאַ פאַרזיכערונג און ווי גיך מען האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אַזעלכע טוער, ווי פּאַוול זינגער און אַנדערע, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געדינט דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג.

לאַסאַל איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. אפשר האָט מען וועגן אים גערעדט און געשריבן אַביסל לענגער, אָבער סוף־כל־סוף האָט מיט אים פּאַסירט דאָס זעלבע וואָס מיט צענדלי־קער און הונדערטער פאַר אים און נאָך אים. דאָס לעבן גייט זיך זיין וועג און אַלע האַלטן זיך פאַרן כלל: „זאָלן די טויטע באַער־דיקן די טויטע, און די לעבעדיקע זאָלן לעבן״.

מיט יעדן יאָר אַלץ קלענערע דעלעגאַציעס — און אַלץ זעלטע־נער פלעגן זיי קומען, ביז די פּילגרים־רייזעס האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

און ווייט פון דער גאַנצער וועלט שטייט זיך דער איינזאַמער מאָנומענט, אויף דער גרינער גלאַטער לאָנקע, אַרומגערינגלט מיט רו, טויטער שטילקייט און פאַרגעסנקייט...

— — — — — — —

עס איז געווען אַ מחיה ווידער צו זיין אין שערנע, הגם מער נישט ווי אויף איין וואָך. אין דער שיינער און פריינטלעכער אומ־געבונג האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן אייניקע איינצלהייטן פון מיין זשענעווער וויזיט, איינצלהייטן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַן אומ־אָנגענעמען טעם, און וואָס האָבן אָן אַ ספּעציעלער סיבה אַריינגע־בראַכט מיך אין אַ צושטאַנד פון אומבאַשטימטער, נישט קלאָרער אומרו און נערוועזקייט. יאָ, איך בין געווען אומצופרידן, אָבער אויב אימיצער וואָלט מיך געפרעגט מיט וואָס אייגנטלעך בין איך אומצופרידן, וואָלט איך געוויס נישט געקענט קלאָר ענטפערן. עס

דזשאָן מילל

טרעפט זיך שוין אַזוי — מען איז אומצופרידן און מען קען זיך נישט אָפּגעבן אַ רעכענונג מיט וואָס און פאַר וואָס.

פאַרלאָזנדיק שערנע, האָב איך זיך געוואונשן ווען־עס־איז צו האָבן אַ געלעגנהייט ווידער דאָ צו קומען. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך אַזעלכע געלעגנהייטן געהאַט אַ סך. וואוינענדיק אין מאַנטרעאָל, פלעג איך אָפט באַזוכן וולאַדימיר מעדעמען, וואָס האָט דאָ פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט צוזאַמען מיט זיין ערשטער פרוי. אויך פלעג איך דאָ אָפט קומען זען סטאַניסלאַוו גאָלדבערגן, איינעם פון די ערשטע פויליש־אַסימילירטע אידישע אינטעליגענטן, וואָס איז צוגעשטאַנען צום „בונד". ער האָט זיך דאָ באַזעצט נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעשמאַכט 5 יאָר אין סיביר, אין דער האָפענונג אויסגעהיילט צו ווערן פון שווינדזוכט. נאָר אַ קורצע צייט איז אים באַשערט געווען צו לעבן. איין מאָל קריג איך אַ קאַרטל תיכף צו קומען צו אים, און ווען איך בין אָנגעקומען, האָט זיין באַלעבאָסטע מיך באַגעגנט מיט דער קורצער ידיעה: „ער איז אָקאָרשט געשטאָרבן". דאָס איז געווען סוף זומער 1905.

ביי דער לוויה אויפן בית־עולם אין קלאַראַן זיינען געווען אַנוועזנד בלויז זיין פרוי פעליציאַ, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אונזער נח׳ס פרוי און דאָס טעכטערל, וואָס איז איצט די פרוי פון פראָפעסאָר קשיוויצקיס זון, און איך... אַן אָרעמע לוויה!

אַן אינטערליוד

עטלעכע מאָנאַטאָנע חדשים זיינען פאַרביי און איך האָב כמעט גאָר נישט וויכטיקס צו פאַרצייכענען. ווען איך בין צוריקגעקומען פון שערנע קיין ציוריך, האָב איך געפונען אַ פּאָר בריוו פון ווילנע, און זיי האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ היים־בענקעניש, אַ וואונש באַלד ווידער צו זען די חברים און פריינט, וועלכע איך האָב נישט לאַנג צוריק איבערגעלאָזן אין יענער שטאָט. אין איין בריוו האָט מען מיך אָנגעפרעגט, צי איך קלייב זיך אויף זומער קיין ווילנע; נישט־וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט אַרקאַדי אין דעם צווייטן בריוו מיר גע׳עצה׳ט צו פאָרן נישט דורך ווין, נאָר דורך בערלין, זיך זען מיט ווילהעלם ליבקנעכטן און אויס׳פּועל׳ן ביי אים, אַז אַ 50 עקז. פון דער „בייער צייט" זאָלן געדרוקט זיין פאַר אונז אויף אַ דינעם, אַזוי־גערופענעם „פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר". פאַר וואָס עפּעס ליבקנעכט און נישט קאַוטסקי אָדער דירעקט דיעטצעס פאַרלאַג, וואָס איז געווען אָפיציעל דער אַרויסגעבער פון זשורנאַל, איז מיר נישט געווען גאַנץ קלאָר. מסתמא האָבן זיי אין ווילנע געהאַלטן, אַז ווילהעלם ליבקנעכטס וואָרט, דאָס וואָרט פון דער איינפלוסרייכסטער פּערזאָן אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועט זיין מער וואָגיק. עס איז איבעריק דאָ צוצוגעבן, אַז די 50 עקזעמפּליאַרן האָבן מיר געדאַרפט נישט אַזוי פאַר אונז, ווי פאַר די רוסישע חברים.

אויסער דעם האָבן מיך לוקסעמבורג און גראָזאָווסקי געבעטן איבערצוגעבן אַ בריוו און מינדלעכע מיינונגען צו זייערן אַ חבר אין וואַרשע, צו ראַטינסקין. כאָטש דער קירצעסטער און, הייסט עס, דער ביליקסטער וועג פון בערלין קיין ווילנע האָט געפירט דורך אייטקו־נען און נישט דורך וואַרשע, האָב איך פונדעסטוועגן זיך נישט גע־קענט אָפּזאָגן מיטצונעמען דעם בריוו, נאָך מער, וואָס טיף אין מיין

דזשאָן מילל

האַרצן האָב איך געפילט, אַז יעדע נייע באַקאַנטשאַפט אין דער פוי־לישער הויפּטשטאָט וועט ווען־עס־איז, און אפשר טאַקע גאָר גיך, זיין פון גרויס הילף און נוצן. איך האָב אַליין געזוכט אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן און פאַרבינדונגען.

ביסלעכווייז איז אונטערגעקומען די צייט, פון זומער־איבער־רייס אין די שטודיעס אין אוניווערזיטעט.

די וואַקאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן. איך בין אַרויסגעפאָרן אין ביידע שליחותן און זיי פּינקטלעך דורכגעפירט. אין בערלין האָב איך זיך געזען מיט ד״ר ליבקנעכטן צוויי מאָל. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז שוין פריער האָט אַן אַנדערער, דער סטודענט קליאַטש־קאָ פון ווילנע, געהאַט די שליחות אויסצופירן, אַז מען זאָל פאַר אונז דרוקן 50 עקז. פון דער „נייער צייט״ אויף דינעם פּאַפּיר. נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין רעזולטאַטן, האָבן די ווילנער געמיינט, אַז אפשר וועל איך האָבן מער גליק. אָבער איך האָב אויך גאָר נישט געקענט אויפטאָן. וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן אַ טויזנט עקזעמפּליאַרן, האָט מיר ליבקנעכט געזאָגט, וואָלטן זיי דאָס טון, אָבער צוליב 50 עקזעמפּלאַרן, איז נישט כדאי דורכצומאַכן די שווע־ריקייטן, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן.

איך האָב געהאַט נאָך אַיין געלעגנהייט נישט נאָר צו „זען״, נאָר אויך צו הערן ליבקנעכטן. בשעת מיין אויפהאַלטן זיך אין בערלין איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג וואו ער איז געווען דער הויפּטרעדנער. נישט קוקנדיק אויף זיינע הויכע יאָרן, אויף זיין אַלטער, אַביסל הייזעריקער שטים, אויף די טיפע קנייטשן פון זיין פּנים, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגן, באַגייסטערטן רעדנער, פול מיט פייער און אַנטשלאָסנקייט. זיינע אויגן האָבן אויף אַ האָר נישט פאַרראַטן זיין עלטער: זיי זיינען פאַרבליבן קלאָר, יונג, שאַרף־דורכדרינגענדיק.

אין וואַרשע האָב איך גרינג אויסגעזוכט ראַטינסקין, אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן טיי־געשעפט, און כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט עטלע־כע שעה. אין יענע עטלעכע שעה האָבן זיך געעפנט מיינע אויגן אויף דער נישטיקייט פון לוקסעמבורגס איינפלוסן אויף דער אַרבע־

פיאָנערן און בויער

טער־און־סאָציאַליסטישער־באַוועגונג אין גאַנץ פוילן. ער, ראַטינסקי, און אַ נישט־אַקטיווער אַרבעטער זיינען געווען די איינציקע סאָציאַל־־דעמאָקראַטן אין וואַרשע. די גאַנצע ראַדיקאַלע באַוועגונג איז געווען באַהערשט דורך דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ראַטינסקי איז געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט און האָט זיך געוויס נישט אַרומגעטראָגן מיט האָפענונגען אויף אַ באַלדיקער ענדערונג פון דער לאַגע.

אַ קורצע צייט נאָך אונזער באַגעגעניש האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר, וואו ער אַליין איז אויך אַריבער צו דער פּ. פּ. ס..

אין משך פון די ניין חדשים, וואָס איך בין נישט געווען אין ווילנע, זיינען דאָרטן קיינע גרויסע ענדערונגען נישט פאָרגעקומען. געוויס, די באַוועגונג איז כסדר געוואַקסן, מען האָט אָנגעקניפּט נייע פאַרבינדונגען, אָבער אויסערלעך האָט זי אויסגעזען ווי פריער. אמת, איך האָב געפונען עטלעכע נייע פּנים'ער, פון די אַזוי־גערופענע „האַלב־אינטעליגענטן". מער געשריבענע און העקטאָגראַפירטע ליטעראַטור האָט צירקולירט צווישן די אַרבעטער. אונטער דער רעדאַקציע פון אַרקאַדי קרעמער, שוועץ און מאַקס טאָביאַש איז דערשינען אַ בלעטל אונטערן נאָמען „נייעס פון רוסלאַנד", וואָס האָט אָבער קיין גרויסן דערפאָלג נישט געהאַט — אפשר דערפאַר, וואָס עס איז געווען געשריבן מיט דער האַנט און נישט געקענט האָבן אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג.

דזשאָן מיל

„דיסקוסיעס". אַ וויכטיקע קאָנפערענץ

באַלד ווי איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פון די מיטגלידער פון צענטער פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיי דאָרטן אין אַ געגנויעם באַריכט באַקענט מיט מיינע איבערלעבונגען אין אויסלאַנד. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער באַציאונג פון די „גדולים" צו אונזער באַוועגונג, וועגן די נייע טענדענצן אין דער טאַקטיק פון די „יונגע" אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועגן דער לאַגע אין דער פוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אויף די אומצאָליקע פראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן, האָב איך, נאַטירלעך, געגעבן אויך אומצאָליקע דערקלערונגען. די זעלבע זיצונג פון צענטער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיטן ענין גראָזאָווסקי. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן דורך מיר, ווען איך וועל צוריקפאָרן קיין ציוריך, אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די פאַרשפּרייטע אין אויסלאַנד שענדלעכע אָנצוהערענישן וועגן גראָזאָווסקיס פּאָליטישער אומערלעכקייט.

לויט מיין איניציאַטיוו, איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג פון די אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן, איך האָב זיי אַלעמען געקענט פון פריער מיט דער אויסנאַם פון אַ קליין הייפל וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט צום ערשטן מאָל. דער ציל פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ דאָפּלטער: ערשטנס, צו געבן אַ בילד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין שווייצאַריע, ספּעציעל אין ציוריך, און צווייטנס, צו פאַראינטערעסירן די פאַרזאַמלטע אין דיסקוסיעס אויף טאָגטעגלעכער און אַלגעמיינע פּראָבלעמען און אין דער טעכניק פון פירן אַזעלכע דיסקוסיעס, אַזוי ווי איך האָב דאָס געזען אין דעם ציוריכער אַרבעטער־פאַראיין „איינטראַכט". ביז איצט פלעגן אַלע פאַרזאַמלונגען אין ווילנע זיך פירן אויף אַ דורכאויס פּרימיטיוון אופן. קיין פאָרזיצער. ווען עס האָט זיך פאַרגלוסט, פלעגט

ריידן, אָפט אַריינפאַלנדיק אין מיטן פון א חבר'ס רייד, אָפט אין גאַנצן נישט אויף דער טעמע, פאַרקריכנדיק אין האַצע־פּלאַץ. אַן אמת'ער תוהו ובוהו. די נייע טעכניק און די פאָרם פון די דיסקוסיעס האָט אָפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע אומגעווײַנלעך, און זיי האָבן דאָס גלייך מיט באַגייסטערונג אָנגענומען. מען האָט די זאַך נישט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער און מען האָט אויפן אָרט אָנגעהויבן צו מאַכן „פּראָבעס". דער ערשטער פאָרזיצער איז געווען דער קצב סאָלאָמאָן מענאַקער. עס איז אינטערעסאַנט געווען צו באַאָבאַכטן מיט וואָס פאַר אַן ערנסט און שטאָלץ ער האָט אויפגענומען זיין נייע ראָלע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטע אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג. די דיסקוסיעס האָבן זיך שוין געפירט אויף אַ מאָדערנעם אופן און פון דאַמאָלסט אָן זיינען זיי געוואָרן איינע פון די פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַ וויכטיקע געשעעניש איז פאָרגעקומען אַ פאַר וואָכן פאַר מיין צוריקפאָרן קיין ציוריך, אַ געשעעניש פון גרויסער באַדייטונג און פון ערנסטע פאָלגן. איך מיין די קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווילנע אין אָנהייב אויגוסט, 1894 און וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ פאָרגייערין און אַ פאָרבילד פון דעם צוקונפטיקן צוזאַמענפאָר פון „בונד". פון די אָנטיילנעמער געדענק איך: אַרקאַדי קרעמער, זיין פרוי פאַטי, ליובאַ לעווינסאָן — אייזנשטאַט, גלעב מיטניקאָוויטש, מאַרטאָוו, דאָקטאָר ליאַכאָווסקי, טאָביאַש, לעאָן גאָלדמאַן, גאָזשאַנסקי, סאָלאָמאָן מענאַקער און נאָך דריי אַרבעטער וועמענס נעמען איך געדענק נישט. דאָ האָב איך אויך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אַ חבר, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. איינער פון די אָנטיילנעמער איז געזעסן מיט אַן אומעטיקן, כמעט בייזן פּנים און האָט מיט גרויס ערנסט זיך צוגעהערט צו די דעבאַטן, ער האָט גענומען אַ וואָרט בלויז צום סוף פון דער קאָנפערענץ. דאָס איז געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי (אין ווילנע האָט ער זיך באַזעצט אָנהייב 1894).

די קאָנפערענץ האָט געדויערט צוויי האַלבע טעג. מען האָט דעבאַטירט אַלגעמיינע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן,

דזשאַן מילל

אָבער אין מיטלפּונקט פון די פאַרהאַנדלונגען איז געשטאַנען די אידישע פראַגע. איך איז געווען געווידמעט כמעט די גאַנצע צייט פון דער קאָנפערענץ. דער רעפערענט איז געווען דער אָקאַרשט געקומענער פון קיעוו אָדער פעטערבורג דר. ליאַכאָווסקי. מען קען זאָגן, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן אַזוי קלאָר, אָן אַ וועלכער־נישט־איז צוויי־דייטיקייט, מיט דער פולסטער אַנטשלאָסנקייט דערקלערט אונזער שטעלונג אין דער אידן־פראַגע: אַז די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד ליידן נישט נאָר אַלס אַרבעטער נאָר אויך אַלס אידן; אַז מען מוז אין דער אַגיטאַציע מער און מער אונטערשטרייכן אַלע פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג; אַז צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף מוז דער קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג זיין איינע פון אונזערע תיכפדיקסטע אויפגאַבן און אַז אַזאַ קאַמף קען מיטן בעסטן דערפאָלג געפירט ווערן פון די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער זעלבסט. אַן ענגערע צוזאַמענ־אַרבעט מיט אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט מוז, אויף אַזאַ אופן, זיין דער לאָגישער נעקסטער שריט אונזערער.

און — אַ וואונדער! בלויז איינער פון די אָנטיילנעמער, לעאָן גאָלדמאַן, איז אַרויסגעטרעטן סיי קעגן דעם עיקר־אינהאַלט פון רע־פעראַט, סיי אויך קעגן די אָנגעצייכנטע טעזיסן. ער האָט פאָראויס־געזען אַלערליי „אומגליקן" — עס וועט זיך כלומרשט אַנטוויקלען אַ שעדלעכע נאַציאָנאַליסטישע שטימונג צווישן די אידישע אַר־בעטער, זיי וועלן דורך דעם איזאָלירט ווערן פון די רוסישע מאַסן, און דער אַלגעמיינער פּאָליטישער קאַמף וועט אָפּגעשוואַכט ווערן . . .

אין קיין גרויסע וויכוחים איז מען מיט אים נישט אַריינגעטרעטן. מיטן אויסנאַם פון וולאַדימיר קאָסאָווסקין האָט קיינער אים נישט געענטפערט. אפשר דערפאַר, ווייל קאָסאָווסקיס ענטפער האָט אַלעמען באַפרידיקט. קאָסאָווסקי האָט געגעבן אַ גלענצנדן איבער־בליק פון די פאַרגעלייגטע טעזיסן און האָט געמאַכט די נויטיקע קאָמענטאַרן צו זיי. ער האָט אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר אונזער ווייטערדיקער אַרבעט זיי וועלן האָבן און וואָס פאַר אַ נייַ לעבן זיי וועלן אַריינברענגען אין אונזערע רייען. קיין

פיאָנערן און בויער

מאָל שפּעטער האָב איך נישט געהערט וולאַדימירן ריידן מיט אַזוי פיל פייער און מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער קראַפט. איך האַלט, אַז יענע קאָנפערענץ האָט אַרויסגערוקט קאָסאָווסקין אין די פאָדערשטע רייען און געהאָלפן צו מאַכן פון אים אַן אויטאָריטעטן וואָרטזאָגער פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

די קאָנפערענץ האָט אויף אונז אַלעמען געמאַכט דעם גינסטיקסטן איינדרוק. מיר האָבן געפילט, אַז עטוואָס זייער וויכטיקס שטעקט אין אירע באַשלוסן. קיין שווייצאַריע האָב איך זיך צוריקגעקערט מיט אַ נייעם פּאָליטישן און גייסטיקן באַגאַזש.

וולאַדימיר קאָסאָווסקי

קאָסאָווסקיס פּערזענלעך לעבן איז געווען אַ פֿאַרמאַכט בוך פֿאַר אַלעמען. דאָס איז געווען אַ מין קדשי־קדשים, וואוהין ער פֿלעגט קיין מאָל נישט צולאָזן אפילו זיינע נאָענטסטע פריינט און חברים. דאָס, וואָס מען האָט זיך דערוואוסט וועגן אים, איז געקומען אומדירעקט, אויף אַן אומוועג, צופעליק. אייניקע פון אונז האָבן געוואוסט, צוםביישפּיל, אַז יאָרן־לאַנג האָט ער געלעבט בלויז אויף 25 רובל אַ חודש, וואָס ער האָט רעגלמעסיק געקראָגן פון זיין ברודער. מיר האָבן געוואוסט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין אינטים־פּערזענלעכן לעבן. אומעטום, וואו ער פלעגט זיך באַזעצן, האָט ער געפירט אַן איינזאַמען, אָפּגעזונדערטן, אַסקעטישן לעבן, אָפּגעצוימט פון אַלעמען, אַזוי אַז מער נישט ווי אַ קליין הייפל חברים פלעגן וויסן זיין אַדרעס. נאָך ווייניקער פלעגן אים באַזוכן אויף זיין דירה. האָבן אים טאַקע פיל געהאַלטן פאַר אַ מאָדנעם מענטש, פאַר אַ מין „טשודאַק", פאַר אַ בייזן און איינגעשפּאַרטן, וואָס איז אין קיינעם נישט פאַראינטערעסירט און וועמען עס פעלט דער נאַטירלעכער וואונטש צו זיין אין אַ נאָענטער באַרירונג מיט שכנים, באַקאַנטע, חברים. אַזאַ אויספיר וועגן זיין כאַראַקטער איז געווען דורכאויס פאַלש. אונטער דער מאַסקע פון בייזקייט און איבערטריבענער ערנסטקייט האָט מען געקענט אַנטדעקן אין אים אַ מענטש מיט אַ ברייטער וואַרעמער האַרץ, אָנגעפילט מיט די צאַרטסטע און פריינדלעכסטע געפילן פאַר אַלע יענע, וועמען ער האָט האַלט געהאַט. עס איז אמת, אַז ער אַליין איז געווען אַ שטילער און גרענעצלאָז באַשיידענער טוער, וואָס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן הויך זיין שטים; עס איז אים פרעמד געווען די אַמביציע זיך „אַרויסצורוקן", און ער פלעגט זוכן אויסצומיידן עפנטלעכע פאַראַד־אַרויסטרעטונגען און מורא געהאַט אפילו פאַר

אַ געוויינלעכן אומשולדיקן קבלת־פּנים. און עס איז אויך ריכטיק, אַז ער האָט צייטנווייז דעמאָנסטרירט זיין אומצופרידנקייט און מיט אַ קריטישן בליק געקוקט אויף יענע געציילטע פון דעם אינגערן פון אים דור, וואָס פלעגן ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסווייזן זייער זעלבסטצופרידנקייט און וואָס פלעגן מיטברענגען מיט זיך גערו־דער און קאָכעניש. אוודאי פלעגט ער הויך אָפּשאַצן זייער פּאָזי־טיווע אַרבעט, זייערע רעדנערישע פעאיקייטן, זייער ענערגיע, זייער איבערגעבנקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט פלעגט ער פּשוט נישט קענען פאַרדייען און רוהיקערהייט אַריבערטראָגן הויכע קלינגענדיקע פראַזן, אויסגעפּוצטע ווערטער, דעם „הו־האַ". זייענדיק גראַד־ליניק, פלעגט ער פון אָט דעם געפיל זיינעם נישט מאַכן קיין סוד און דאָס פלעגט צייטנווייז אַרויסרופן פערזענלעכע רייבונגען, כאָטש אין אַלגעמיין, זעלטן.

אַלס אַ שאַפער און בויער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַלס אַ פּאַרטיי־פירער, אַלס אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטי־קער און פובליציסט איז קאָסאָווסקי געווען אָנערקענט און געשאַצט פון אַלעמען.

דעם וויכטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן אָרט, וואָס ער האָט פאַר־נעמען באַלד, ווי ער איז אַריין אין דער באַוועגונג, האָט ער נישט פאַרלאָזן כמעט ביז זיין טויט.

די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט, איז געווען אַ סך־אַ סך גרעס־סער, ווי עס קאָן אויסזען פון דעם וואָס עס איז וועגן אים ביז איצט געשריבן אָדער געזאָגט געוואָרן.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז ער איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון „בונד" און דער פאָרמולירער און אויסאַרבעטער פון זיין פּראָגראַם; אָנטיילנעמענדיק כמעט אין אַלע זיינע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן האָט ער אַ סך בייגעטראָגן צו דער ריכטיקער לייזונג פון זיינע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פּראָבלעמען; אַלס אַ מענטש מיט טיפער בילדונג און מיט גרויסע פובליציסטישע פעאיקייטן האָט ער דורך די בונדישע צייטשריפטן און אַלערליי פּובליקאַציעס אויף אידיש און רוסיש באַאיינפלוסט און דערצויגן אַ גאַנצן דור נישט נאָר אידישע אַרבעטער, נאָר אויך אידישע סטודענטן; און ער איז געווען

דזשאַן מילל

דער הויפטקעמפער פאַר דעם, אַז אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלן אָנערקענען דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון בונד און זיינע אָר־גאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן.

אין משך פון דער גאַנצער צייט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויף קיין אַנדערן נישט געלעגן אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ריכטיקער פּרינציפּיעלער שטעלונג פון אונזער אָרגאַני־זאַציע ווי אויף אים. ווי אַ וועכטער, באַוואָפנט מיט אומקאָמפּראָ־מיסלעכער אויסגעהאַלטנקייט און מיט אַ שאַרפער, ליידנשאַפטלעכער פען, האָט ער נישט געשאַנעוועט נישט נאָר אונזערע אָפענע שונאים, נאָר אויך מילדע, שוואַכע קעגנערס, און האָט נישט געדולדעט די קלענסטע אָפּווייכונג פון אונזער אָפיציעלער ליניע. ווען עס פלעגט קומען צו פאַרטיידיקן אונזערע פּרינציפּן, אונזער „אָרטאָדאָקסאַליש־קייט", די בונדישע גאַנצקייט, פלעגט ער ווערן האַרט ווי גראַניט. קיין שום זייטיקע אומשטענדן פלעגן נישט קענען אים באַוועגן אָפּצו־טרעטן פון זיין שטעלונג.

איך געדענק, ווי נידערגעשלאָגן ער האָט זיך געפילט, ווען דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" — דאַמאָלט בלויז ער און אַרקאַ־די. אין מינסק — האָט נישט געהאַט דעם אויטאָריטעט צו צווינגען דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אָקאָרשט געגרינדעטער רוס־לענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נישט צו דרוקן דעם צרהדיקן מאַניפעסט, וואָס פּיאָטר סטרואווע האָט אָנגעשריבן. צוויי מאָל האָבן זיי אים צוריקגעשיקט דעם פּראָיעקט פאַר ענדע־רונגען און פאַרבעסערונגען און סוף־כל־סוף געמוזט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, נישט קענענדיק זיך דערשלאָגן אַ באַפרידיקנדיקע פאָר־מולירונג פון די פּרינציפּן און אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי.

איך געדענק ווייטער, וואָס פאַר אַ גאַב קאָפּעלזאָן האָט געקראָגן פון קאָסאָווסקין, ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין קריטיק — צוליב ריין פּראַקטישע מאָטיוון — פון אַן אַרטיקל קעגן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ווען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך געגרינדעט, האָבן אַ סך סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין אויסלאַנד אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צום „בונד", און אפילו געהאָלפן אים מאַטעריעל. קאָפּעלזאָן האָט געהאַט מורא, אַז יענער

פיאָנערן און בויער

אַרטיקל וועט אָפּפרעמדן זיי פון אונז און וועט ברענגען אונזער קאַסע אַ פינאַנציעלן שאָדן.

מאַרוסיאַ ריינעס, ווען זי איז צוגעשטאַנען צום „בונד״, האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַרן 9טן נומער „אידישער אַרבעטער״. דער אַרטיקל איז געווען גוט, אָבער נישט אין גאַנצן אויסגעהאַלטן פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט. זי איז געווען זשיטלאָווסקיס אַ שוועסטערקינד, און האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפונען אונטערן איינפלוס פון זיין סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע און פון נאַציאָנאַליזם, און דאָס האָט זיך אַ טראָפּיטשקע געלאָזט מערקן אין איר אַרטיקל. מיר אַלע האָבן געטראַכט, אַז טראָץ די פעלערן וואָלט דער אַרטיקל מיט אַ געהעריקער רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג געקענט זיין אָפּגעדרוקט, ווייל ער איז טאַקע געווען אינטערעסאַנט. אָבער קאָסאָווסקי האָט געטראַכט אַנדערש. „אַן אַרטיקל, האָט ער געזאָגט, וואָס נויטיקט זיך אין אַ פּרינציפּיעלער אָפּגרענצונג־דערקלערונג מצד דער רעדאַקציע, קען נישט זיין גוט און פּאַסט נישט פאַרן „אידישן אַרבעטער״. און דער אַרטיקל האָט קיין מאָל נישט דערזען די וועלט...

יונה קאָיגען, אַליין אַ מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״, האָט צוויי מאָל פאַנאַנדערגעשיקט צו די איבעריקע מיטגלידער בריוו מיט אַ שאַרפן „פּראָטעסט״ קעגן די „לעניניסטע דיקטאַטאָרישע מעטאָדן״ פון קאָסאָווסקין. די איראָניע פון דעם איז, וואָס וולאַדימיר האָט נישט געוואָלט דרוקן זיינע אַרטיקלען טאַקע דערפאַר, ווייל אין זיי האָט קאָיגען שוין צו אָפן קאָקעטירט מיט לענינען און זיינע באָלשעוויקעס...

דער „בונד״ איז געווען באַגליקט מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע פון באַגאַבטע פירער, אויסגעצייכנטע רעדנער, גוטע שרייבער. זיי האָבן געבילדעט זיין „שטורעם־מחנה״, וואָס האָט פאַרטיידיקט זיין עקזיסטענץ און זיינע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. זיי האָבן מיט גרויס טאַלאַנט און געשיקטקייט געקעמפט קעגן זיינע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים. אין אָט־דער אַרבעט איז קאָסאָווסקי, אָן צווייפל — געווען דער קאָנסעקווענטסטער און אויסגעהאַלטנסטער. קיין מאָל נישט פאַרלאָזן די בונדישע שיף, קיין מאָל זיך נישט פאַר־

דזשאָן מילל

קירעווען אויף וועגן, וואָס האָבן געפירט אין אַן אַנדער ריכטונג. אין דער פּאַרטיידיקונג און אַנגריף־מלחמה, וואָס דעם „בונד" איז באַשערט געווען צו פירן, האָט קאָסאָווסקי געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן, ספּעציעל, אין דער פּרעסע. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָ־גראַם פון „בונד" און זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָדערונגען זיינען באַגרינדעט און פאַרטיידיקט געוואָרן פון אים מער ווי פון וועמען נישט איז אַנדערש. די אומשטענדן האָבן געבראַכט דערצו, אַז כמעט די גאַנצע משא פון קאַמף אין דער פּרעסע קעגן די ציוניסטן פון אַלע מינים, קעגן דער אידעאָלאָגיע און דער טאַקטיק פון די סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, קעגן די פּרעטענזיעס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און קעגן די אַסימילאַטאָרישע און פּאַר־טיי־„אימפּעריאַליסטישע" טענדענצן פון דער „איסקראַ" און שפּע־טער פון די באָלשעוויקעס איז געלעגן אויף קאָסאָווסקיס פּלייצעס. נישט אומזיסט זיינען אַלע פיילן פון די קעגנער געצילט געווען קעגן אים.

ווידער ציוריך. טיכווינסקי. בורצעוו. לוקסעמבורג וועגן דער ווילנער קאָנפערענץ. מאַרכלעווסקי

אין גאַנצן האָב איך דורך יענעם זומער פאַרבראַכט אין ווילנע אַ פּאָר חדשים, אָבער ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין ציוריך, האָב איך געפילט, אַז אין מיר איז פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג. איז דאָס געווען די ווירקונג פון דער קאָנפערענץ, פון די „דיסקוסיעס”, אָדער אַ קנאה צו דער רירעוודיקייט און אַרבעטזאַמקייט פון פון די נייע עלעמענטן אין דער באַוועגונג, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט די אַזוי גערופענע „האַלב־אינטעליגענטן”? איך האָב פאַרלאָרן יעדן אינטערעס צום אוניווערזיטעט און מיט אומצופרידנקייט און אומגעדולד האָב איך געטראַכט וועגן די לאַנגע ניין חדשים, וואָס איך וועל נאָך דאַרפן פאַרברענגען אין זיינע ווענט. עס איז רייף געוואָרן ביי מיר די אַנטשיידונג זיך צו באַזעצן אין וואַרשע נאָך דעם ווי איך וועל ווי־עס־איז דורכשטופּן נאָך צוויי סעמעסטערן אין אוניווערזיטעט.

אונזער גרופּע האָט צוגעקראָגן נאָך עטלעכע מיטגלידער, נייאָנגעקומענע סטודענטן פון רוסלאַנד. צווישן זיי איז אויך געווען דער סטודענט פון פּאָליטעכניקום, טיכווינסקי. איך דערמאָן דאָ זיין נאָמען, ווייל מיט 23 אָדער 24 יאָר שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים דערשאָסן. ווי אַזוי, פאַר וועלכע חטאים, האָב איך קיין מאָל נישט געקענט אויסגעפינען. ווען מען האָט אים געטויט, איז ער שוין געווען אַ באַוואוסטער פּראָפעסאָר פון כעמיע. אין ציוריך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַשיידענעם יונגנמאַן, מיט אַ רואיקן, נישט אַגרעסיוון און געוויס נישט אַ רעבעלישן כאַראַקטער, פאַרטיפט מערסטנטיילס, און דער עיקר, אין ריין וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען און נישט אין פּאָליטיק. פּאָליטיק, ווי מען האָט געקענט אורטיילן, איז פאַר אים

דזשאָן מילל

געווען אַ זייטיקע זאַך. נאַטירלעך, 23 יאָר איז אַ לאַנגע צייט און מענטשן קענען אין משך פון אַזאַ צייט אַ סך זיך ענדערן, אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אַז די אָפּאָזיציע פון טיכווינסקין צו די באַל־שעוויקעס האָט געקענט דערגרייכן אַזאַ שטופע, אַז מען האָט גע־דאַרפט אים פאַר איר דערשיסן.

צווישן אונז, סטודענטן האָט זיך דאַן אויך אַרומגעדרייט אַ פּאָליטישער עמיגראַנט וואָס פלעגט זיך וואַרפן אין די אויגן מיט זיין אויסזען און דורך זיינע „בליץ״־באַוועגונגען. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט און מען האָט געקענט אים טרעפן אויף אַלע פאַרזאַמלונגען ווי וויכטיק אָדער אומוויכטיק זיי זאָלן נישט זיין, אויף ספּעציפיש סטודענטישע און אויף אַלגעמיין־פּאָליטי־שע. רעכטס און לינקס האָט ער געפרעדיקט איין זאַך: צאַרן־מאָרד. דאָס איז געווען זיין אידייע־פיקס און צוליב איר פלעגט ער אומע־טום — אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייצאַריע — קומען אין צו־זאַמענשטויסן מיט דער באַטרעפנדער פּאָליצייאישער מאַכט. ער פלעגט אָפּט אַריינקומען צו מיר נאָך נייעסן וועגן אַרעסטן און הויז־זוכונגען אין ווילנע און די אַרומיקע שטעט. די נייעס פלעגט ער אָפּ־דרוקן אין אַ ספּעציעלער כראָניק פון אַ מאַגערער צייטשריפט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. און ווען איך האָב קיינע אַזעלכע נייעסן נישט געהאַט, איז ער פשוט געווען אומצופרידן — כאָטש גיי און בעט גאָט, אַז די ווילנער זשאַנדאַרמען זאָלן אימיצן אַרעסטירן בכדי צופרידנצושטעלן בורצעוון. יאָ, דאָס איז טאַקע געווען ער, בור־צעוו, דער צוקונפטיקער שערלאָק האָלמס פון דער רעוואָלוציאָנער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

עס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז איך זאָל באַלד נאָך מיין צוריקקער זיך זען מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און גראָזאָווסקין. דער געשפרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיי, איז געווען אַן אומאָנ־גענעמער, און אַ פיינלעכער און האָט שיעור נישט געבראַכט צו אַ קריגעריי. שולדיק אין דעם איז געווען... די ווילנער קאָנפערענץ.

איך לאָז אַן אַ זייט זייערע נאַרישע וויצן וועגן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ, אָבער זייער בייזע קריטיק איז געווען געווענדט קעגן איר אַלגעמיינער שטעלונג, זיי האָבן זי געשטעמפּלט אַלס אַ

הונדערט־פּראָצענטיקן סעפּאַראַטיזם, אַלס אַ מין פּ. פּ. ס.'איזם אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס, אַלס אַ שריט, וואָס וועט לאָגישער־הייט דערנעענטערן אונז צו דער אידעאָלאָגיע פון דער קליין־בור־זשואַזיע. וואָס מיר באַדאַרפן, האָבן זיי געטענהט, איז נישט די אידישע שפּראַך און נישט באַזונדערע אידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס, נאָר די שפּראַך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און דאָס צונויפגיסן זיך מיט דער קריסטלעכער אַרבעטערשאַפט. יעדער אַנ־דערער וועג וועט אונז בלויז פאַרפירן אין אַ נאַציאָנאַליסטישן זומפּ.

און אינגאַנצן האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, ווען איך האָב זיי אין צוגאָב דערציילט, וואו עס האַלט מיט דער פּוילישער ס. ד. איך האָב זיי דערציילט, אַז אַלע יענע מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי האָבן אָנערקענט די ריכ־טיקייט פון איר טאַקטישער שטעלונג, נישט געקענט פונדעסטוועגן שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן אָרגאַנישער צוגעהעריקייט פון פּוילן צו רוסלאַנד. עס האָט נאַטירלעך נישט געהאָלפן וואָס איך האָב דערמאָנט, אַז אייגנטלעך זיינען אויך פּלעכאַנאָוו און קאַוטסקי און ענגעלס (אין 1893), געשטאַנען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, און זיי האָבן עפנטלעך און קלאָר זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פריי, אומ־אָפּהענגיק פּוילן. אַלעמענס מיינונג איז געווען פאַלש, בלויז איר, לוקסעמבורגס, שטעלונג איז געווען די איינציק ריכטיקע....

מיר האָבן זיך צעשיידט אַנגעברוגזטע.

— — — — —

...אזוי ווי וואַרשע האָט געזאָלט זיין מיין נעקסטער עטאַפּ, האָב איך באַשלאָסן אויסצונוצן די פאַרבליבענע עטלעכע חדשים אין ציוריך זיך אַביסל מער צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין פּוילן, און ספּעציעל מיט דער געשיכטע פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך האָב נישט געוואָלט נאָכמאַכן יענע חברים פון ווילנע, וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע נישט צוגעגרייטערהייט, מיט פּאַרטיקע פאָרמולעס און מעטאָדן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט און מיט דער רוסישער שפּראַך — אין אַ שטאָט, וואָס האָט געהאַסט און באָיקאָטירט אַלץ, וואָס איז

דזשאָן מילל

געוועזן רוסיש. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז אַריבערטראָגן „ווילנע" קיין וואַרשע, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן, האָט געהייסן ליידן אַ פּויל־שטענדיקן דורכפאַל. בכדי צו האָבן אַ געוויסן דערפאָלג, האָב איך געטראַכט, מוז מען געפינען אַ וועג זיך איינצולעבן אין פּוילישן לעבן און זיין צוגעפּאַסט צום באָדן, וואו די אַרבעט דאַרף געפירט ווערן ביי גאַר פאַרשידענע באַדינגונגען.

ציוריך איז געווען אַ גינסטיק פּלאַץ פאַר אַזאַ צוגרייטונג. דאָ האָב איך לייכט געקענט קריגן די נויטיקע ליטעראַטור און דאָ בין איך גוט געווען באַקאַנט מיט עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט צו העלפן אין מיין אויפגאַבע. באַזונדערס מוז איך דאָ פאַר־צייכענען יוליוש מאַרכלעווסקין („קאַרסקי") און זיין כלה, גוטמאַן.ביידע האָבן מיר געגעבן ווערטפולע אינפאָרמאַציע וועגן וואַרשע, וואָס האָט מיר שפּעטער אַ סך געהאָלפן זיך גרינגער און גיכער צו אָריענטירן אין די נייע פאַר מיר באַדינגונגען אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט. אויך האָבן זיי מיר צוגעזאָגט צו געבן רעקאָמענדאַציע־בריוו — גוטמאַן צו איר מוטער, מאַרכלעווסקי צו זיין מוטער און צו זיין שוועסטער מאַרטאַ.

מאַרכלעווסקי, אַ פּובליציסט און מיטאַרבעטער פון פּוילישע און דייטשע זשורנאַלן און צייטונגען, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ווען די לעצ־טע איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געוואָרן קאָמוניסטיש, האָט ער מיטגעמאַכט אָט די אַנטוויקלונג און זיך באַזעצט אין סאָוועט־רוס־לאַנד. אין דער צייט פון דער פּויליש־רוסישער מלחמה, 1920, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען נישט ווייט פון וואַרשע, האָט מאַרכלעווסקי צוזאַמען מיט דזיערזשינסקין און פעליקס קאָן, אַלס צוקונפטיקע קאָמיסאַרן פאַר פּוילן, איינגעאָרדנט זייער הויפּט־קוואַרטיר אין ביאַליסטאָק, אָבער זייער האָפענונג צו הערשן איבער פּוילן און אַלע פּלענער וועלכע זיינען מיט דעם געווען פאַרבונדן, זיינען צערונען געוואָרן צוזאַמען מיט דער מפּלה פון גענעראַל בודיאָני און זיין חיל.

פיאָנערן און בויער

צוריק אַהיים

„געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער״! — איך בין פאַרטיק מיטן אוניווערזיטעט, מיט ציוריך, מיט אויסלאַנד. איך קלייב זיך צוריק אַהיים. דער ציוריכער איבעררייס איז נישט געווען פאַרלוירענע צייט און מי. ער האָט מיר געגעבן וואָס איך האָב דערוואַרט בשעת איך האָב פאַרלאָזן ווילנע, אומגעפער צוויי יאָר צוריק: מער בילדונג, באַקאַנטשאַפט מיטן מערב־אייראָפּייאישן לעבן, בעסערע פאַרשטענדעניש פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט אפשר מיר געגעבן מער ווי איך האָב דערוואַרט: אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אָבער צוויי יאָר איז געווען איבער גענוג. איך האָב מורא געהאַט, אַז ביי אַ לענגערן אויפהאַלט אין ציוריך זאָל איך נישט ווערן ביסלעכוויז אָפּגעריסן פון דער היים און פון אונזער „פאַמיליע״ אין ווילנע.

מיין וועג האָט ווידער געפירט דורך בערלין. עס האָט מיר געגליקט: גראָד דאַן איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון קוילן־גרעבער. די פאַרהאַנדלונגען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָנגרעס — דאָס איז געווען ניי פאַר מיר און עס האָט מיך געפרייט, וואָס איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט זיי נאָכפאָלגן. אמת, אין ציוריך, אין 1893 האָב איך אַ שמעק געטאָן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, אָבער דאָס איז טאַקע געווען מער נישט ווי אַ שמעק, ווייל איך בין געקומען בלויז צו דער לעצטער שעה פון דער דער לעצטער זיצונג. איצטער אין בערלין האָט אַלץ אויף מיר געמאַכט אַ רושם. די פאַרהאַנדלונגען אויף דריי שפּראַכן — דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש —, דער געמישטער עולם דעלעגאַטן — בעלגיער, פראַנצויזן, ענגלענדער, דייטשן, עסטרייכער —, די חבריש אָנגענומענע באַשלוסן, — צי איז

דזשאַן מילל

דאָס נישט אַ קאָנקרעטער ביישפּיל פון אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלע־טאַרישער סאָלידאַרישקייט? איך האָב זיך געפונען אין אַ צופרידענער און כמעט באַגייסטערטער שטימונג. איך געדענק, ווי אויפן באַנקעט, וואָס די בערלינער אַרבעטער האָבן געגעבן פאַר די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס, האָט אַן ענגלענדער געהאַלטן אַ היציקע, זייער טעמפּעראַ־מענטפולע רעדע. איך האָב קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, אָבער אַזוי ווי דער גרויסער עולם האָט אים וואַרעם אַפּלאָדירט, האָב איך נאָכ־געפאָלגט זייער ביישפּיל און אויך אַפּלאָדירט. גיט מיר דער ווילנער סטודענט, קליאַטשקאָ, וואָס איז געזעסן נעבן מיר, אַ שטופּ אין זייט און פרעגט: „וואָס אַפּלאָדירט איר? איר פאַרשטייט דאָך נישט וואָס ער רעדט". — „אַ גאַסט אויף אַ באַנקעט, האָב איך געענטפערט, וואָס רעדט מיט אַזוי פיל באַשיינפּערלעכער הארציקייט און באַגייסטערונג, וועט דאָך נישט זאָגן עטוואָס שלעכטס"...

פון בערלין האָב איך מיטגענומען אַ גרויסע וואַליזע שווער אָנ־געלאָדן צווישן אירע צוויי דעקן מיט ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ שווערע משא קוים אויפצוהייבן. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע אי־דישע ביכלעך איז דער גאַנצער באַגאַזש באַשטאַנען פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבן און איז געווען באַשטימט, דער עיקר, פאַר רוסישע שטעט. איך האָב נישט געהאַט גענוג זאַכן אויסצופילן די פוסטע וואַליזע: אַן אַלטער מאַנטל, אַ קישן, אַ טשיי־ניק און אַ פּאָר קליינקייטן — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס האָט געזאָלט אָנפּאַקן דעם גרויסן טשעמאָדאַן. און ער האָט טאַקע אויס־געקוקט אַזוי פאַרדעכטיק, אַז איך בין געווען אַביסל נערוועז. אויפן גרענעץ, אין ווערזשבאָלאָווע, האָט דער טרעגער באַמערקט: „טיאַזשאָלי (אַ שווערער) טשעמאָדאַן", און אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „טיאַזשאָלי" אויסגעצויגענערהייט און מיט אַזאַ טאָן, אַז איך בין געווען זיכער, אַז ער האָט דערשמעקט עטוואָס טריפה'ס אין אים. צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג און צופרידנקייט איז אַלץ אַדורך בשלום. אין יענע יאָרן איז מען אויף דער גרענעץ נאָך נישט געווען געניט אין אַזעלכע זאַכן. מיט אַ פינף־זעקס יאָר שפּעטער וואָלט אַזאַ טשעמאָדאַן געוויס דורכגעפאַלן.

אַ יאָר פון גרויסע אויפטועו

ווילנע לעבט, ווילנע קאָכט! קיין מאָל פריער האָב איך נישט באַמערקט אַזאַ לעבעדיקייט צווישן די ברייטערע מאַסן און אַזאַ טיפע פאַראינטערעסירונג מיט נייע פּראָבלעמען, — אַלגעמיין פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע. דער צענטער איז געווען פאַרוואָרפן מיט פּאַרטיי־אַרבעט איבערן קאָפּ און זיינע מיטגלידער זיינען געווען שטאָלץ מיט די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס יאָר 1895 איז געווען רייך מיט זייער ווichטיקע געשעענישן. 500 אַרבעטער האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי. אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די אַרבעטער אויף עדעלשטיינס פּאַפּיראָסן־פאַבריק האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט, נישט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די בירגערלעכע עלעמענטן. אַ רייע פּאָפּולערע בראָשורן, גוט צוגעפּאַסט צו דעם קולטורעלן און פּאָליטישן ניוואָ פון דעם מאַסן־לייענער, זיינען דערשינען און האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע מיט אָפּצווייגונגען אין אַנדערע שטעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן לעגאַלע ליטעראַטור אויף אידיש. אַ קליינער כאַבאַר דעם צענזאָר האָט מעגלעך געמאַכט אָפּצודרוקן אַ צאָל נוצלעכע און גוטע ביכלעך. מאַרטאָווס רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 40 אַגיטאַטאָרן איז געווען פון ערשט־קלאַסיקער היסטאָרישער באַדייטונג. זי איז אין אמתן געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. זי האָט לאָגיש און איבערצייגנדיק אַנגעצייכנט די צוקונפטיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון די אידישע אַרבעטער, די נויטיקייט צו פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן. אין גרונט גענומען, איז מאַרטאָוו און זיין אידייען־גאַנג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אָט־דער רעדע, געווען אַ פאַרזעצונג פון די באַשלוסן פון דער ווילנער קאָנ־

דזשאַן מילל

פערענץ פון 1894. די אידייע פון אַ בונד פון די עקזיסטירנדיקע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָל האָבן אַ געוויסע זעלבסטשטענדיקייט אין דער צוקונפטיקער אַלגעמיינער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ספּעציעל ביים אויפשטעלן און לייזן פראַגן פון אידישן לעבן, האָט פּשוט געשוועבט אין דער לופטן. די קאָנפערענץ פון די ווילנער חברים צוזאַמען מיט די מינסקער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אומגעפער אין דער זעלבער צייט אין מינסק, האָט אויך געצילט אין דער זעלבער ריכטונג.

אַזוי ווי אין ווילנע איז געווען אַן איבערפלוס פון אינטעלי־גענטישע כחות און פון אַרבעטער פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן, האָט מען גענומען שטרעבן אויסצונוצן די מעגלעכקייט און אויסצו־שפּרייטן די אַרבעט איבער אַנדערע שטעט. אָבער דער „קאָלאָני־זירונג"־פּראָצעס איז בלויז טיילוויז געווען אַ פּועל־יוצא פון אָט דעם איבערפלוס. עס האָט אויך געווירקט דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז נויטיק אויף אויפצובויען נייע פעסטונגען פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. איינצלנע חברים און אפילו גאַנצע גרופּעס פּאָרן אָדער גרייטן זיך צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס, זשיטאָמיר און נאָך און נאָך. מען פאַרגעסט אויך נישט פּוילן, אין דער ערשטער ריי, וואַרשע. מיין באַשלוס זיך צו באַזעצן אין וואַרשע געפינט אַלעמענס צושטימונג. די בייטאַרינס, מאַריאַ זשאַלודסקאַיאַ און מערעלע גינזבורג און אויך לעאָן גאָלדמאַן, וואָס האָט אָקאָרשט געענדיקט די האַנטווערקער־שולע, שליסן זיך אָן און קומען קיין וואַרשע באַלד נאָך מיר. זשאַלודסקאַיאַ און גאָלדמאַן ריידן אַביסל פּויליש און דאָס גיט אַ האָפענונג, אַז אונזער קליינע חברה וועט זיך גרינגער איינגעבן דורכצופירן אונזער מיסיע אין דער נייער שטאָט, ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען.

עס הייבט זיך אָן דער וואַרשעווער פּעריאָד — אַ נייער עטאַפּ אין מיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

װאַרשע

איך אָרדן זיך איין

וואַרשע האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך.

מענטשן, וועמען דער גורל פאַרוואַרפט אין אַן אומבאַקאַנטע — גרויסע שטאָט, אין אַ פרעמדע סביבה, — פרעמד אין שפּראַך, קולטור, לעבנסשטייגער — פילן זיך געוויינלעך אַ געוויסע צייט איינזאַם און פאַרלוירן. נאָר פּאַמעלעך ווערן זיי צוגעוואוינט צו דעם נייעם אַרום און צו די נייע מענטשן און אויך נאָר פּאַמעלעך ווערן זיי אַריינגעצויגן אין שטראָם פון פאַרשידנאַרטיקע ניי־אויפגעשוואומענע אינטערעסן און שטרעבונגען.

איך האָב נישט געדאַרפט דורכמאַכן אָט דעם לאַנגזאַמען פּראָצעס. כמעט תיכף ווי איך האָב זיך באַזעצט אין וואַרשע, האָב איך אָנ־געהויבן צו אָטעמען מיט איר לופט און לעבן, פּערזענלעך און גע־זעלשאַפטלעך בין איך אין גאַר אַ קורצער צייט געוואָרן אירס אַ קינד.

איך האָב זיך איינגעאָרדנט באַקוועם און אָנגענעם אין אַ ליב־לעכער פּוילישער פאַמיליע, צו וועלכער איך האָב געקראָגן אַ האַר־ציקע רעקאָמענדאַציע פון מיינע פּוילישע פריינט אין ווילנע. נישט לאַנג האָב איך ביי זיי געוואוינט, און עס האָט מיר באמת ווייי געטאָן זיי צו פאַרלאָזן. די דאָזיקע געגיערדס האָבן מיר אָנגעבאָטן צו זיין ביי זיי אַ לערער פון זייער פּלימעניצע, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי און וואָס איז געווען אַ שילערין פון אַן אַרטיקער מיטלשול. אויך האָבן זיי מיר פאַרגעשלאָגן זיך אַריבערצוקלייבן אין זייער דירה, וואו זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר מיר אַ שיינעם און גערוימען צימער.

דער אָנבאָט האָט באַדייט זייער פיל פאַר מיר. אָננעמען אים האָט געמיינט קריגן אַלע שאַנסן אויף לאַנג פּטור צו ווערן פון יעדער מאַטעריעלער זאָרג. האָב איך נאַטירלעך זיך אַליין אַן אים אָנגע־כאַפּט. דריי יאָר נאָכאַנאַנד — ביזן ערשטן גרויסן דורכפאַל פון „בונד“ — האָב איך געוואוינט אויף יענער דירה, אין מאַטעריעלער

זאָרגלאָזיקייט און פאַרהעלטניסמעסיק פּאָליציייאישער זיכערקייט. ווייל דאָס איז געווען אַ רייכע, אַריסטאָקראַטישע הויז, וואוהין עס פלעגן אָפט אַריינקומען מענטשן פון דער „העכערער" פּוילישער געזעלשאַפט און אפילו אַ פּאָר גענעראַלן פון פּוילישער אָפּשטאַמונג. — און אַזאַ סביבה איז דאָך אין די אויגן פון דער פּאָליציי געווען די בעסטע צייגעניש פון פּאָליטישער לאָיאַלקייט און פאַרלאָזלעכקייט. דאָס הויז, מאַרשאַלקאָווסקאַ 76, איז ערב דער איצטיקער מלחמה געווען אָפּגעלאָזן, אַלט, שמוציק, — אַ גרויע געביידע ווי אַלע אַרומיקע געביידעס, אָבער דאַמאָלט, מיט 50 יאָר צוריק, איז זי געווען איינע פון די שענסטע אין יענער שיטער־באַוואוינטער געגנט. אַ רייכער אימפּאָנירנדיקער אַריינגאַנג, ברייטע טרעפּ באַצירט מיט מירמל־שטיין־סטאַטועס, אַלץ אַרום איינדרוקספול און עלעגאַנט. ווען מיינע באַזוכער פלעגן קומען צו מיר דאָס ערשטע מאָל, פלעגן זיי אָפט אומאַנטשלאָסן און אומזיכער אָנקלאַפּן אין טיר, נישט גלויבנדיק, אַז דאָס איז מיין וואוינונג. איזביצקי (בייניש מיכאַלעוויטש), ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל פון ברעסט־ליטאָווסק נאָך ליי־טעראַטור, איז צוויי מאָל אַרויפגעגאַנגען און אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּ אײדער ער האָט ביי זיך געפּועלט אריינצוגיין צו מיר. באַ־נעוואור, וואָס איז געקומען אין אַ שליחות פון ווילנע, האָט דאָס געטאָן דריי מאָל, און אפילו געוואָלט אָנפרעגן די ווילנער חברים צי זיי האָבן אים געגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס. די אויסערלעכע צייכנס פון רייכטום, סאָלידקייט און פון נישט אינטערעסירן זיך מיט פּאָ־ליטיק פון די באַלעבאַטים פון מיין דירה האָבן געשאַפן ביי מיר אַ האָפענונג, אַז איך וועל אַ לאַנגע צייט האָבן די מעגלעכקייט צו זיין טעטיק אין דער באַוועגונג אָן דער סכנה אריינצופאַלן.

די אַלטע פערזענלעכע פראַגע: „וואָס ווייטער? האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר מיר. די אויסזיכט אייביק צו פאַרבלייבן אַ פּריוואַטער לערער האָט מיר נישט געשמעקט. גראַד האָט זיך געטראָפן, אַז די ווילנער צאָן־אַרצט שול איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע. איך האָב באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין איר — פּאַרט אַ פּראָפעסיע אין דער צוקונפט און אַ מעגלעכע מאַטעריעלע זעלבסט־שטענדיקייט. אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך מיין פּלאַן מיט גאָרנישט.

פיאָנערן און בויער

נאָך אַ גאַנצן יאָר שטודירן און נאָך דעם, ווי איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויפן צווייטן קורס, בין איך פון דער שולע אַרויסגעטרעטן. צו יענער צייט בין איך שוין אַזוי שטאַרק געווען אַריינגעצויגן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און דער נערוועזער לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער האָט אַזוי פיל געשטערט, אַז נישט איך האָב געהאַט גענוג צייט און נישט איך האָב פאַרמאָגט די נויטיקע געדולד אָפּצוגעבן זיך מיטן שטודירן אויף אַ צאָן־דאָקטאָר.

יאָ, די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט! אויף דעם געביט איז מיין איינלעבן זיך אין דער וואַרשעווער סביבה געגאַנגען פאָראויס מיט גרויסע און האַסטיקע שריט. קיין איינציקער טאָג איז נישט אַוועק נוצלאָז אָדער פאַרנאַכלעסיקט. עטלעכע אומשטענדן האָבן צוגעהאָלפן, אַז דער באָדן זאָל זיין גינסטיק פאַר אונזער טעטיקייט. אָן ספּעציעלער אָנשטרענגונג און זוכעניש, אָן גרויסע שוועריקייטן, האָט זיך אונז איינגעגעבן תיכף צו געווינען אַ צוטריט צו די אידישע אַרבעטער און אויסצואיבן אַ באַדייטנדיקע השפעה אויף אַלץ ברייטערע און ברייטערע מאַסן. דער געלונגענער אָנהייב איז געווען אַ גוטער אָנזאָג אויף וויטערע דערפאָלגן.

דער אָנהייב פון אַ באַוועגונג. פּייסאַכזאָן און זיין גרופּע. צביה הורוויטש

די גרינגקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך אונז, די ווילנער פּיאָנערן אין וואַרשע, איינגעגעבן אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט אַרבעטער פון פאַרשידענע האַנדווערקער פאַכן און פון עטלעכע פאַבריקן, און אויפהייבן דאָס, וואָס מען קען אָנרופן אַ באַוועגונג, איז טיילווייז געווען צו פאַרדאַנקען אונזער באַקאַנטשאַפט מיט יצחק פּייסאַכזאָן („מאָטעלע") און צביה הורוויטש.

אין קאָנגרעס־פּוילן האָט פאַר דער גרינדונג פון „בונד" קיין אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אמתן זין פון וואָרט נישט עקזיס־טירט. עס זיינען נאָר געווען עלעמענטן פון דער צוקונפטיקער באַ־וועגונג — אַביסל דאָ, אַביסל דאָרטן, אָדער ריכטיקער — אַ פּאָר דאָ און אַ פּאָר דאָרטן. וואַרשע איז אין אַ געוויסן פּרט געווען אַן אויסנאַם. אָבער אפילו דאָ האָט דאָס אָרגאַניזירן די אַרבעטער, דאָס פירן זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, ווי אויך די סאָציאַ־ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן זיי, אָנגענומען די פאָרם פון אַ באַוועגונג בלויז אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי מיר, די ווילנער, האָבן זיך דאָ באַזעצט.

די ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט אויף דער אידישער גאַס אין וואַרשע די בשורה פון סאָציאַליזם, זיינען געווען עטלעכע סטודענטן פון אוניווערזיטעט, וואָס זיינען געקומען פון ווילנע אַרום דעם יאָר 1890־1891. דאָס זיינען געווען ישראל פּעסקין, יאַשע וויטקינד, אַלבערט זאַלקינד („סיביריאַק"), יונה אַנטאָקאָלסקי. אויך זאַלקינדס שוועסטער ראָזאַ און צוויי אַרבעטערינס, העלענע גערשאַנאָוויטש, אַ קאָרסעטן־מאַכערין, און נאָוואָפּלאַנסקאַ, אַ שניידערין. אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור און פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און גרופּעס, אָפּגעריסן פון

פיאָנערן און בויער

אַרטיקן לעבן, אָן אַ צוטריט צו די פויליש־אידישע אַרבעטער, האָבן זיי נישט געקענט האָבן קיין שום דערפאָלג. און ווען מען האָט זיי אַלעמען באַלד אַרעסטירט, איז פון זייער גאַנצער אַרבעט כמעט גאָרנישט פאַרבליבן. שפּעטער איז קיין וואַרשע געקומען קאַפּעלזאָן, אָבער אויך ער האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן און נאָך דעם, ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע.

אַ פּאָר יאָר איז דאָ אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס געווען כמעט טויט. איך זאָג „כמעט", ווייל אַ גאַנץ קליינע גרופּע אַרבעטער און תלמידים פון פּאָזנאַנסקיס האַנטווערקער שולע (שקאָלאַ זשעמ־יעסלניטשאַ") מיט פּייסאַכזאָנען אַלס פירער, האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי זיינען געווען בכוח, כדי אַריינצוברענגען אַ ביסל לעבן. אין 1894 האָבן זיי אפילו אַרויסגעגעבן אַ מאַי־אויפרוף אין 150 עק־זעמפּליאַרן. אָנגעשריבן איז ער געווען פון איינעם פּאַטערזאָן; אי־בערזעצט אויף אידיש און העקטאָגראַפירט — פון פּייסאַכזאָנען.

געבוירן אין 1876 אין שטעטל שקלאָוו, מאָהילעווער גובערניע, האָט פּייסאַכזאָן, נאָך אַלס זייער אַ יונגער בחור זיך באַזעצט אין וואַרשע. דאָ איז ער, אונטערן איינפלוס פון די אויבנדערמאָנטע ווילנער סטודענטן, פון איין זייט, און פון דער פאַרהעלטניסמעסיק רייכער פּוילישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, פון דער אַנדערער זייט, געוואָרן אַ סאָציאַליסט און האָט גאַנץ זעלבסטשטענדיק אָנגע־הויבן צו פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידישע אַר־בעטער. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון סימפּאַטישע און איבערגעגעבענע אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן. אָבער פּייסאַכזאָן מיט זיין גרופּע, אָן דערפאַרונג און אָן דער נויטי־קער פּראַקטישער און טעאָרעטישער צוגרייטונג, האָבן קיין סך נישט געקענט אויפטאָן און זייער דערפאָלג איז געווען קליין. ווען מיר, די ווילנער, זיינען צוגעטראָטן צו אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט, האָט זיך פונדעסטוועגן, אַרויסגעוויזן, אַז די גרופּע איז געווען אַ טייערע הילף און פון זייער אַ גרויסן נוצן, און זי האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן. אַ דאַנק איר, איז אונז געגעבן געוואָרן די מעגלעכ־קייט גלייך צו געפינען פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען און אַריינצו־

דזשאַן מילל

דריגגען אין אַ היפּש ביסל פּאַכן, וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אונזער אויפגאַבע איז פאַרגרינגערט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס די מיטגלידער פון דער גרופּע, האָבן זיך מער און מער צוגעהערט צו אונזער וואָרט און זיך דערנענטערט צו אונז. מצד אונז איז דאָס נישט געווען קיין „קאָנקורענץ" לגבי דער אַרבעט וואָס עס האָט אָנ־געפירט פּייסאַכזאָן. אונזער פּראָגראַם און טאַקטיק, דער גאַנצער פאַרנעם און כאַראַקטער פון אונזער אַרבעט האָבן אָפּעלירט צו זיי.

נישט קיין קליינע הילף האָבן מיר געפונען אויך ביי צביה הורוויטש, אַ זעמשערקע פון ווילנע, וואָס איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע מיט אַ יאָר פריער פאַר אונז. זי איז געווען אַן ערנסטע און קלוגע אַרבעטערין, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם פּראָפּאַגאַנדע פּעריאָד אין ווילנע און האָט, הייסט עס, געהאַט אַ געוויסע געניט־שאַפט אויפן געביט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט געקוקט אויף די אַלע פּאַסיקע אייגנשאַפטן, האָט זיך איר, אין משך פון דעם יאָר איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן בלויז אַ שוואַכע גרופּע אַרבעטער און אַרבעטערינס — אַ פּאָר שניידערס, אַ הענטשקע־מאַכערין, צוויי נייטאָרינס און נאָך אימיצן. טראָץ דער שוואַכקייט פון איר גרופּע, האָט צביה, צוליב די זעלבע סיבות וואָס פּייסאַכזאָן און זיין גרופּע, זייער פיל געהאָלפן אונז צו פאַרשפּרייטן אונזער טעטיקייט. זי איז אַריין אין אונזער קאָמיטעט און באַלד געוואָרן אַ זייער אָנגעזעענע טוערין. זי האָט גענומען אַן אָנטייל אין אַלע צווייגן פון דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. לײדער, איז זי אַרעסטירט געוואָרן (אין 1896), גראָד אין דער צייט, ווען אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן מיט אַ גיכקייט, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע אונזערע דערוואַרטונגען און האָפענונגען. זי איז אָוועקגעשיקט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער תפיסה. זי איז צוריק באַפרייט געוואָרן ערשט אַ פּאָר חדשים פאַר דער גרינדונג פון „בונד" — זי איז דאַמאָלסט צוריקגעקומען קיין וואַרשע, וואו זי האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

מיט די דאָזיקע פאַרבינדונגען הייבט זיך אָן דאָס, וואָס מען קען אָנרופן אַ אידישע אַרבעטער באַוועגונג אין וואַרשע. אין אַ קורצער צייט האָבן מיר שוין געהאַט אַ פּאָר הונדערט פּאָליטיש אָר־

א. ליטוואַק
(1932—1876)

צביה הורוויטש

ביניש מיכאַלעוויטש
(1928—1867)

יצחק פּייסאַכזאָן
(דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס
אין עלטער פון עטלעכע און זיבעציק
יאָר דעם 1טן אויג. 1943, אין בענדין,
ווען ער האָט עפנטלעך גערופן די
דעפּאָרטירטע אידן צום ווידערשטאַנד)

אַ גרופּע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד"
רעכטס צו לינקס: דזשאַן מילל, גלעב־מיטניקאָוויטש, מ. ווינאָקור, גאזשאנסקי (לנו)

דאָס הויז אין ווילנע, לוקישקער געסל, וואו עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד"

פיאָנערן און בויער

גאָניזירטע אַרבעטער און עטלעכע געהיימע פּראָפּעסיאָנעלע אָרגאַ־
ניזאַציעס מיט הונדערטער מיטגלידער. דאָס פאַרשפּרייטן אויפרופן
און בראָשורן אין אַ גרויסער צאָל איז געוואָרן אַן אָפּטע דערשיי־
נונג. אידישע פּראָקלאַמאַציעס מיט אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן
אינהאַלט — דאָס איז געווען אין גאַנצן אַ נייעס אויף דער אידישער
גאַס און זיי האָבן אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבלעכן אינטערעס. או־
מעטום צווישן די אַרבעטער און סתם צווישן איינוואוינער פון דער
אידישער געגנט האָט מען זייער פיל גערעדט וועגן זיי. די אַל־
געמיינע מיינונג פון יענער צייט, וואָס האָט געהערשט אין די
אידישע סאָציאַליסטישע רייען, אַז אַ ריין פּאָליטישע אַגיטאַציע
וועט אָפּשרעקן די מאַסן, האָט זיך דאָ באַזונדערס אַרויסגעוויזן פאַר
נישט ריכטיק, דער עיקר בנוגע וואַרשע. אדרבא, עס האָט זיך
באַשטעטיקט די מיינונג, אַז עס איז נישט נויטיק גראַד דורכצוגיין
די סטאַדיע פון „עקאָנאָמיזם”, כדי צו געפינען אַ פאַרשטענדעניש
פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע און אַ ווילן פאַרן פּאָליטישן קאַמף.
באַטש קולטורעל זיינען די וואַרשעווער פּאָלקסמענטשן געשטאַנען
נידעריקער פאַר די פּאָלקסמענטשן פון ווילנע, זיינען זיי אָבער
פּאָליטיש געווען אַ סך־אַ סך צוגענגלעכער. אפשר דאָס גרויס־
שטאָטישע לעבן און אפשר די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון
וואַרשע האָבן דאָ געהאַט וואָס צו זאָגן.

אגב אורחא, אַלע אונזערע אויפרופן, ווי די פּראָפּעסיאָנעלע,
אַזוי אויך די פּאָליטישע, פון דער גאַנצער צייט פון מיין אויפהאַלט
אין וואַרשע, זיינען געווען געשריבן פון מיר. אויך דער אויפרוף
וועגן די ימים־נוראים, וואָס איז דורך אַ פאַרזען צוגעשריבן געווען
צו פּייסאַכזאָנען. איך האָב אים אָנגעשריבן אויף רוסיש און אָוועק־
געשיקט קיין ווילנע צו איבערזעצן אויף אידיש. דער איבערזעצער
איז געווען איליאַ ראָזענבערג. פון אונטער זיינע הענט איז די
פּראָקלאַמאַציע אַרויס אַ פאַרבעסערטע און אַ מער פּאָלקסטימלעכע,
מער צוגעפּאַסט צו דעם גייסט פון דעם יום־טוב. מיטן אויסנאַם
פון צוויי געדרוקטע אויפרופן זיינען אַלע איבעריקע געווען העקטאָ־
גראַפירט. דער ערשטער מאַי אויפרוף אין 1897 איז געווען אָפּ־
געדרוקט אין לאָנדאָן, דער צווייטער אויפרוף — אַן אַלגעמיין פּאָ־

דזשאָן מילל

ליטישע איבערזיכט — אין דער דרוקעריי פון „בונד" אין באָברויסק, צום סוף מאַי, 1898. כאָטש דער מאַי אויפרוף איז געווען שרעקלעך פאַרקריפּלט אין דרוק, האָט אויך אונזער ווילנער אָרגאַניזאַציע אים פאַרשפּרייט, און ער איז אפילו געווען איבערגעדרוקט אין „אידישן אַרבעטער" נומער 4-5.

אַלע אויפרופן, וואָס זיינען דערשינען ביז דער צייט, ווען די אידישע סעקציע פון פּ. פּ. ס. איז צוגעשטאַנען צו אונז, זיינען געווען געצייכנט: „דער אידישער אַרבעטער־פאַראיין אין וואַרשע", אין צייט פון אונזער צוזאַמענאַרבעטן: „דער אידישער אַרבעטער־בונד אין פוילן" און ווען מיר האָבן זיך צעשיידט: „דער אידישער אַרבעטער בונד אין וואַרשע".

אַ דוחק אין אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. הילף פון פּאָליאַקן. מאַרכלעווסקים משפּחה

מען טאָר נישט איבערטרייבן: נישט אַלץ איז צוגעגאַנגען גאָר גלאַט, מיר האָבן אין אונזער טעטיקייט שוין פון אָנהייב אָן געהאַט געוויסע שטערונגען: איינע פון די שוואַכע זייטן פון אונזער אָרגאַניזאַציע, למשל, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן לחלוטין נישט געהאַט קיין אינטעליגענטישע כחות. יעדע קאָנספּי־ראַטיווע, יעדע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אין צאַרישן רוס־לאַנד האָט זיך געניטיקט אין אַ פּעריפערייע פון אינטעליגענטן נישט נאָר צוליב מאַטעריעלער הילף, נאָר דער עיקר צוליב פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע און טעכניש־קאָנספּיראַטיווע צוועקן. אין וואַרשע האָבן מיר נישט געקענט אַריינקריגן אַ אידישן אינטעליגענט אפילו אויף אַ רפואה. נאָך איידער מיר זיינען געקומען, האָבן דאָ געאַרבעט אַ גאַנצע רייע אידישע סאָציאַליסטן, ווי מוטערמילך, האַראַוויטש, סטאַניסלאַוו גאָלדבערג און נאָך — אַלע פּויליש אַסימילירטע אידן, וועלכע זיינען געשטאַנען ווייט פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע. פון זיי איז בלויז סטאַניסלאַוו גאָלדבערג, נאָך זיין צוריקקער פון פאַרשיקונג אין סיביר, צוגעשטאַנען צו דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און געוואָרן אירער אַ באַגייסטערטער אָנהענגער. אמת, אַרום 1896 האָבן זיך באַוויזן איינצלנע אינטעליגענטן און אינטעלי־גענטקעס פון דרום רוסלאַנד, אָבער קיין גרויסע פרייד האָבן זיי אונז נישט פאַרשאַפט. זיי האָבן, נאַטירלעך, נישט גערעדט פּויליש, זיך געהאַלטן פרעמד פון אָרטיקן לעבן, זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זייער באַנעמען זיך. זייער אַרבעט האָט געפעלט האַרץ און נשמה. אויף קאָנספּיראַטיווע אַרבעט האָבן זיי אין גאַנצן נישט גע־טויגט. אַ סך פון די אָנגעפאַרענע רוסיש־אידישע יונגע לייט האָבן אָנגעפילט די צאָן־אַרצטלעכע שולע. בלויז איין־איינציקע פּוילישע

דזשאָן מילל

מיידל האָט דאָרט שטודירט און צוויי רוסישע באַרמהאַרציקע שוועס־טער, אָבער זיי האָבן נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזן די שולע. די אי־בעריקע סטודענטן און סטודענטקעס זיינען אַלע געווען רוסישע אידן. מיר האָבן געפּרוּווט ווירקן אויך אויף זיי, פאַרשפּרייטנדיק סאָצי־אַליסטישע ליטעראַטור אין דער שולע. די פּאַרוואַלטערין, סאָניאַ פּימערין, און ערנסט פּריילין, מיט סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס, האָט אַביסל מיטגעהאָלפן, אָבער פיל זי אויסנוצן האָבן מיר נישט געקענט.

בלויז אַ הייפל פון דער פּויליש־אידישער אינטעליגענץ האָט געפּרוּווט זיך דערנעענטערן צו אונז, אָבער דאָס רוב האָבן זיך די פּרוּוון אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. איינער פון זיי איז געווען דער סטודענט עטינגער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפעסאָר אין דער „וושעכניצאַ" אין וואַרשע. צו דעם הייפל האָט געהערט אויך — פירסטנבערג („האַנעצקי"), וואָס האָט נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געשפּילט אַ גאַנץ אַנגעזעענע ראָלע ביי דער באָלשעוויס־טישער מאַכט און איז אַ לאַנגע צייט געווען דער סאָוועטישער אַמ־באַסאַדאָר אין ריגע, לעטלאַנד. אים און זיין שוועסטער האָב איך געגעבן צו קאָרעגירן די איבערזעצונג פון אויפרוף צו דער אידישער אינטעליגענץ. „אדעזווא דאָ אינטעליגענציאי זשידאָווסקי", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון פּ. ראָזענטאַל. פירסטנבערג איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַז ער האָט געוואָלט אפילו זיין פאָטער — אַן אייגנטימער פון אַ ביר־ברויז אין וואַרשע — פאַראינטערעסירן מיט אונזער באַוועגונג און צו דעם צוועק האָט ער מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט אים, אָבער נאָך אַ שמועס פון אַ פּאָר מינוט האָב איך איינגעזען, אַז עס איז געווען נישט גרינגער צו מאַכן פון אים אַ סאָציאַליסט, ווי פון מיר אַ קאַטוילישן גלח.

פאַר אונזער אומלעגאַלער ליטעראַטור האָבן מיר זיך געעני־טיקט אין ספּעציעלע מענטשן און אין פּאַסיקע קאָנספּיראַטיווע דירות. נאַטירלעך, אויב עס וואָלט קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען,וואָלטן מיר געמוזט איינאָרדענען אַ קאָנספּיראַטיווע דירה און אָוועקזעצן דאָרטן אימיצן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אָבער קיינער פון די, אויף וועמענס קאָנספּיראַציע־פייאיקייטן מען וואָלט

זיך געקענט פאַרלאָזן, איז נישט געווען באַגייסטערט פון געדאַנק צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ לעבעדיקן מת, ווערן אָפּגעריסן פון אַלעמען און פון אַלץ, פון חברים, פריינט און באַקאַנטע, אויפהערן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג. איך פלעג קריגן אַ סך ליטעראַטור, פריער פון ווילנע, נאָכדעם — ווען דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט — פון מינסק, וואו עס האָט זיך באַזעצט דער צענטראַלער קאָמיטעט, און דער עיקר פון אויסלאַנד. עס פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג קריגן פון אויסלאַנד צוויי־דעקיקע וואַליזעס יעדע וואָך, אַ מאָל נאָך אָפטער. דער גרעסטער טייל פון דער ליטע־ראַטור איז גאָרנישט געווען באַשטימט פאַר אונז, נאָר פאַר אַנדערע שטעט פון תחום און פאַר רוסלאַנד. היינט גיי געפין אַן אָרט, וואו צו האַלטן דאָס, וואו איבערצופּאַקן און פון וואַנען פאַנאַנ־דערצושיקן! נישט ווייניק קאָפּווייטיק האָט דאָס מיר פאַרשאַפט און נישט ווייניק שלאָפלאָזע נעכט איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען. אַ העלפנדיקע האַנט האָב איך געקראָגן — צוליב מיינע פאַר־בינדונגען צווישן פּאַליאַקן — ביי מענטשן, וואָס האָבן אפילו נישט גע־קענט לייענען דאָס, וואָס זיי פלעגן אין דער גרעסטער סכנה באַהאַלטן פאַר מיר. מער פאַר אַלעמען איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען מאַרכ־לעווסקיס מוטער און זיין שוועסטער מאַרטאַ און אויך צעלינאַ דאַוו־גיערד. דורך זיי האָב איך געקראָגן אַ צוטריט צו צוויי גאַר פאַרשידע־נע ספערן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. פרוי מאַרכלעווסקאַס הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע „ראַדיקאַלן" פון וואַרשע און דאָ האָב איך טאַקע געמאַכט אַ סך וויכטיקע באַקאַנטשאַפטן. איך האָב ביי זיי זיך באַקאַנט מיטן שפּעטערדיקן פּ. פּ. ס.׳ישן סענאַטאָר פּויזנער, מיט דעם שפּעטערדיקן מחבר פון בוך „ראָזוואָי קאַפּיטאַליזמו וו פּאָלסצע" („די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין פּוילן"), קאַשוטסקי מיט די צוויי שוועסטער יאַהאָלקאָווסקאַ, מיטן באַקאַנטן פירער פון „זוויאָנ־זעק", ביין, וואָס האָט זיך אָקאָרשט צוריקגעקערט פון פאַרשיקונג אין אַרכאַנגעלסק, מיטן פּראָפעסאָר הענריק, אויך מיט אַ מחנה סטו־דענטן און יוגנט בכלל. דורך רעקאָמענדאַציע פון אייניקע פון זיי האָט מען מיך איינגעלאַדן צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אונ־טערערדישן אוניווערסיטעט, וואָס פלעגט אַרומוואַנדערן פון איין

ד ז ש אָ ן   מ י ל ל

דירה אויף אַ צווייטער און וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל פּאָליטיש פאַרטרוילעכע באַזוכער. צוליב מאַנגל אין אָרט פלעגט מען אָנשטאָט זיצן דאַרפן אָפּשטיין די גאַנצע צייט פון אַ לעקציע. די ערשטע לעקציע, וואָס איך האָב געהערט, איז געגעבן געוואָרן פון קשיוויצקין וועגן סאָציאָלאָגיע. דער אונטערערדישער אוניווערסיטעט איז מיר געווען טייער נישט אַזוי צוליב די לעקציעס ווי צוליב דעם נייעם קרייז פון ראַדיקאַלער יוגנט, מיט וועמען איך בין געקומען אין באַרירונג.

ביי די מאַרכלעווסקיס האָט געהערשט אַ פריינטלעכע און האַרציקע אַטמאָספערע, וואָס האָט מיר אין אַ גרויסער מאָס דערמאָנט די פריינטלעכע און האַרציקע אַטמאָספערע ביי שאַרעי אין ווילנע. מער פאַר אַלץ האָט מען דאָ געהאַלטן אין פירן דיסקוסיעס, און — אַ חידוש — וועגן פּ. ס. ד. האָט מען דערביי ווייניק גערעדט, הגם מאַרכלעווסקי איז געווען איינער פון אירע גרינדער און פירער. ריידן וועגן פּ. ס. ד. וואָלט געהייסן אויך דערמאָנען ראָזאַ לוקסעמבורג, אָבער איר נאָמען איז יענע יאָרן געווען אַזוי פאַרשוואַרצט אונטער דעם איינפלוס פון פּ. פּ. ס., אַז אפילו דאָס הויז פון מאַרכלעווסקיס עלטערן איז נישט געווען קיין אויסנאַם אין דעם פּרט . . . דאָס איז ווירקלעך געווען אַ מין היפּנאָז — אָט די דאָזיקע שנאה צו לוקסעמבורג אין יענע יאָרן.

מאַרכלעווסקיס גאַנצע פאַמיליע — דער פאָטער, אַ אינגערער ברודער — אַ גימנאַזיסט, זיין אינגערע שוועסטער, אַ מאָדיסטין — זיינען געווען ראַדיקאַל געשטימט. זיין עלטערע שוועסטער, מאַרטאַ, אַ לערערין, איז געווען צוויי מאָל אַרעסטירט און געזעסן חדשים־לאַנג אין תפיסות פאַר אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן „רויטן קרייז“. מער אויסגעטיילט פון אַלעמען האָט זיך מאַרכלעווסקיס מוטער. פאַר יעדערן האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל. אויסגעקוקט האָט זי ענערגיש, אַקטיוו, הגם זי איז שוין געווען אַן עלטערע פרוי. אָט זי, די מוטער, פלעגט דאָס איבערנעמען פון מיר די אומלעגאַלע ליטעראַטור, באַהאַלטן און ברענגען ווען איך פלעג זי נויטיקן אין איר.

אַ דאַנק צעלינאַ דאָווגיערד, פלעגט איך קענען איבערלאָזן די

ליטעראַטור, וואָס איך פֿלעג דערהאַלטן פֿון אויסלאַנד, ביי מאַריאַ כאָדעצקאַ, די פֿרוי פֿון אַ רייכן, קאָנסערוואַטיוו־געשטימטן דאָקטאָר, וואָס פֿלעגט אייביק זיין אויף רייזעס. דאָס רוב זיינען דאָס געווען נישט אויפֿגעשניטענע „טשעמאָדאַנעס", וועלכע איך פֿלעג דאַרפֿן באַהאַלטן בלויז אויף עטלעכע טעג.

אויך אַ וואוינונג פֿון אַ מיליטערישן דאָקטאָר און זיין פֿרוי אין דעם אויאַזדאָווער מיליטערישן שפּיטאָל האָט אונז געדינט פֿאַרן זעלבן צוועק. פֿון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען איינע פֿון די זיכערסטע דירות.

די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער ליטעראַטור, פֿלעגן האָבן איין טענה צו מיר: פֿאַרוואָס עפּעס אַלץ אידישע און רוסישע ליטעראַטור און קיין מאָל נישט קיין פּוילישע? אַ באַרעכטיקטע טענה. פֿלעג איך זיך פֿאַרענטפֿערן: פּ. פּ. ס. האָט אַן אייגענעם טראַנספּאָרט און באַזאָרגט אַליין איר טעריטאָריע מיט פּוילישער ליטעראַטור; וועגן פּ. ס. ד. פֿלעג איך אָדער שווייגן, אָדער ווי נישט איז זיך אַרויסדרייען פֿון אַ קלאָרער תשובה. איך האָב דאָך נישט געקאָנט אויסזאָגן דעם אמת, אַז גראַזאָווסקי האָט מיר אָפּגעזאָגט צו געבן די פּ. ס. ד.־אויסגאַבן, סיידן איך זאָל אים פֿאַרטרויען די טעכניק פֿון טראַנספּאָרט און שאַפֿן פֿאַרבינדונגען אין פּוילן . . .

מחמת אָט־דער לאַגע מיט פּוילישער ליטעראַטור האָב איך נישט ווילנדיק, אומדירעקט געהאָלפֿן אַ פּאָר מענטשן צו ווערן פּ. פּ. ס.'אָווצעס. איינער פֿון זיי איז געווען מיכאַל סאָקאָלניצקי. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ליטעראַטור אין פּויליש, פֿלעג איך אים רעגולער געבן לייענען דעם פּ. פּ. ס.'ישן „פּשעדסוויט", וואָס ער פֿלעגט ממש איינשלינגען. שפּעטער, שוין אַ סטודענט אין פּאַריז, איז ער צוגעשטאַנען צו פּילסודסקי'ן, געוואָרן אַן אָנגעזעענע פֿיגור אין דער פּ. פּ. ס., און האָט דאָרטן דורכגעמאַכט אַ סך מעטאַמאָרפֿאָזן. אין אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט ער פֿאַרגעזעצט צו שפּילן אַ געוויסע ראָלע, אָבער שוין אַלס אַ מענטש פֿון רעגירונגס־לאַגער: געווען אַן אַמבאַסאַדאָר אין פֿינלאַנד און איז ביז לעצטנס געווען פֿאַרבונדן מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

דורך מיינע אויבן־דערמאָנטע פּוילישע פֿאַרבינדונגען איז דער

דזשאַן מילל

קרייז פון מענטשן, וואָס פון זיי האָב איך געקענט דערוואַרטן די
אָדער יענע הילף, שטענדיק געוואַקסן. ליידער איז דאָס נישט געווען
דער מין הילף, אין וועלכער מיר האָבן זיך דער עיקר גענויטיקט:
אַ פּאַרטייאישע, פּרינציפּיעלע, אָרגאַניזאַטאָרישע. מיט דער פּ. פּ.
ס. האָבן מיר געקעמפט, די פּ. ס. ד. האָט פּשוט נישט עקזיסטירט.
פּאָליטיש און פּאַרטייאיש זיינען מיר פּאַרבליבן אָפּגעזונדערט.

אונזער אָפּגעריסנקייט פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פּ.ס.ד.)

אונזער אָפּגעריסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט אונז אַ סך געשעדיקט און שרעקלעך געדריקט. גראָד מיר, וואָס האָבן אַלע מאָל געפּרעדיקט דעם געמיינזאַמען קאַמף פון אַרבעטער פון אַלע נאַציעס פון רוסלאַנד קעגן צאַריזם, פאַר פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, פלעגן, נישט ווילנדיק, אזוי אָפּט בלייבן אליין, אָן פאַרבינדעטע. דאָס פּראָגראַם פון פּ. ס. ד. האָט אין אַלגעמיין שטאַרק אַפּעלירט צו די אידישע אַרבעטער. אין גרונד, איז פּ. ס. ד. געווען אונזער נאַטירלעכסטער פּאָליטישער און פּרינציפּיעלער שותף אין קאַמף. אָבער וואו נעמט מען זיי, די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן? און מיר פלעגן זיך אָנכאַפּן פאַר יעדן צייכן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעט, און געווען תמיד גרייט צו קומען אין דעם צו הילף. צו אונזער גרויסן פאַרדראָס אָבער פלעגן מיר אפילו נישט קענען קריגן די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד. איך האָב שוין פריער דערציילט פאַר וואָס. די צייטונג „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ" און די עטלעכע בראָשורן, אָנגעשריבן פון לוקסעמבורג אונטער די נעמען מאַציעי רוזגאַ אָדער ר. קרושינסקאַ, פלעגן פאַרבלייבן אין אויסלאַנד, אין וואַרשע האָט מען זיי נישט געקענט געפינען מיט ליכט. די פּ. ס. ד. איז דאַן געווען אַ „פּאַרטיי" אָן פאַרבינדונגען מיט פּוילן און אָן טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן. פונדעסטוועגן האָט לוקסעמבורגס גרופּע שטענדיק גערעדט אין נאָמען פון אָט־דער נישט עקזיסטירנדיקער, פיקטיווער פּאַרטיי. אפילו די קאָרעספּאָנדענצן אין „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ" זיינען געווען פיקטיווע, אָנגעשריבן אין אויסלאַנד. איין מאָל, ווען

דזשאָן מילל

איך בין געקומען פון ווילנע און וואַרשע קיין ציוריך און איך האָב זיך געזען מיט לוקסעמבורג. האָב איך איר דערציילט אַביסל נייעס פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין יענע שטעט. ווי גרויס אָבער איז געווען מיין פאַרוואונדערונג, ווען אין דעם נאָענטסטן נומער פון „ספּראַווא ראַבאָטניטשאַ" האָב איך איבערגעלייענט אָט־די נייעסן וואָרט ביי וואָרט אין צוויי „קאָרעספּאָנדענציעס" — איינע פון ווילנע און די אַנדערע פון וואַרשע. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דערביי נישט דערמאָנט געוואָרן אפילו, אַז עס האַנדלט זיך וועגן געשעענישן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין 1896 האָט זיך נישט געפונען אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט אַ האַלב טוץ סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו געבן לוקסעמבורג אַ מאַנדאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנ־דאָן. און די שטאַלצע וואָרטזאָגערין פון דער פּוילישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע האָט זיך פּשוט געבעטן ביי מיר אויסצואווירקן, אַז זי זאָל קריגן אַ מאַנדאַט פון אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. זי און איך גראַזאָווסקי האָבן מיט ביטערניש קריטיקירט אונזער באַשלוס צו געבן דעם מאַנדאַט דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" און אָנגעוויזן דערביי, אַז אַ מאַנדאַט פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט צו אַ רוסישער גרופּע וועט זיין נאַר וואַסער אויף די מילן פון פּ. פּ. ס.

אַרום סוף פון 1895 איז אויפגעקומען אין וואַרשע אַן אינטע־ליגענטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, וואָס האָט זיך דאָס רוב רעקרוטירט פון סטודענטן. צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע בין איך אויך איינגעלאַדן געוואָרן. איך האָב דאָרטן געפונען אַ 10 מענטשן, צווישן זיי קאָשוטסקין און זיין צוקונפטיקע פרוי יאַהאַלקאָווסקאַ, דעם סטודענט לעאָן קאָזלאָווסקי (צי איז דאָס נישט דעם פאָטער פון לעאָן קאָזלאָווסקי, דעם פאַר־מלחמה'דיקן מיניסטער און דעם אויסגעשפּראָכענעם פאַשיסט?), ראַמער (אפשר איז דאָס דער געוועזענער אויסלענדישער מיניסטער אין דער פּוילישער גלות רעגירונג אין לאָנדאָן?) און נאָך אַנדערע, וואָס זייערע נעמען געדענק איך נישט. קיין איינציקער איד איז נישט געווען צווישן זיי. שפּעטער האָב איך פאַרבונדן מיט דער גרופּע דעם סטודענט עטינגער. די גרופּע האָט זיך קיין מאָל נישט אַנטוויקלט צו אַן אָרגאַניזאַציע

מיט וואָסער נישט איז געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג. זי האָט זיך פאַרקאָנספּירירט, קיין באַרירונג מיט אַרבעטער נישט געזוכט און אפילו מיט לוקסעמבורג — גראַזאָווסקין נישט געוואָלט אָנקניפּן קיין פאַרבינדונגען. ווען אין 1896 האָב איך באַקומען אַ פּוילישע סאַצ. דעמאָקר. מאַי פּראָקלאַמאַציע, האָט די גרופּע געגומען ביי מיר נישט מער ווי אַ פּאָר טוץ עקזעמפּליאַרן און פאַרשפּרייט האָט זי דאָס נישט צווישן פּוילישע אַרבעטער, נאָר אין אַ סטודענטן־רעס־טאָראַן. די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע האָט געבראַכט — אין אַ גרויסער מאָס אונטער מיין השפּעה — דער ליטוויש־ פּוילישער סאָציאַליסט מאַראַווסקי („קאַטשאַן"), וואָס איז ספּעציעל צוליב דעם געקומען פון ווילנע קיין וואַרשע. זי איז אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין אויסלאַנד, מאַרכלעווסקי איז געווען איר מחבר, און מאָ־ראַווסקי האָט זי אריבערגעשמוגלט איבערן גרענעץ אין אַ צוויי־דע־קיקער וואַליזע. עטלעכע הונדערט עקזעמפּליאַרן האָב איך איבערגעגעב־מען און זיי זיינען געוואָרן פאַרשפּרייט פון אונזערע אַרבעטער. די איבעריקע האָט ער אַוועקגעפירט קיין ווילנע. מאַראַווסקי איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ ליטווישער נאַציאָנאַליסט און ערב דער איצטיקער מלחמה האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ פּראָפעסאָר אין קאָוו־נער אוניווערסיטעט.

אומגעפער אין אָנהייב 1897 הייבן זיך אָן צו באַווייזן אין וואַרשע נייע פיאָנערן פון דער פּ. ס. ד. דער ערשטער איז געווען דער ווילנער סטאַניסלאַוו טרוסעוויטש און נאָך אים פעליקס דזיערזשינסקי. דזיער־זשינסקי איז געקומען אַן אומדערפאַרענער, מיט נאַאיווע אומרייפע פּלענער, מיט קינדערשע געדאַנקען. די שווערינקייטן פון פיאָנערן־אַרבעט האָבן אים אַביסל דערשראָקן און צעטומלט. ער האָט גע־טענה'ט, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך צו געפינען אַ וועג צו די הערצער פון די פּוילישע אַרבעטער — סיידן דורך אַגיטאַציע אויפן באָדן פון רעליגיע, פון קריסטנטום. מילא, פון דער דאָזיקער פאַנ־טאַזיע האָט ער זיך אין זייער אַ קורצער צייט אויסגעהיילט. צום סוף פון די 90ער יאָרן האָט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג שוין געלאָזן טיפע וואָרצלען. מיט טרוסעוויטשעס און דער עיקר דזיערזשינסקיס קומען האָט זיך אויך די באַציאונג צו ר.

דזשאַן מילל

לוקסעמבורג שטאַרק געענדערט , און זי איז געוואָרן די אַנערקענטע טעאָרעטישע פירערין פון דער פּ. ס. ד.

אָבער וואָס שטאַרקער די פּ. ס. ד. איז געוואָרן און וואָס מער איר השפּעה איז געוואַקסן, אַלץ מער אָנגעשטרענגט זיינען געוואָרן די באַציאונגען צווישן איר און אונז. די זעלבסטשטענדיקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע און דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף אונזער אידישער אָריענטאַציע זיינען איר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז.

אונזער השפעה וואַקסט. די אידישע סעקציע פון פ.פּ.ס. דער ציטאוויליקער שידוך

דער גיכער און גרינטלעכער דערפאָלג אונזערער ביי דער וואַרשעווער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט אַריבערגעשטיגן די אפּטימיסטישסטע דערוואַרטונגען. די כוחות, וואָס אונזער אַרבעט האָט אַרויסגערופן, האָבן אַריבערגעוואַקסן די מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן אַלע נויטן פון דער אָרגאַניזאַציע. אונזער השפעה איז געוואַקסן ממש מיט יעדער שעה. שניידער און שניידערינס, פּודעלקע־מאַכער, בייטל־מאַכער, בעקערס, סטאָליאַרעס, קונסטבלומען־אַרבעטער, שוסטער, געגריוועטע שוסטער, קופּערשמידן, הוט־מאַכער, האַנדלס־אַנגע־שטעלטע, פיינקינדס און אָראַנזשאָוויטשעס פאַבריקן, פאַליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק, פליישערס בלעטער־פאַבריק, בראַנעכעס קאַמאַשן־פאַבריק — אומעטום זיינען מיר אַריינגעדרונגען, אומעטום האָבן זיך געבילדעט אַרבעטער־גרופּעס. אפילו חסידישע אַרבעטער — אין זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט די קליינע היטלעך — זיינען צוגעשטאַנען צו אונזערע קרייזן. אין מיינעם אַ פּראָפּאַגאַנדע־קרייז האָב איך געהאַט צוויי אַזעלכע אַרבעטער, וועלכע פלעגן נעמען אויף זיך די געפערלעכסטע שליחותן און זיינען געווען די בראַווסטע פאַרשפּרייטער פון אונזערע אויפרופן. אויך מענטשן נישט פון דער אַרבעטער סביבה האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער באַוועגונג און מיט גרויס אינטערעס געזוכט זיך צו באַקענען מיט אירע פירער. אַזוי איז דאָס געווען מיטן פאַרוואַלטער פון דער האַנדווערקער־שולע; ער האָט באַמערקט אין יענע פון זיינע שילער, וועלכע זיי־נען געשטאַנען מיט אונז אין פאַרבינדונג, אַ גרויסע פאַרבעסערונג אין זייערע באַנעמונגען און אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, און ער האָט זיך מיט אונז פאַראינטערעסירט. אַזוי איז דאָס געווען מיט פּרץ'ן, ער האָט געבעטן דעם פּ. פּ. ס.'ניק שאול דעגענפיש

אונז צוזאַמענצוברענגען. איך האָב זיך טאַקע געזען מיט אים — איין איינציק מאָל. מיט צופרידנקייט האָט ער פאַרצייכנט דעם פאַקט, אַז זינט מיר, די ווילנער, האָבן „אויפגערודערט" די אידישע אַרבע־טער אין וואַרשע, איז דער נאָכפרעג אויף זיינע ביכלעך, און ספּע־ציעל אויף די „יום טוב בלעטלעך", אומגעהויער געשטיגן. אין דער אמתן איז דאָס טאַקע געווען אונזער פאַרדינסט, אַז־די ספּאָנ־טאַנע פאַראינטערעסירונג פון די אידישע מאַסן מיט דער מאָדער־נער אידישער ליטעראַטור. די „יום־טוב בלעטלעך" זיינען געווען פאַר זיי אַ מין ענציקלאָפּעדיע, וועלכע זיי פלעגן דורכשטודירן פון אָנהייב ביזן סוף.

יאָ, אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ סימן פון לעבן אויף דער אי־דישער אַרבעטער גאַס, האָט געזוכט אַ באַרירונג מיט אונזער אָרגאַניזאַציע. און טאַקע מחמת דעם דרוק פון דער „גאַס" האָבן די אידישע אָנהענגער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי, וואָס האָבן געהאַט זייערע אַ פּראָפּאַגאַנדע־גרופּע, געפונען פאַר נויטיק צו זוכן אַ דערנענטערונג מיט אונז. אָבער נישט דער גרויסער דערפאָלג אַליין איז געווען די סיבה פון זייער „בונט" קעגן פּ. פּ. ס. עס האָט אויך געווירקט די פּאָליטיק פון דער פּ. פּ. ס. בנוגע דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן — אפשר דאָס צווייטע מער ווי דאָס ערשטע — און עס איז רייף גע־וואָרן אַ וואונש ביי די אידישע אָנהענגער פון פּ. פּ. ס. צו קומען צו אַ הסכם מיט אונז.

די פּ. פּ. ס. איז דאַמאָלט געווען די הערשנדיקע, מען קען זאָגן די איינציקע, סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צווישן די פּוילישע אַר־בעטער. אַדאַנק דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער לאַגע פון לאַנד האָט פּ. פּ. ס. אַריינגעצויגן אין זיך אַלץ, וואָס איז געווען רעוואָלו־ציאָנער אין לאַנד, נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנער, סאָציאַליסטיש אָדער סאָציאַליסטיש באַפאַרבט. אינטעליגענטן, אַרבעטער, שטודירנדיקע יוגנט האָבן אויסגעפילט אירע קאַדרען. אירע פּאָליטישע דעמאָנס־טראַציעס פלעגן אַלע מאָל דורכגיין מיט אַ דערפאָלג. איר ליטע־ראַטור האָט מען געזען אומעטום. אפילו דער „פּשעדסוויט", וואָס האָט זיך געדרוקט אין לאָנדאָן, פלעגט זייער זעלטן אָנקומען מיט

פיאָנערן און בויער

אַ פּאַרשפּעקטיקונג. דאָס אַליין האָט געהאַלטן הויך דעם פּרעסטיזש פון פּ. פּ. ס. — אַפילו די מענטשן פון דער פּעריפעריע, וואָס זיינען נישט געווען מסכים מיטן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס., פלעגן פונדעסטוועגן באַוואונדערן איר שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, איר ברייטע פאַרצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט און אירע ענערגישע אַרויסטרעטונגען אויפן פּאָליטישן געביט.

די פּ. פּ. ס. האָט נישט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ פּאַרטיי נאָר פון פּוילישע אַרבעטער; זי האָט זיך געהאַלטן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, און גראָד האָט זי דערביי פאַרגעסן, אַז אין פּוילן איז אַחוץ אַ פּוילישער באַפעלקערונג פאַראַן אויך אַ אידישע, און טאַקע אַ גרויסע אין צאָל, און אַז אָט־די באַפעלקערונג באַשטייט נישט סתם פון אַ סאָציאַל־איינהייטלעכער מאַסע, נאָר פון קעגנגעזעצטע קלאַסן. די פּ. פּ. ס. האָט נישט געמאַכט די קלענסטע אָנשטרענגונג צו געווינען אויך די אידישע אַרבעטער פאַר איר סאָציאַל־פּאָליטישן פּראָגראַם, און אַפילו נישט פאַר אירע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און פּלענער. זי האָט פּשוט זיך נישט אינטערעסירט מיט זיי. אַזאַ באַציאונג האָט זיך ביי איר אויסגעאַרבעט, ווי מיר דוכט, איבער צוויי סיבות. ערשטנס — ווייל זי האָט געהאַלטן די אידן פאַר אַ פאָלק מיט אַ דורכאויס קליינהענדלערישער פּסיכאָלאָגיע, פאַר אַבערגלויבעריש און רעאַקציאָנער, און האָט דעריבער נישט געגלויבט אין דער רעוואָלוציאָנערער קראַפט פונם אידישן אַרבעטער; צווייטנס, איז זי געווען איבערצייגט, אַז דער הויפּטפּונקט פון איר פּראָגראַם, די פאָדערונג פון אַן אומאָפּהענגיקן פּוילן, אָט דער עיקר יסוד פון איר עקזיסטענץ — איז די אידישע מאַסן פרעמד. פון דעם איז געקומען די פּאָליטיק פון איגנאָרירן די אידישע אַרבעטער־אינטערעסן אויף אַלע געביטן, — די גייסטיקע, מאַטעריעלע און פּאָליטישע. דער איינציקער ציל, וואָס פּ. פּ. ס. האָט זיך געשטעלט בנוגע די אידישע אַרבעטער, איז געווען — צו מאכן אומשעדלעך זייער גלייכגילטיקייט ,אָדער זייער כלומרשטע אַקטיווע שנאה צום פּראָגראַם פון פּ. פּ. ס., זען, אַז זיי זאָלן איר נישט „שטערן". מיט דעם דערקלערט זיך די כאַראַקטעריסטישע פאַררעדע אין פייגנבוימס בראָשור „גן־עדן־התחתון", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן לויט דער

דזשאָן מילל

באַשטעלונג פון פּ. פּ. ס. און אין איר גייסט, און וואו מען קען געפינען אַ נישט־פאַרמאַסקירטן סטראַשונעק, אַז אויב די אידן וועלן זיך נישט האַלטן נייטראַל אין קאַמף פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער רוסישער רעגירונג,קענען נאָך די הערשנדיקע קלאַסן איינריידן די אַרטיקע אַרבעטער צו מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן...

און אפשר איז נאָך געווען אַ דריטע סיבה: די פּ. פּ. ס. האָט אַריינגעצויגן אין איר ווירקונגס־ספערע אַזוי פיל ריין נאַציאָנאַליס־טישע און אַפילו האַלב אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, אַז זי האָט זיך געטראַכט: עס איז פּראַקטישער צו פאַרמיידן אַלץ, וואָס קען אַרויס־רופן אַ חשד, אַז די פּאַרטיי איז „פּאַראידישט״.

די אידישע גרופּע פון פּ. פּ. ס., וואָס מיר האָבן וועגן איר פריער גערעדט, איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פּאַרטיי־גרופּע אין פּוילן זינען פון וואָרט. אָרגאַניזאַציאָנעל איז זי גאָר נישט געווען פאַר־בונדן מיט דער פּאַרטיי. די מענטשן, פון וועלכע זי איז באַשטאַנען, האָבן נאָר אין פּרינציפּ אָנגענומען איר פּראָגראַם — און דאָס אַלץ. קיין פאָרשטייער אין די פּאַרטיי־אינסטיטוציעס האָבן זיי נישט גע־האַט; געהאַט האָבן זיי בלויז אַ פאַרמיטלער, אַ מין „מעקלער״, וואָס פלעגט זיך אָפּט ווענדן מיט בקשות צו דער פּאַרטיי וועגן די אינ־טערעסן און נויטן פון דער גרופּע. זיין נאָמען איז געווען אַנאַסטאַזי רוג („מאַריאַן״), אַ באַנק־אַנגעשטעלטער, אַן אַסימילירטער איד, וואָס האָט זיך שפּעטער געשמדט. די גרופּע אַליין איז אָבער באַשטאַנען פון ריין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן מיטן סטאָליאַר שאול דעגענפיש, דעם מעכאַניקער מאַנדלאַק און „ליאַלקאַ״ בראש.

ווען זיי האָבן געזען דעם דערפאָלג פון אונזער אַרבעט, האָט די דאָזיקע גרופּע אָנטיילנעמער אָנגעהויבן צו פאָדערן הילף פון דער פּ. פּ. ס., דער עיקר — אידישע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור. און דאָ האָט זי באַגעגנט לחלוטין טויבע אויערן. נישט די פּאַרטיי האָט גע־קענט און נישט זי האָט געוואָלט באַפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען. דער כעס פון דער גרופּע קעגן פּ. פּ. ס. איז דעריבער געווען זייער שטאַרק. מיר זיינען געוואַקסן — און זי איז געבליבן שטיין אויף אַ טויטן פּונקט. נישט זעענדיק קיין אַנדערן אויסוועג פון אָט דער לאַגע, איז די גרופּע געקומען צו אונז.

פּיאָנערן און בויער

אין פּרינציפּ האָט זיך די גרופּע פון פּ. פּ. ס.׳יזם נישט אָפּגעזאָגט. בעת מיר האָבן אויסגעאַרבעט די תנאים פון אונזער פאַראייניקונג, האָבן מיר איר איבערגעלאָזט דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן די אידייע פון אומאָפּהענגיקן פּוילן אין אירע פּראָפּאַגאַנדע גרופּעס, אָבער אַבסאָלוט נישט אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, אין דער מאַסן־אַגיטאַציע, אָדער אין דער ליטעראַטור. דאָס איז געווען דער איינציקער קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן מיר זיינען איינגעגאַנגען. און אפשר, אויב מען וויל, איז געווען נאָך אַ צווייטער קאָמפּראָמיס בנוגע דעם נאָמען פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. אונזער פאָרשלאָג איז געווען: „דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בונד אין וואַרשע״, זייער פאָרשלאָג: „דער אידישער סאָציאַליסטישער בונד אין פּוילן״. בכדי צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן — מען זאָל נישט מיינען, אַז אונזער אידעאָלאָגיע איז אידענטיש מיט דער אידעאָלאָגיע פון פּ. ס. ד. און זייערע מיט דער אידעאָלאָגיע פון פּ. פּ. ס., האָבן מיר אויסגעגליכן דעם סכסוך און אָנגענומען דעם נאָמען: „אידישער אַרבעטער־בונד אין פּוילן״, אַרויסלאָזנדיק די ווערטער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער״ אָדער „סאָציאַליסטישער״.

מיר זיינען נאַטירלעך נישט געווען אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז אונזער פאַרבינדונג אויף די אויבן דערמאָנטע תנאים וועט זיין אַ דויערנדיקע. מיר זיינען שוין געווען אַ גענוג לאַנגע צייט אין דער באַוועגונג, כדי צו פאַרשטיין, אַז מען קען נישט אָפּטיילן פּראָפּאַגאַנדע פון אַגיטאַציע, און אַז אַ קאָנפליקט וועט מוזן באַלד קומען און בטל מאַכן דעם אומנאַרמאַלן שידוך פון צוויי פאַרשידענע ריכטונגען. אָבער אין אָנהייב איז די פאַרבינדונג געווען זייער וויכטיק פאַר אונז, טאַקע מחמת דעם, וואָס די מיטגלידער פון דער פּ. פּ. ס.־גרופּע זיינען געווען אָרטיקע פּויליש־אידישע אַרבעטער און נישט אָקאָרשט אָנגעקומענע פון ליטע אָדער רוסלאַנד. און ווי נאָר די באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ מער קלאָרן כאַראַקטער און מען האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען מיט קלאָרע, אומצווייטייטיקע דיבורים, וואָס זאָלן נישט איבערלאָזן קיין ספקות וועגן אונזערע נאָענטסטע פּאָליטישע צילן, — האָט אונזער פאַרבינדונג געמוזט פּלאַצן. און זי האָט טאַקע געפּלאַצט. אויף אַ פאַרזאַמלונג

דזשאַן מילל

אָנהייב 1897, וואָס האָט אויסגעקוקט כמעט דראַמאַטיש, האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער זיי אָנערקענען אין איינעם מיט אונז, אַז די נאָענטסטע אויפגאַבע אויפן פּאָליטישן געביט איז קאַמף פאַר אַלגעמיינער פּאָליטישער פרייהייט און גלייכע בירגער־לעכע רעכט און נישט פאַר אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, אָדער מיר גייען זיך פאַנאַנדער. די פּ. פּ. ס.אָוועס מיט רוגן בראש האָבן פאַר־לאָזן די פאַרזאַמלונג. פּייסאַכזאָנס גרופּע, וואָס איז אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש געשטאַנען צווישן זיי און אונז, איז געבליבן מיט אונז, און דערמיט האָט זי באַוויזן אַז זי איז גרייט נאָכצופאָלגן אונזער טאַקטיק און אונזער פּרינציפּיעלע פּירערשאַפט. מיר זיינען גע־בליבן זייער צופרידן מיט דעם דאָזיקן רעזולטאַט.

פּיאָנערן און בויער

נאָך דער שפּאַלטונג. אַרקאַדי זעט זיך מיט פּלעכאַנאָוון. דער אַרבעטער־שוץ קאָנגרעס אין ציוריך

נאָך אונזער גט מיט די אידישע אָנהענגער פון דער פּ. פּ. ס. האָט זיך פאַנאַדערגעפלאַקערט אַ צווישן־פּאַרטייאישער קאַמף, און אויף אים זענען פאַרשווענדט געוואָרן אַ סך ווערטפולע צייט און כחות. בייזוויליקע און ליגנערישע בלבולים, געווענדט קעגן די אָנגעקומענע „ליטוואַקעס” און די „רוסישע אידן”, פּרואוון צו דעמאָראַליזירן די אומאַנטשלאָסענע עלעמענטן אין דער באַוועגונג. אַלערליי קונצשטיק מיטן ציל צו קאָנקורירן מיט אונז אין פאַרשידענע אָרגאַניזירטע גרופּעס אין די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, — האָבן אונז געצוואונגען אָפּצוהאַלטן כמעט פּערמאַנענטע אסיפות און דעבאַטן. דעם אומנוצלעכן פאַרלוסט פון ענערגיע האָבן מיר געפילט נאָך שטאַרקער מחמת עס האָט זיך גראָד דאַן פאַרשפּרייט ווי אַ סטיכישער פייער אַ שטרייק־באַוועגונג, אַריבערוואַרפנדיק זיך פון איין פאַך אויף אַ צווייטן. עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטרייקן אַרגאַנאָוויטשעס פאַבריק, קאַמאַשן־שטעפּער, שמוקלערס, קינסטלעכע בלומען־מאַכער, סטאָליאַרעס, בייטל־מאַכער, הוט־אַרבעטער, פּודלקע מאַכער און אַ סך אַנדערע פאַכן. די שטרייקן האָבן געפאָדערט אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען, אַלע אונזערע נערוון. אַרום דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַטיווע לוויה פון אַן אַרבעטער, — באַשריבן אין מיין קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע אין נומער 4־5 „אידישער אַרבעטער”, — וואָס האָט ווידער באַוויזן די גרויסע ווירקונג פון אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. מיר אַלע האָבן געאַרבעט איבער די כחות. איך פּערזענלעך בין געווען אויסגעמאַטערט ביז גאָר, נערוועז, צעבראָכן. ווי נאָר עס איז אַביסל שטילער געוואָרן אין דער באַוועגונג, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַן „אורלויב” אויף צוויי חדשים. ווען איך

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

האָב זיך דערוואוסט פון אַרקאַדין, אַז ער פאָרט אויף עטלעכע וואָכן קיין איסלאַנד, האָב איך נאָכגעפאָלגט זייןביישפּיל, נאָך מער וואָס מיינע פוילישע פריינט וואָס האָבן פאַרבראַכט דעם זומער אין אינ־טערלאַקן, האָבן מיך איינגעלאַדן זיך אַנצושליסן אָן זיי.

אַרקאַדי האָט זיך איינגעאָרדנט נישט ווייט פון אינטערלאַקן, אין קוראָרט שפּיץ ביי דער טהונער־אָזערע און מיר פלעגן זיך זען זייער אָפט.

זיין קומען קיין איסלאַנד איז נישט געווען סתם אַ „לוסטרייזע". ער איז געפאָרן זיך זען מיט פּלעכאַנאָוון צוליב אַן ענין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַרויסגעבן עטלעכע פּאָפּולערע בראָשורן פאַר מאַסן־אַגיטאַציע צווישן רוסישע אַרבעטער. די רוסישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע ליטעראַטור איז דאַמאָלט באַשטאַנען בלויז פון די אויס־גאַבעס פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ", וואָס זיינען געווען מער צוגעפּאַסט צו די גייסטיקע באַדערפעניש פון דער אינטעלי־גענץ און פון אַ קליינעם שיכט אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן, אָבער האָבן נישט געטויגט פאַר ברייטערע אַרבעטער־שיכטן, זיי זיינען פאַר די לעצטע פּשוט געווען אומפאַרשטענדלעך. די נויט אין פּאָפּולע־רער מאַסן־ליטעראַטור איז דעריבער געווען אומגעהויער גרויס און אַקטועל. און אַרקאַדי איז געווען איינער פון די ערשטע צו העלפן שאַפן אַזאַ ליטעראַטור. דריי קליינע ביכלעך: „דער אַרבעטסטאָג", די „אַרבעטער רעוואָלוציע" און „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען" זיינען צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק. אָבער נישט אַזוי גיך האָבן זיי דערזען די ליכטיקע שיין... זיי זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פּלעכאַנאָוון, אָבער ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן געבן זיין הסכמה זיי אָפּצודרוקן. ווי ער האָט דערקלערט, איז נישט געווען די אויפגאַבע פון זיין „גרופּע" אַרויסצוגעבן אַזאַ מין ליטעראַטור, און אַחוץ דעם האָט ער געפונען אין די בראָשורן באַ־צילן פון „עקאָנאָמיזם", וואָס ער האָט באַקעמפט.

דאָס און אויך די פאַרשלעפּעניש מיטן אָפּדרוקן אַרקאַדיס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" האָבן אַרקאַדין באַוואויגן צו פאָרן קיין איסלאַנד זיך זען מיט פּלעכאַנאָוון. אַזוי ווי איך האָב אויך געהאַט געוויסע טענות צו פּלעכאַנאָוון — ער האָט אָפּגעדרוקט אין אַ רוסי־

פּיאָנערן און בויער

שער אָדער פּוילישער צייטונג אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, כאָטש נישט אין גאַנץ קלאָרע ווערטער, פאַרן פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. און די פּ. פּ. ס. האָט דאָס אויסגענוצט אין קאַמף קעגן אונז אין וואַרשע — האָבן מיר ביידע צוזאַמען אים באַזוכט אין יענעם זומער 1896, אין שווייצאַרישן קוראָרט בעאַטנבערג, וואו ער האָט זיך געהיילט פון אַ לונגען־קראַנקהייט. מיר האָבן אים געטראָפן מיט אַ טערמאָמעטער אין מויל. אין דעם שמועס מיט פּלעכאַנאָוון האָט אויך גענומען אַן אַנטייל פּראָקאָפּאָוויטש. קיין שום רייד, קיינע טענות האָבן נישט געהאָלפן. פּלעכאַנאָוו איז געבליבן שטייף ביים באַשלוס, אַז זיין „גרופּע" קען אַזאַ מין ליטעראַטור נישט אַרויסגעבן. די בראַשור „וועגן אַגיטאַציע" האָט די „גרופּע" יאָ אינגיכן. אַרויסגעגעבן, מיט אַקסעלראָדס אַ קריטישער הקדמה. די דריי ביכלעך אָבער האָט ארקאַדי געמוזט אָפּדרוקן אונטער אַן אויסגעטראַכטער פירמע. איך האָב פאַר דעם ציל געקראָגן 100 רובל פון דאָווגיערד, דאָס איבעריקע נויטיקע געלט האָט געקראָגן אַרקאַדי.

גראַד אין צייט פון אונזער אויפהאַלט אין שווייצאַריע איז אין ציוריך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס — אַן „אַרבעטער־שוץ" קאָנגרעס. מיר ביידע, אַרקאַדי און איך, האָבן באַשלאָסן אָנשטאָט צו לייענען וועגן זיינע פאַרהאַנדלונגען, צו פאָרן קיין ציוריך און דירעקט נאָכפאָלגן זיי און אין דערזעלבער צייט אַ קוק טאָן אויף די רעפּרעזענטאַנטן פון די אייראָפּייאישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דער קאָנגרעס איז ווירקלעך געווען אַן אייגנאַרטיקער. איך געדענק שוין נישט, ווער אייגנטלעך איז געווען זיין איניציאַטאָר. דאָס איז נישט געווען אַ באַשטימטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, און געוויס נישט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס סיי דורך דעם צוזאַמענשטעל פון זיינע דעלעגאַטן, סיי דורך זיין סדר־היום. יעדע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, אומאָפּהענגיק פון אירע פּאָליטישע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, האָט געהאַט רעכט צו שיקן פאָרשטייער. און דער קאָנגרעס האָט טאַקע געציילט צווישן זיינע אָנטיילנעמער פּראָגרעסיסטן און רעאַקציאָנערן, סאָציאַליסטן

און פאַרביסענע שונאים פון סאָציאַליזם. עס זיינען געווען פאַרטראָטן די ענגלישע טרייד־יוניאָנס, די דייטשע, עסטרייכישע און שווייצאַרישע געווערקשאַפטן, אָבער אויך די קאָנסערוואַטיווע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון דער דייטשער קלעריקאַלער צענטרום־פּאַרטיי אין עסטרייך. דאָס איינציקע וואָס האָט זיי אַלעמען צוזאַמענגעבראַכט, איז געווען דאָס אָנערקענען די נויטיקייט פון אַ מלוכה'שער אַר־בעטער־שוץ געזעצגעבונג. צווישן די דעלעגאַטן האָט מען געקענט באַמערקן פון איין זייט עוואַנגעלישע פּאַסטאָרן און קאַטוילישע גלחים אין זייערע לאַנגע סוטאַנעס, פון דער אַנדער זייט, בעבעל, קלאַראַ צעטקין, פּערנסטאָרפער. נישט געקוקט אויף אַזאַ צוזאַמענ־שטעל פון די דעלעגאַטן, האָבן די פאַרהאַנדלונגען פונדעסטוועגן זיך געפירט זאַכלעך, צירלעך־מאַנירלעך, ערנסט, הגם די דיספּוטאַנטן זיינען זיך מער אָדער ווייניקער פאַנאַדערגעגאַנגען כמעט אין יעדער פראַגע פון טאָג־אָרדענונג: די ראָל פון דער מלוכה אין אַרבעטער־שוץ, זונטיק־ און יום־טוב־רו, שוץ פון דער אַרבעטער־פרוי און דער יוגנט, פאַרבאָט פון קינדעראַרבעט.

גלייך נאָכן קאָנגרעס האָבן מיר זיך צעשיידט — אַרקאַדי איז אָפּגעפאָרן קיין זשענעווע, וואו ער האָט געוואָלט נאָך אַמאָל זיך זען מיט פּלעכאַנאָוון, און איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע. איידער איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע, האָט אַרקאַדי אין ציריך זיך אָפּגע־שטעלט אין וואַרשע אַרומצוריידן מיט מיר די פראַגע וועגן אַ צו־זאַמענפאָר פון אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. מיין מיינונג אין דער דאָזיקער פראַגע האָט ער אייגנטלעך שוין סיי־ווי־סיי געוואוסט פון פריער: זינט מיר האָבן זיך גרינטלעך איינגע־פונדעוועט אין וואַרשע, האָב איך נישט אויפגעהערט צו פאָדערן אַזאַ צוזאַמענפאָר. איך האָב אויפגעוויזן, אַז אין אונזער קאַמף קעגן פּ. פּ. ס. און אויך צו פאַרזיכערן אונזער עקזיסטענץ אין פּוילן וועט די מאָראַלישע און פּאָליטישע שטיצע פון אַ פאַראייניקטער אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיין פון גרויס ווערט.

אַרקאַדין האָט אַט די זייט פון דער פראַגע זייער אינטערע־סירט, אָבער זי אַליין איז נישט געווען פאַר אים מאַסגעבנדיק. די גרינדונג פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט

פיאָנערן און בויער

געהאַט אַלע שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט — אַזוי האָט אים געזאָגט פלעכאַנאָוו. ווען ער, פלעכאַנאָוו און זיין „גרופּע" האָבן געקראָגן די מאַנדאַטן מיט די באַריכטן פון ווילנע, וואַרשע, מינסק און סמאָרגאָן צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, איז ער נאָך מער איבערצייגט געוואָרן, אַז די צייט איז רייף צו גרינדן די פּאַרטיי.

די מורא, אַז צו דער גרינדונג פון דער רוסישער פּאַרטיי וועלן אונזערע אָרגאַניזאַציעס קומען נישט פאַראייניקט, מיט באַזונ־דערע פּלענער, אָן אַן אַלגעמיינעם פּראָגראַם האָט באַוואויגן אַר־קאַדין זיך אַריינצוטראַכטן אין דער פראַגע, ער האָט אָפּגעשאַצט ווי אויסערגעוויינלעך וויכטיק עס איז צו רופן פריער פאַר אַלץ אַן אייגענעם צוזאַמענפאַר. די אידייע האָט באַלד געפונען אַ סימ־פּאַטישן אָפּקלאַנג ביי אַלע יענע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. עס האָט אָבער גענומען נאָך אַ גאַנץ יאָר איידער דער פּלאַן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דזשאַן מיל

ערב דעם ערשטן צוזאַמענפאָר. די אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון „בונד"

דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז נישט געקומען אומדערוואַרטעט, פלוצלונג. — מען האָט זיך צו אים לאַנג געגרייט. די עטלעכע פריערדיקע באַמערקונגען און דערקלערונגען זאָגן עדות, אַז דער היסטאָריש־וויכטיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי דער געדאַנק איז דורך צוויי יאָר פּאָפּולאַריזירט געוואָרן, נאָך פאַרהאַנדלונגען און צוגרייטונגען, נאָך דעם ווי עס איז אַלזייטיק ארומגערעדט געוואָרן זיין פּאַרטייאישע און פּאָליטישע נויטיקייט. דער פּראָצעס איז געווען אַ פּאַמעלעכדיקער און אַ סיסטעמאַטישער. עס וואָלט געווען קעגן די בעסטע טראַדיציעס פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ ניין־יאָריקע געשיכטע פון שטענדיקער, סיסטעמאַטישער אָנגעשטרענגטער סאָציאַליסטישער טעטיקייט, — צו בויען „לופט־שלעסער". רעאַליזם, פּראַקטישע פאַרשטענדעניש, אַ גרויסער חוש פאַר דערווירקלעכקייט, — דאָס זיינען דאָך געווען די פון אַלעמען אָנערקענטע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון די אידישע סאָציאַליסטן סיי ערב־„בונד", און אַזוי אויך נאָך זיין אַנטשטיין. קיין לייכטזיניקן, נישט אויסגערעכנטן שריט! דאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל פאַר די מאַסן איז געווען צו שטאַרק, כדי נישט צוצולאָזן אַוואַנטוריסטישע חלומות. און ווירקלעך, מען איז צום ציל געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, אויסרעכענענדיק יעדן שריט; מען האָט טויזנט מאָל אונטערזוכט אַלע שוועריקייטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן וועג. מען האָט זיך צייטנווייז געקווענקלט, אָבער מען איז פעסט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון בילדן דעם „בונד". נאָר דעמאָלט, ווען עס איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז אַלע פאָרבאַדינגונגען פאַר אַ פּאַרטיי עקזיסטירן שוין, אַז דער באָדן

פּיאָנערן און בויער

איז אַ סאָלידער, אַז קיינע בייזע ווינטן וועלן שוין נישט אימשטאַנד זיין חרוב צו מאַכן די אָנשטרענגונגען, אַז די עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי קאָן זיין פאַרזיכערט און זי וועט נישט בלויז זיין אַ כלומרשדיקע, ווי דאָס פלעגט אייביק פּאַסירן מיט פאַרשידענע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן אַנטשטיין, געבן וועגן זיך אַ סימן און באַלד פאַרשווינדן, און נישט איבערלאָזן נאָך זיך קיין זכר, — גאָר דאַן האָבן אונזערע אָרגאַניזאַציעס זיך אַנטשלאָסן אויפצושטעלן דעם בנין פון „בונד".

וואָס זיינען געווען די הויפּט־מאָטיוון, וועלכע האָבן געפירט, ריכטיקער, געשטויסן, צו גרינדן דעם „בונד"?

לאָמיר דאָ נאָך אַמאָל פאַרצייכענען עטלעכע שוין באַקאַנטע פאַקטן.

אין דער צייט פון גרינדונג־צוזאַמענפאַר האָבן שוין עקזיסטירט אין פאַרשידענע גרעסערע און קלענערע שטעט פון ליטע, פוילן און ווייס־רוסלאַנד גאַנץ סאָלידע, גוט דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע סאָציאַליסטן און אַרבעטער. אין איניקע שטעט איז די אַרבעטער באַוועגונג שוין געווען זייער טיף איינגעוואָרצלט און די אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרמאָגט אַן אָנגעזעענע, צאָלרייכע מיטגלי־דערשאַפט.

זיי אַלע, — אַט די אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס — זיינען גע־שטאַנען אין ענגער, באַטענטער גייסטיקער קרובה'שאַפט. זייער טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט געטראָגן דעם זעלבן אָדער כמעט דעם זעלבן כאַראַקטער. זייער טאַקטיק, די פאָרם און דער אינהאַלט פון פּראָ־פּאַגאַנדע, זייער פּרינציפּיעלע איינשטעלונג זיינען געווען ענלעך. אַלע זיינען זיי געווען פאַרבונדן מיט דער ווילנער אָרגאַניזאַציע: זי האָט זיי סיסטעמאַטיש באַדינט מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט. ווילנע האָט געהאָלפן סיי טעכניש און אָפט אויך פינאַנציעל, צוגע־שיקט נייע טוער, צוגעשטעלט אומלעגאַלע ליטעראַטור. קיין ווילנע האָבן זיך געצויגן אַלע פעדעם פון די אָרגאַניזאַציעס. ווילנע איז אויף אַזאַ אופן פאַקטיש געוואָרן, כאָטש נישט קיין אָפיציעלער, אָבער אַ פון אַלעמען אָנערקענטער צענטער. דאָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַן אמתע פּאַרטיי. יעדנפאַלס, איז די פאָרם שוין געווען

אנגעצייכנט, מען האָט בלויז געדאַרפט געבן, אַזוי צו זאָגן, אַן אָפיציעלע סאַנקציע אויף די שוין פאַראַנענע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונגען.

אָבער נאָך מער ווי די אויסערלעך טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָטיוון זיינען נאָך געווען אַ סך ערנסטערע און וויכטיקערע סיבות, וואָס האָבן געשטויסן צו גרינדן דעם „בונד".

ווען די באַוועגונג איז פאַרטיפט און אויסגעברייטערט געוואָרן, האָבן זיך ביסלעכווייז אַריינגעריסן אין לעבן פון די אָרגאַניזאַציעס נייע פּראָבלעמען — פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע, צווישן־פּאַרטייאישע — און זיי האָבן געפאָדערט אַן ענטפער נישט פון דער אָדער יענער איינצלנער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, נאָר פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו.

עס איז שוין לאַנג געווען פאַרביי די צייט, ווען די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ און, אונטער איר איינפלוס, די איינצלנע אויספּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער האָבן באַטראַכט פאַר זייער הויפּט־אויפגאַבע אַרויסצורייסן פון דער מאַסע און צוגרייטן איינצלנע, מער באַגאַבטע, מער אַנטוויקלטע, מער קלאַסן־באַוואוסטע אַרבעטער פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן רוסישע מאַסן אין רוסישע אינדוסטריעלע צענטערס. אין פּראָצעס פון זייערע ביז־איצטיקע טעטיקייטן האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די אידישע מאַסן גופא פאַרמאָגן אַ פּאָטענציעלע רעוואָלוציאָנערע קראַפט. געבן זיי, די אידישע מאַסן, אַ געהעריקע פּאָליטישע דערציאונג, אָרגאַניזירן זיי פּאָליטיש, פירן זיי אין קאַמף — איז געוואָרן די וויכטיקסטע, די ברענענדיקסטע אויפגאַבע אין לעבן פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זייער קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע און אַלגעמיינע אינטערעסן און די נויטיקייט צו באַפרידיקן זייערע גייסטיקע און פּאָליטישע באַדערפענישן, צוגעפּאַסט צו דער אידישער סביבה, האָבן געמוזט אַרויפלייגן, און טאַקע אַרויפגעלייגט, אַ ספּעציעלן חוב אויף די פירער פון דער באַוועגונג. די ספּעציפיש אידישע פראַגן, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען אין גאַנצן אָדער כמעט אין גאַנצן פאַרזען, האָבן געפאָדערט אַן אויטאָריטעטן ענטפער. די אָריענטאַציע, אין אָט דעם זין, איז געוואָרן אַ אידישע.

פיאָנערן און בויער

אָבער הגם די מאַסן־באַוועגונג איז געוואָרן אין צאָל אַלץ ברייטער און אָרגאַניזאַציאָנעל אַלץ שטאַרקער און געזיכערטער, האָבן מיר אַלץ מער און מער זיך געפילט אָפּהענגיק פון אַרום און אַליין צו שוואַך פּאָליטיש. מיר זיינען געווען פולשטענדיק איזאָלירט. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אָפּגעזונדערט, איינע אַליין, וועלן מיר אומפאַרמיידלעך מוזן קומען אין אַ טעמפּן ווינקל, פון וואַנען מען וועט נישט געפינען קיין אויסוועג. עס איז געווען קלאָר, אַז פאַראייניקט מיט דער אַלגעמיין־רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען מיר אַלץ, און איר זיינען מיר מאַכטלאָז; אַז בכדי צו באַזיגן דעם צאַריזם, דאַרף מען פירן אַ סאָלידאַרן קאַמף פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן וואָס באַוואוינען רוסלאַנד; אַז דער נצחון פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע וועט אויך זיין אונזער נצחון: — דאָס אַלץ איז געווען אַלעמענס איבערצייגונג, דאָס איז געווען אַן אַקסיאָמע, וועלכע אַלע האָבן אָנערקענט.

פון דעם האָט לאָגיש געדרונגען דער אויסערגעוויינלעכער אינטערעס, מען קען זאָגן דער לעבנס־אינטערעס, וואָס האָט באַהערשט אונז צו זען אין רוסלאַנד אַ גרויסע, שטאַרקע, איינפלוסרייכע, פאַראייניקטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אָבער אַזאַ פּאַרטיי האָט נאָך נישט עקזיסטירט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געפונען שוואַכע, צעשפּליטערטע, פאַנאַנדערגעוואָרפענע, אָפט באַדנלאָזע גרופּעס. און אָט דער אומשטאַנד האָט נאָך מער באַוואויגען אונז צו טאָן אַלץ וואָס אין אונזער מאַכט צו העלפן בילדן אַזאַ פּאַרטיי, צו באַשאַפן זי. און מיר אַלע זיינען געווען מסכים, אַז דער ערשטער שריט אין אָט דער ריכטונג דאַרף זיין אַ פאַראייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, נישט צעשטויבט אַריינגיין אין דער צוקונפטיקער רוסלענדער פּאַרטיי, נאָר פאַראייניקט, שטאַרק, דיסציפּלינירט.

אָט דער שטאַנדפּונקט, אַז עס איז נויטיק אַ סאָלידאַרער קאַמף פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער פון דאַמאָלטדיקן רוסלאַנד קעגן צאַריזם, פאַר פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַליזם, האָט, ווי באַוואוסט, געבראַכט צו אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט דער דאַמאָלט שטאַרקסטער פּאַרטיי

דזשאַן מילל

אין אידישן תחום. מער ווי אומעטום האָט דער קאָנפליקט זיך גע־
פילט אין וואַרשע.

אויף אַן אַנדער אָרט האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, פאַרוואָס מיר
האָבן נישט געקענט אָננעמען די פּ. פּ. ס.'ישע קאָנצעפּציע פון אַן
אומאָפּהענגיקן פוילן, מאַכן אָט די פאָדערונג פאַר אונזער קאַמף־
לאָזונג, זיך אָפּגרעניצן פון דער אַלגעמיינער רוסלענדער סאָציאַליס־
טישער און ווערן אַ טייל פון דער פּ. פּ. ס.'ישער באַוועגונג. מען
דאַרף אָבער אונטערשטרייכן, אַז שוין אין יענער צייט איז די פראַ־
גע געווען באַטראַכט ווי אַ העכסט ערנסטע, און זי האָט געוויס אויך
געפאָדערט אַן אויטאָריטעטע תשובה פון די פאַראייניקטע אידישע
סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די עקזיסטענץ פון סאָלידע אָרגאַ־
ניזאַציעס אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך, דער מאַסן־כאַ־
ראַקטער פון דער באַוועגונג, די נייע „אידישע אָריענטאַציע", די
אָנגעשטרענגטע באַציאונג צו פּ. פּ. ס. — דאָס איז געווען דער באָדן,
אויף וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט דער געדאַנק,
אַז עס איז אַ געבאָט פון דער צייט צוזאַמענצורופן דעם ערשטן
צוזאַמענפאָר פון די אָרגאַניזאַציעס און צו גרינדן דעם „בונד".

די ראָלע פון וואַרשע אין דער גרינדונג פון „בונד"

פאַר די איניציאַטאָרן פון צוזאַמענפאָר זיינען אַט די אַלע אַרגומענטן געווען דורכאויס וואָגיק און איבערצייגנדיק. זיי האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן סכום פּראָבלעמען אין לעבן פון די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון יענער צייט. אָבער וואַרשע האָט נאָך געהאַט אַנדערע, באַזונדערע מאָטיוון. איך האָב אָנגעוויזן אויף זיי אין מיין שמועס מיט אַרקאַדי׳ן בשעת זיין פּלוצלומדיקן באַזוך אין וואַרשע. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל נישט נאָר פאַרשטיין אָט די מאָטיוון, נאָר אויך אָנערקענען זייער גרויסע ערנסטקייט און וויכטיקייט. נישט בלויז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּוילן אין אַלגעמיין, — ווען דעם איז שוין אָפּגערעדט — נאָר אפילו אין וואַרשע האָבן מיר נישט געשפּילט די ראָל, וועלכע מיר האָבן געוואָלט שפּילן און צו וועלכער מיר האָבן געשטרעבט מיט אַלע אונזערע כוחות. געוויס האָבן מיר מיט צופרידנקייט געקענט פאַרצייכענען אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסן דערפאָלג פון אונזער אַרבעט, אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט זיך אַליין נאַרן: אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון וואַרשע, אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן האָבן מיר פאַרטראָטן בלויז אַ קליינע גרופּע, אַן אָפּגעזונדערטע, אַ „פרעמדע", אַ מין קאָלאָניע. די פּ. ס. האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מעכטיקע צענטראַליזירטע פּאַרטיי, מיט אַ קלאָרן פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, מיט אַן אויסגעפּרובירטער טאַקטיק, דיסציפּלינירט און שטאַרק דורך אָט־דער קלאָרקייט פון אירע נאָענטע און ווייטערע צילן. וואָס האָבן מיר געקאָנט אַרויסשטעלן אַנטקעגן איר? מיינע פּריוואַטע מיינונגען? אָדער די מיינונגען פון צענטער פון אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע? די דיספּראָפּאָרץ איז געווען צו גרויס, זי האָט זיך פּשוט געוואָרפן אין די אויגן. אַלע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אונז,

דזשאַן מילל

האָבן דאָס געקענט זען און פילן. צו „קאָנקורירן“ מיט פּ. פּ. ס. זיך צו פאַרמעסטן מיט איר אויפן באָדן פון ווירקונג אויף די ברייטע מאַסן, צו שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אין אַרומיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז נויטיק געווען דער כוח און אויטאָריטעט פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אויך גוט צענטראַליזירט און דיסציפּלינירט און אויך שטאַרק דורך דער קלאָרקייט פון אירע שטרעבונגען, פון איר פּראָגראַם. עס איז געווען אַ מוז פאַר אונז צו האָבן אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל נעמען אַן אומצווייידייטיקע שטעלונג אין די אָנגעווייטיקטע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון לאַנד, אין דער פראַגע פון אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, אין דער באַציאונג פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען צו רוסלאַנד, אין די לײדנשאַפטלעכע צווישן־פּאַרטייאישע חילוקי־דעות, אין די אומנאָרמאַלע פּויליש־אידישע פאַרהעלטענישן. עס איז געווען קלאָר, אַז דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיין אַ טייל פון אַזאַ פּאַרטיי, וואָס מיר וועלן האָבן ביי איר אַן אָנשפּאַר, וועט זיך עפענען פאַר אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט אַן אומגעהויער גרויס פעלד, מיט אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן אָן אַ שיעור. דורך דער מאָראַלער און פּאָליטישער אונטערשטיצונג, וואָס זי וועט אונז געבן, וועט אונזער פּאָזיציע און אונזער צוקונפט אין פּוילן זיין פאַרזיכערט.

אָט דאָס זיינען געווען מיינע אַרגומענטן אין געשפּרעך מיט אַרקאַדין און זיי פלעג איך אויך פאַרברענגען אין ווילנע, וואו איך בין אַ פּאָר מאָל ספּעציעל צוגעפאָרן אונטערצוזיאָגן און צו מאָנען וואָס גיכער צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. איך האָב דאָס געטאָן אומדערמידלעך, מיט אומגעדולד, מיט איינגעשפּאַרטקייט. ווייל מיר האָבן זיך געפונען אין אַן אויסנאַם־לאַגע. קיין אַנדערע שטאָט איז דאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי פון אידישע אַרבעטער, ווי וואַרשע.

די וואַרשעווער דעלעגאַציע. אַרקאַדי וויל אָפּלייגן דעם צוזאַמענפאָר

איך געדענק זייער גוט: אין אַ שיינעם פוילישן האַרבסט־טאָג דערלאַנגט מיר דער בריוו־טרעגער אַ צייטונג פון ווילנע. דאָס איז אַ שיפּרירטע ידיעה. אַרקאַדי קרעמער לאָזט מיר וויסן, אַז די פראַגע וועגן דעם לאַנג פּראָיעקטירטן צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן פּאָזיטיוו, אַז איך דאַרף קומען אין אַזאַ און אַזאַ טאָג, אין אַזאַ און אַזאַ אָרט, וואו ער וועט מיך באַגעגענען און וואו ער וועט מיר געבן אַלע ווייטערדיקע נויטיקע אָנווייזונגען און דעטאַלן.

אויפגערעגט, באַהערשט פון אַ גרויסער פרייד אייל איך זיך אַ טריאומפירנדיקער צו אונזער קאָנספּיראַטיווער דירה אויף דער מילאַגאַס, אין צווייטן אָדער דריטן הויז פון נאַלעווקי, וואו עס האָבן געוואוינט מאַריאַ זשאַלודסקאַ און די שיינע, אייביק שמייכלענדיקע מערעלע גינזבורג. איך גערפין אין דער היים בלויז מערעלען און טאַקע דורך איר רוף איך אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט צו אַן אויסעראָרדענטלעכער זיצונג דעם זעלבן אָוונט.

איך ווייס נישט גענוי, ווי עס האָט אויסגעזען די פּראָצעדור אין די אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע שטעט, אָבער ביי אונז אין וואַרשע האָט דער קאָמיטעט ערנסט און אויספירלעך אַרומגערעדט די אויפגאַבן פון דעם פאַרשטייענדיקן צוזאַמענפאָר. אַזוי ווי קיין פּראָגראַם און קיין טאָג־אָרדענונג זיינען נישט געווען פאָנאַדער־געשיקט, האָבן מיר געזוכט צו טרעפן, וואָס פאַר פראַגן וועלן פאַרהאַנדלט ווערן. מיר האָבן געוואוסט, אַז די צענטראַלע פראַגע וועט זיין צו גרינדן אַ פאַראייניקטע קערפּערשאַפט פון אַלע עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס פון אידישע אַרבעטער און אַז אַרום אַט דער עיקרדיקער אויפגאַבע פון צוזאַמענפאָר וועלן זיך דרייען

דזשאָן מילל

אַלע דעבאַטן, האָבן מיר דעריבער הויפּטזעכלעך דיסקוטירט די פראַגע וועגן דער נויטיקייט צו גרינדן די פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, און מיר האָבן דערביי אונטערגעשטראָכן די ריזיקע באַדייטונג, וואָס זי קען האָבן פון שטאַנדפּונקט פון די פּאָליטישע און פּאַרטייאישע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן.

עס איז אָנגענומען געוואָרן מיין פאָרשלאָג צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון דריי. איך און ל. גאָלדמאַן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק. די שטימען פאַר דעם דריטן דעלעגאַט האָבן זיך צעטיילט. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז צביה הורוויטש וואָלט געווען דער דריטער דעלעגאַט, אויב נישט דער אומשטאַנד, וואָס זי איז אָקאָרשט אַרויס פון תּפיסה. זי האָט דאָרטן פאַרבראַכט אומגעפער אַ גאַנצן יאָר און אויף אַזאַ אופן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די מענטשן און געשעענישן אין דער וואַרשעווער באַוועגונג. צוליב אָט דער סיבה, האָב איך זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מאַריאַ זשאַלודסקאַ, און זי איז טאַקע אויסגעווילט געוואָרן. צביה האָט דאָס מיר נישט געקענט פאַרגעבן און חדשים לאַנג האָט זי זיך שטאַרק גע'ברוגז'ט אויף מיר...

ווי נאָר איך האָב אין ווילנע פאַרלאָזן דעם באַן, בין איך גלייך געקומען אויפן אָפּגערעדטן אָרט, וואו אַרקאַדי און גלעב האָבן שוין געוואַרט אויף מיר. ביידע זיינען אומרואיק, צעטראָגן, אומאַנטשלאָסן. גלעב שוויגט כמעט די גאַנצע צייט, ריידן רעדט אַרקאַדי. דאָס, וואָס איך דערהער פון אים, איז פּשוט אומגלויבלעך, אומבאַגרייפלעך. דעם צוזאַמענפאָר, זאָגט ער, קען מען איצט נישט אָפּהאַלטן, מען מוז אים אויף אַ געוויסע צייט אָפּלייגן. זינט פּאַטי איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן — אין טשאַאוסי, מאָהילאָווער גובערניע — קומען אין ווילנע פאַר אָפּטע אַרעסטן. אָקאָרשט זיינען ווידער אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. שפּיאָנען דרייען זיך לעצטנס אַרום אויף אַלע גאַסן. די געפאַר איז גרויס. צוליב אָט־דער באַדראָטער לאַגע האָט מען אַ פּאָר שטעט אפילו נישט מיטגעטיילט וועגן צוזאַמענפאָר.

ווי אַ דונער וואָלט מיך געטראָפן!

— אוממעגלעך, הייב איך אָן צודרינגלעך, עקשנות'דיק צו

טענה׳ן מיט זיי. — איך ווייס נישט ווי די אנדערע דעלעגאטן, אָבער מיר פון וואַרשע קענען זיך נישט צוריקקערן מיט ליידיקע הענט. אונ־זער לאַגע אין פוילן איז אַזאַ, אַז דער צוזאַמענפאָר איז פאַר דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט. אויב אַ געפאָר עקזיסטירט איצט, וועט זי דאָך אויך שפּעטער עקזיסטירן און דאָס הייסט אָפּלייגן אונזער פּלאַן ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. עס מוז געפונען ווערן אַ וועג, ווי צו רעאַליזירן אים אָן געפאַר איצט. די ווילנער קענען בעסער די אָרטיקע באַדינגונגען און אויף זיי ליגט דער חוב דורכצופירן דעם צוזאַמענפאָר דערפאָלגרייך און צו באַ־וואָרגן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען די זיכערקייט פון זיינע אָנטייל־נעמער.

מיינע אַרגומענטן און מיין איינגעשפאַרטקייט האָבן געבראַכט דעם געוואונטשטן רעזולטאַט. ביסלעכווייז האָבן אַרקאַדי און גלעב זיך געלאָזט איבערצייגן. זיי ביידע האָבן סוף־כל־סוף מסכים געווען, אַז די זעלבע געפאַר וועט געוויס סיי־ווי־סיי נישט פאַרשווינדן אין דער נאָענטער צוקונפט. און אויב אַזוי, איז שוין ראַטזאַמער נישט אָפּצושטעלן זיך אויף אַ האַלבן וועג און זען צו ענדיקן איצט דאָס, וואָס עס איז ביז היינט־צו־טאָג, נאָך גובר זיין אַזוי פיל שווע־ריקייטן, געלונגען דורכצופירן.

דזשאָן מילל

די געבורט פון „בונד"

ניין, דאָס איז נישט אַ באַקוועמער זאַל אין אַ האָטעל אָדער אין אַ טעאַטער, וואו עס איז ליכטיק, לופטיק, גערוימיק. די „געסט" קומען נישט צו דער „שמחה" אין אויטאָמאָבילן — די לעצטע זיינען אפילו נאָך נישט געווען דערפונדן. איינציקווייז, זייער פאַר־זיכטיק, כסדר אומקוקנדיק זיך, צי די צאַרישע משרתים פאָלגן נישט נאָך, פאַרזאַמלען זיך יעדן פרימאָרגן אין משך פון דריי טעג דרייצן דעלעגאַטן פון אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון ווילנע, וואַרשע, מינסק, ביאַליסטאָק און וויטעבסק. אונזער „זאַל" איז אַ צימערל אויף אַ שאַלקע פון אַ קליין הייזקעלע, וואָס געפינט זיך ווייט פון צענטער פון שטאָט, אויף לוקישעק, אין ווילנע. אַן אמת פּראָלעטאַרישע דירה, פּוסט, אָרעם, כמעט אָן מעבל; אַ בעט אין איין ווינקל, אַ קאַסטן אין אַ צווייטן, אַ גרויסער טיש אין מיטן פון צימער, אַ פּאָר שטולן. אַ נישט־געראָטענער פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס הענגט אויף דער וואַנט. נישטאָ פּאָר אַלעמען קיין באַ־קוועמע ערטער אויף צו זעצן זיך און מען זיצט אויפן בעט, אויפן קאַסטן, מען טוליעט זיך צו וואו מען קאָן און ווי מען קאָן. דאָס צימערל געהערט צו אַן אָנגעשטעלטן אין סעגאַלס אַפּטייק־געשעפט, יעקב ראָזענטאַל, און ער קומט צו זיך אַהיים בלויז ביינאַכט, מער נישט ווי איבערצונעכטיקן.

אין דעם־אָט צימער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דעם „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד", אָט־דאָ איז געבוירן געוואָרן די פּאָליטישע פּאַרטיי פון אידישע אַרבעטער.

וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע שטימונג עס הערשט דאָ! וואָס פאַר חבר׳יש־אינטימע, פריינטלעכע, האַרציקע קעגנזייטיקע באַצי־אונגען; אַ זייטיקער מענטש וואָלט געוויס אָנגענומען די פאַר־זאַמלונג פאַר אַ פאַמיליע־צוזאַמענקום. מיט קליינע אויסנאַמען

קענען אַלע איינער דעם אַנדערן. אויך איך בין שוין יאָרן־לאַנג מיט אַלעמען באַקאַנט — בלויז דעם וויטעבסקער דעלעגאַט באַגעגן איך צום ערשטן מאָל. די אַנוועזנדע זיינען ערנסט, פאַרטיפט אין זייערע אייגענע געדאַנקען, אַ ביסל אומרואיק — אַזוי ווי זיי וואָלטן געפילט, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכן היסטאָרישן שריט זיי זיינען גרייט צו מאַכן און וואָס פאַר אַ וויכטיקן קאַפּיטל זיי גייען אַריינשרייבן אין דער געשיכטע פון דער אידישע סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון אידישן פאָלק בכלל.

די ערשטע זיצונג עפנט זיך אָן אָפיציעלע רעדעס, אָן צערעמאָניעס, אָן פאָרמאַליטעטן. מען טרעט צו צו דער עצם־זאַך גאַנץ פשוט, נישט פאַרלירנדיק אַ מינוט צייט אויף נישט וויכטיקע זייטיקע רעדעס, אויף פאַרצושטעלן יענע, וואָס קריגן אַ וואָרט, אפילו נישט אויף אויסצואַרבעטן אין דעטאַלן די טאָג־אָרדענונג. איידער וואָס ווען דערקלערט אַרקאַדי אין אַ פּאָר געציילטע ווערטער פאַר וואָס עטלעכע שטעט, וואָס זיינען געווען באַרעכטיקט צו זיין רעפּרעזענטירט, זיינען נישט איינגעלאַדן, — טאָקע מחמת די פּאָליציייאישע באַדינגונגען און מחמת די ספקות, צי דער צוזאַמענפאָר זאָל איצט אָפּגעהאַלטן ווערן. צוליב די זעלבע טעמים האָט פאַוול בערמאַן פון מינסק זיך פאַרשפּעטיקט אויף אַ גאַנצן טאָג.

די אייגענטלעכע פאַרהאַנדלונגען פון צוזאַמענפאָר עפענען זיך מיט אַן אויספירלעכער רעדע, וואָס ווערט געהאַלטן פון אַרקאַדי קרעמער'ן. זי ווערט אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם, ביי אַ טויטער שטילקייט. קיין איינציק וואָרט גייט נישט פאַרלאָרן. אין קלאָרע ווערטער, זאַכלעך, פּרעציז, אָן שיינע פראַזן, אָן פּאַטאָס, דערקלערט ער אַלע וויכטיקערע מאָטיוון, וואָס האָבן געצוואונגען צוזאַמענצורופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם צוקונפטיקן בונד פון אידישע אַרבעטער. עס איז אַ פּראַקטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע און נאָך מער אַ פּאָליטישע נויטיקייט. עס איז אַ מוז, דיקטירט דורך די אומשטענדן, אין וועלכע עס קומט אונז אויס צו אַרבעטן, דיקטירט דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט צווישן די מאַסן. אַ פאַראייניקטער בונד פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס וועט האָבן פאַר אַ ציל נישט נאָר דעם קאַמף

דזשאַן מילל

פאַר אַלגעמיין־רוסלענדישע פּאָליטישע פאָדערונגען, נאָר ער וועט אויך האָבן אַ ספּעציפישע אויפגאַבע, — פאַרטיידיקן די ספּעציעלע אינטערעסן פון אידישן אַרבעטער, קעמפן פאַר זיין מענטשן־ערע, פאַר זיינע בירגערלעכע רעכט, קעמפן קעגן אַלע אַנטי־אידישע אויסנאַם־געזעצן. — מען טאָר נישט און מען קאָן נישט בלייבן צעשטויבט, נאָכמער, ווען די גרינדונג פון אַן אַלגעמיין־רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז אַ זאַך פון דער נאָענטער צוקונפט. עס איז אין די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער צו העלפן בילדן אַזאַ פאַרטיי וואָס גיכער און אַריינגיין אין איר פאַר־אייניקט, אַלס אַ גאַנצעס, אַלס אַ סאָלידע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבן דאָס רעכט אַנצונעמען אירע אייגענע באַשלוסן אין ספּעציפיש־אידישע פראַגן און אַרויסגעבן איר אייגענע ליטעראַטור פאַר די אידישע מאַסן.

אַרקאַדי באַרירט אויך די באַציאונגען מיט אַנדערע סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן ווי אין רוסלאַנד אזוי אויך אין אויסלאַנד און דערביי שטרייכט ער אונטער מיט גרויס צופרידנ־קייט דעם פריינטלעכן כאַראַקטער, וואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט גע־טראָגן. אַ פאַרדריסלעכן אויסנאַם שטעלן פאַר די באַציאונגען מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער שטעלט זיך אָפּ מער אויספירלעך אויף איר פאַרביטערטן קאַמף, וואָס זי פירט קעגן אונז, ספּעציעל קעגן דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, אויף די אומדער־לאָזבאַרע מעטאָדן וואָס זי געברויכט, אויף אירע משוגע׳נע באַשול־דיקונגען אין אונזער כלומר׳שט „רוסיפיקאַטאָרישער" אַרבעט און אין אונזער אויסגעפּאַנטאַזירטער „שנאה" צו אירע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

אויך דער וויכטיקער ענין „פּרעסע" פאַרנעמט אַן אַנגעזעענעם אָרט אין אַרקאַדי׳ס רעדע.

אַ פאַר יאָר נאָכאַנאַנד האָבן עטלעכע אַרבעטער„ געשטורעמט" דעם ווילנער קאָמיטעט, — אייגענטלעך אַרקאַדין, וולאַדימירן און גלעבן — מיט דער פאָדערונג אָוועקצושטעלן אַ געהיימע דרוקערײ און אָנצוהייבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. זיי האָבן צוגעזאָגט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע טעכנישע באַזאָרגונג און צוצושטעלן מענטשן,

וואָס זאָלן טויגן פאַר אַזאַ געפערלעכער אונטערנעמונג. דעם קאָמיטעט האָט נישט געפעלט אַנטשלאָסנקייט און פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטיקייט צו האָבן אַ דרוקעריי און אַ צייטונג, אָבער ער האָט גלייכצייטיק פאָראויסגעזען אומצאָליקע שוועריקייטן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער, פינאַנציעלער און קאָנספּיראַטיווער נאַטור אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָיעקט. און אַ חודש נאָך אַ חודש גייען פאַרביי אָן דעם קלענסטן צייכן, אַז דער פּלאַן וועט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן. די געדולד ביי יענער גרופּע אַרבעטער האָט געפּלאַצט און אין איין שיינעם טאָג זיינען מיר אַלע באַשענקט געוואָרן מיט אַ גליקלעכער איבעררא̇שונג, מיט "fait accompli" („אַ פאַרטיקע זאַך״), מיט דער „אַרבעטער שטימע״ געדרוקט אין אַן אייגענער דרוקעריי. צוויי פון די אַרבעטער — סאָראָקאַ און קאַפּלינסקי — זיינען דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר. זיי דריקן אויס זייער גרייטקייט איבערצוגעבן אין רשות פון צוקונפטיקן צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע די דרוקעריי און די „אַרבעטער שטימע״.

די דעבאַטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַרקאַדיס רעדע, האָבן קיינע פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן נישט אַרויסגעוויזן. אפילו גאָלדמאַן, וואָס האָט אין 1894, אויף דער ווילנער קאָנפערענץ, מיט אַזוי פיל היץ אַרויסגעטרעטן קעגן די טעזן, וואָס זיינען דאָרטן אָנגענומען געוואָרן, האָט דאָ מיט קיין איינציקן וואָרט זיך נישט אַרויסגעזאָגט קעגן די הויפּט־געדאַנקען פון אַרקאַדי׳ס רעדע. און איינשטימיק, מיט גרויס ענטוזיאַזם, ווערט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון אַ פאַראייניקטן בונד פון אַלע עקזיסטירנדיקע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע.

דזשאַן מילל

דער נאָמען

בלויז איין פראַגע האָט ביים צוזאַמענפאָר ארויסגערופן אַ לענגערע און הייסע דעבאַטע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם נאָמען פון דער נייער פאַרטיי. צוויי פאָרשלאָגן זיינען געווען אַרויסגערוקט און אַרום זיי האָט זיך געדרייט אַן אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע דיסקוסיע. אַרקאַדי האָט רעקאָמענדירט דעם נאָמען: „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד". קעגן אים האָב איך — אונטערשטיצט פון די איבעריקע צוויי דעלעגאַטן פון וואַרשע, — געמאַכט דעם פאָרשלאָג צו געבן אונזער פאַרטיי דעם נאָמען: „די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד און פוילן".

אַרקאַדי'ס רעקאָמענדאַציע האָט געפונען מער אָפּקלאַנג ווי מיינע. די קעגנער פון מיין פאָרשלאָג האָבן אויף אַן עכט אָפּאָרטוניסטישן אופן גע'טענה'ט, אַז נאָר די אויבערשטע אַרבעטער־שיכטן פון דער באַוועגונג און נישט די מאַסן־מענטשן קאָנען זיך פילן ווי אַ טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז פאַקטיש וועלן די מער אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן זיך אפילו שרעקן פאַר אַזאַ נאָמען, און מיר ווילן דאָך, אַז יעדער אידישער אַרבעטער זאָל זיך פילן באַקוועם, ווי ביי זיך אין דער היים, אין דער נייער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. דער נאָמען „אַרבעטער בונד" וועט זיין פאַרשטענדלעך פאַר זיי, וועט אַפּעלירן צו זיי, וועט זיך לייגן אויפן שכל און וועט האָבן אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט. אונזער צד האָט אָפּגעהאַרציק צוגעגעבן, אַז די אַרגומענטן זיינען אפשר ריכטיק פאַר די אָפּגעשטאַנענע, פאַרוואָרפענע קליינע שטעטלעך, אָבער נישט פאַר אַזעלכע שטעט ווי וואַרשע און ביאַליסטאָק, מינסק און ווילנע, וואו דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" שרעקט שוין קיינעם נישט און וואו דער פּאָליטישער מאַסן־

קאַמף ווערט אַלץ שטאַרקער און ווערט אַלץ מער און מער אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

דער נאָמען, וועלכן אַרקאַדי האָט פאָרגעשלאָגן, איז פונדעסט־וועגן אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן די דריי שטימען פון דער וואַרשעווער דעלעגאַציע. דאָך מיט מיינער אָן אויסבעסערונג. זי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס נאָך דעם וואָרט „רוסלאַנד" זיינען צוגעגעבן געוואָרן די ווערטער „און פוילן". דער נאָמען פון אונזער פאַרטיי איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן: „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן".

עס האָט געדויערט נאָך פיר יאָר ביז דער „בונד" האָט באַשלאָסן אויף זיין 4טן צוזאַמענפאָר צוצוגעבן צו זיין נאָמען דאָס וואָרט „ליטע" מיט דער כוונה צו פאַרצייכענען די גאַנצע טעריטאָריע, אויף וועלכער ער איז געווען טעטיק. אזוי ארום איז דער אָפיציעלער נאָמען געוואָרן: „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד".

עס איז ווערט דאָ צו באַמערקן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע אַרגומענטן פון אַרקאַדי און זיינע אָנהענגער אין צוזאַמענהאַנג מיטן נאָמען, וועלכן איך האָב פאָרגעשלאָגן: „די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד און פוילן", האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ צוגאָב־באַשלוס, וואָס איז געווען אַ דירעקטער היפוך פון אַט די אַרגומענטן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אונטער וועמענס נאָמען דאַרפן אַרויסגיין די אַרטיקלען אויפרופן. די דעלעגאַטן האָבן פאַרגעסן די אַלע רייד וועגן דער מעגלעכער נעגאַטיווער באַציאונג פון די מאַסן צו דעם נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", און זיי האָבן זיך געאייניקט אויף דעם, אַז דאָס קעפּל פון די אויפרופן דאַרף אָנווייזן די צוגעהעריקייט צום „בונד", די אונטערשריפט — דאַרף געבן דעם נאָמען פון אַרטיקן (וואַרשעווער, ווילנער . . .) „סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט".

דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאָנצעסיע פון צוזאַמענפאָר צו דער מינדערהייט.

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

אַ נייע נשמה, נייע האָפענונגען

די בשורה וועגן דער גרינדונג פון „בונד" האָט זיך גיך פאַרשפרייט און זי איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט גרענעצלאָזער באַגייסטערונג. דער „בונד" איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטן צענטער, אין אַ העלן פונקט, ארום וועלכן עס האָבן זיך געזאַמלט די אידישע אַרבעטער פון נאָענט און פון ווייט, מיט גרויסע האָפענונגען און אַ שטאַרקן גלויבן. קאָמיטעטן און גרופּעס פון „בונד" זיינען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון „תחום" אויסגעוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ וואַרעמען רעגן. די ענערגישע, קאַמף־לוסטיקע בערשטער, אַרום 70 פּראָצענט אָרגאַניזירט, האָבן נאָכגעמאַכט דעם „בונדס" ביישפּיל און געגרינדעט די פּראָפעסיאָנעלע מוסטער־אָרגאַניזאַציע, דעם „בערשטער בונד". צו אים האָבן זיך דורך דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ זיך געצויגן אַלעמענס סימפּאַטיעס פאַר זיין קלאָרע פאַרשטענדעניש פון די פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבן און פליכטן און פאַר זיין איבערגעבנקייט צו דעם אַלגעמיינעם „בונד", וועמען ער האָט פּאַרטיאיש און פּאָליטיש אונטערשטיצט. נאָך די בערשטער זיינען געקומען די גאַרבער, און כאָטש זיי האָבן באַלד צוזאַמען מיט זייערע קריסטלעכע אַרבעטס־חברים געגרינדעט אַ פעדעראַטיווע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, זיינען זיי פאַרבליבן אין ענגסטער און פריינטלעכסטער פאַרבינדונג מיטן „בונד". די „אַרבעטער שטימע", איצט דער צענטראַלער אָרגאַן פון „בונד", האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען פּינקטלעך און סיסטעמאַטיש. פּראָקלאַמאַציעס און בראָשורן — צווישן זיי קאָסאָווסקיס וויכטיקע בראָשור וועגן דער פּ. ס. — האָבן פאַרפּלייצט אַלע ערטער, וואו דער „בונד" איז געווען טעטיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאָכיק לעבן.

קורצע, געציילטע חדשים זיינען פאַרביי — און פריינט און

פיאָנערן און בויער

פיינט האָבן געמוזט מסכים זיין, אַז דער „בונד״ האָט אריינגעבלאָזן אין די אידישע מאַסן אַ נייע נשמה, אַז ער האָט זיי געגעבן יענעם אינערלעכן כוח, וואָס מאַכט גרינגער אַריבערצוטראָגן אַלע צרות און פאַרפאָלגונגען סיי אויפן עקאָנאָמישן און פאָליטישן, סיי אויפן נאַציאָנאַלן געביט.

ער האָט אַריינגעבראַכט אין אידישן פאָלק קולטור, זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסטרעספּעקט.

ער האָט אָנגעפילט די אידישע מאַסן מיט דער האָפענונג אויף בעסערע צייטן, מיטן גייסט פון קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, געבויט אויף אַ גערעכטן סאָציאַלן סדר. ער האָט זיי אויך אָנגעפילט מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דער צוקונפטיקער דערלייזער פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע, דער סאָציאַליזם, וועט אויך ברענגען אַ ישועה פאַרן אידישן פאָלק.

אפילו אין די פינסטערסטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ איז דער „בונד״ פאַרבליבן אַ פאַרטיי נישט פון קרענקלעכער פאַרצווייפלונג און יאָמער, נאָר פון אַ געזונטן, יוגנטלעכן אָפּטימיזם.

ד ז ש אָ ן מ י ל ל

די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי

אומגעפער אין אַ האַלבן יאָר שפּעטער, נאָך דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג, וואָס די גרינדונג פון „בונד" האָט אַרויסגערופן, האָבן די מער באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זייער טיפע צופרידנקייט מיט אַ שטיק נייעס, וועגן וועלכער זיי האָבן שוין לאַנג גע'חלומ'ט: עס האָט זיך צעטראָגן די בשורה וועגן דער גרינדונג פון דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי".

קיין אמת'ע באַגייסטערונג האָט די דאָזיקע בשורה נישט אַרויסגערופן — בלויז אַ געפיל פון צופרידנקייט, פון סאַטיספאַקציע. ווייל פאַר קיינעם איז נישט געווען קיין סוד די אומגלויבלעכע שוואַכקייט פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געבילדעט די פּאַרטיי, די נישטיקייט פון זייער השפעה אויף די רוסישע אַרבעטער־מאַסן. אין תוך גענומען איז די נייע פּאַרטיי פון קיינעם נישט געווען אנערקענט אַלס אַ רעאַלער געזעלשאַפטלעכער כוח. מען האָט דערווייל געקוקט אויף איר בלויז ווי אויף אַ סימבאָל, אַ פירמע, אַ מעגלעכקייט. איר וואוקס, איר וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם רוסישן פּאָליטישן לעבן און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז דאַמאָלט דערשינען ווי אַן אידעאַל, ווי אַ צוקונפט־מוזיק.

אָן דעם „בונד" וואָלט די פּאַרטיי דאַמאָלט נישט געקאָנט געגרינדעט ווערן; אָן דעם „בונד" וואָלט זי זיך נישט געקענט שטעלן אויף די פיס. דער „בונד", אַלס אַ פאַרצווייגטע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, מיט פיל דערפאַרונג, מיט אַ גוט פונקציאָנירנדן טעכנישן אַפּאַראַט, איז פון אָנפאַנג אָן געווען דאָס האַרץ און די אָדערן פון דער געגרינדעטער פּאַרטיי.

דער „בונד" איז געווען דער איניציאַטאָר פון צוזאַמענפאָר.

ער האָט אים צוגעגרייט און אָרגאַניזירט. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דרוקן נישט נאָר דעם מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך אויפרופן פון לאָקאַלע קאָמיטעטן. ער האָט צוגעזאָגט צו פאַרזאָרגן זיי מיט ליטעראַטור פון אויסלאַנד און צו געבן זיי אַלע מינים טעכנישע הילף.

דירעקט און אומדירעקט האָט די בונדישע טאַקטיק באַאיינ־פלוסט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַן אַנטייל גענומען אין דעם צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. אַרקאַדי קרעמער׳ס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" איז זיי אַלעמען געווען גוט באַקאַנט. אין אייניקע ערטער האָט מען איר דורך אַ טעות אפילו באַטראַכט אַלס אַן אַריינפיר אין פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

מער נישט ווי דריי רוסישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַר־טראַטן אויפן צוזאַמענפאָר: דער „סאָיוז באָרבי" („דער פאַרבאַנד פון קאַמף") פון פּעטערבורג און יעקאַטערינאָסלאַוו און די קיעווער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" („די אַרבעטער־צייטונג").

פאַר דער שטאַרקסטער פון זיי איז געווען פאַררעכנט די קיעווער גרופּע. אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" — אַ זאַך, וואָס אין יענער צייט געווען באַטראַכט אַלס אַ צייכן פון איינגעוואָרצלטקייט און סאָלידקייט.

וויל איך דאָ, אגב אורחא, באַמערקן, אַז די שריפט פאַר זייער דרוקעריי האָבן די קיעווער געקראָגן פון „בונד", געגנבעט פון אַרקאַדי׳ן. זייער פאַרטרעטער, אוריצקי, איז ספּעציעל פאַר דעם צוועק געקומען קיין מינסק.

אוריצקי׳ס נאָמען האָט מיט 20 יאָר שפּעטער אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד. זיין פּאָליטישע קאַריערע האָט ער אָנגעהייבן אַלס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אין משך פון אַ 15 יאָר האָט ער דורכגע־מאַכט דעם באַקאַנטן מאַרטירער־וועג פון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָ־נערן: טורמע, סיביר און ווידער טורמע. שפּעטער איז ער צוגע־שטאַנען צו די באָלשעוויקעס און איז געוואָרן ביי זיי אַ זייער באַ־דייטנדיקע פיגור. דאָס איז געווען ער, וואָס האָט אין 1917 נישט נאָר אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון צוזאַמענרופן און פון

דזשאַן מילל

דערפענען די אַלרוסישע „קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג", נאָר וואָס האָט זי אויך ברוטאַל פונאַנדערגעטריבן . . . אַלס פאָרזיצער פון דער „אויסעראָרדענטלעכער קאָמיסיע" אין פעטראָגראַד, — פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, דער אַזוי־גערופענער „טשעקאַ", ווייזט ער אַרויס פיל גרויזאַמקייט צו די קעגנער פון דעם באָלשע־וויסטישן רעזשים און זיין נאָמען ווערט מער און מער פאַרהאַסט ביי אַלע אַנטי־באָלשעוויקעס. אין אויגוסט 1918 פאַלט ער אַ קרבן פון די פאַרפאָלגונג־מעטאָדן, וואָס ער האָט אַנגעווענדט: ער ווערט דערמאָרדעט דורך אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

זיין אָנדענק האָבן די באָלשעוויקעס באַערט מיט דעם, וואָס אין לענינגראַד, אויפן אָרט, וואו מען האָט אים דערמאָרדעט, איז אויפ־געבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקער סקווער מיט אַ מאָנומענט — דער „אוריצקי סקווער" . . .

אויב פּרינציפּעלע און טאַקטישע פראַגן האָבן פאַרנומען פאַר־העלטניסמעסיק זייער אַ קליינעם פּלאַץ אין די דעבאַטן אויפן גרינ־דונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד", האָבן זיי אויפן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר כמעט אין גאַנצן געפעלט. קיינע חילוקי־דעות און קיינע וויכוחים.

פריינטלעך און אין פולשטענדיקן שלום האָבן די ניין דע־לעגאַטן — זעקס פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס און דריי פון „בונד" — אָנגענומען דעם „בונד'ס" פאָרשלאַג אָנצורופן די ניי־געגרינ־דעטע פּאַרטיי מיטן נאָמען: „די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אַרבעטער פּאַרטיי", אַנשטאָט דעם נאָמען, וואָס די רוסישע דעלעגאַטן האָבן פאָרגעשלאָגן: „די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי".

אָן שוועריקייטן האָט דער „בונד" געקראָגן אויטאָנאָמיע רעכט אין דער פּאַרטיי — אַ זעלבסטשטענדיקייט אין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די ספּעציעלע אינטערעסן פון דעם אידישן אַר־בעטער קלאַס.

אין צענטראַלן קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: אַר־קאַדי, פון „בונד"; ראַדטשענקאָ, פון פעטערבורג און אײדלמאַן, פון קיעוו.

דער קאָמיטעט אין אָט־דעם צוזאַמענשטעל האָט נישט עקזיס־

פיאָנערן און בויער

טירט לאַנג. אײדעלמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן קורץ נאָכן צו־זאַמענפאָר, אַרקאַדי אין אַ פּיר חדשים אַרום. קיין גליק און געזונט האָט די פּאַרטײ דעם „בונד״ נישט צוגעגעבן — נישט דאַמאָלט און נישט שפּעטער. די שפּיאָנען, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די רוסישע דעלעגאַטן האָבן אַרײנגעכאַפּט אין זײער נעץ די בעסטע פירער פון „בונד״ און אויף אַ לאַנגע צייט אָפּגעשוואַכט זיינע רייען. ווי עס איז באַוואוסט האָט דער „בונד״ אויך אין לויף פון די שפּעטערדיקע יאָרן קיין צופיל נחת פון דער פּאַרטײ נישט געהאַט. ער האָט צו אָפט זיך באַגעגנט דאָרט מיט אַנטוישונגען. דער „בונד״ האָט געקעמפט פאַר פּאַרטײאישער אײניקייט און הארמא־ניע, און ער האָט זיין ציל נישט דערגרייכט; ער האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן אָנשטרענגונגען אויף צו העלפן אַנטוויקלען אין דער פּאַרטײ די יסודות פון חבר׳שאַפט און קעגנזייטיקן צוטרוי, און אים איז דאָס נישט געלונגען; ער האָט געשטרעבט אויס־גלייכן די ווירקלעכע אָדער אויסגעטראַכטע אונטערשיידן — אָבער אָן דערפאָלג. אזוי איז דאָס, — דורך דער גאַנצער צייט פון זיין צו־געהעריקייט צו דער פּאַרטײ — האָט דער „בונד״ דאָרטן געפונען גאָר ווייניק פרייד.

דזשאָן מילל

דער „בונד" פאַרשפּרייט זיך איבער פּוילן. פּ.פּ.ס. איז באַאומרואיקט

די גרינדונג פון „בונד", ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט אומגעהויער סטימולירט און אויך סטאַביליזירט די אידישע אַר־בעטער־באַוועגונג, סיי אין וואַרשע, סיי אין די אַנדערע שטעט פון פּוילן. מיר האָבן דערפילט מער זיכערקייט אין זיך, דער באָדן אונטער אונז איז געוואָרן עפּעס פעסטער, דער גלויבן אין אונזערע כוחות אַ סך שטאַרקער. ווי אַמאָל ווילנע, האָט איצט אויך וואַרשע אָנגעהויבן צו „קאָלאָניזירן" אַנדערע שטעט אין פּוילן. דער פּראָ־ל'עטאַרישער צענטער, לאָדזש, האָט אַממערסטן געצויגן אונזער אויפ־מערקזאַמקייט און מיר האָבן באַשלאָסן צו דעראָבערן אָט־די פעס־טונג פון גרויס־קאַפּיטאַל און מעכטיקער אינדוסטריע. אָן וועלכע־עס־איז שוועריקייטן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו איבערצייגן בייסאַכזאָגנען און אַ פּאָר אַרבעטער, אַז עס איז איסערגעווינלעך וויכטיק, אַז זיי זאָלן אַריבערפאָרן קיין לאָדזש. דאָרטן האָבן שוין דאַמאָלט געוואוינט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, באָריס פרומקין און זיין נערוועזע, עקזאַלטירטע און אָפּט אומפאַראַנטוואָרטלעכע שוועסטער, וועלכע איז דערנאָך אַוועק צו די סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן, אַריינגעטראָטן אין זייער „קאַמף־אָפּטיילונג" („באָיעוואָי אָטריאַד") און איז שפּעטער פאַר אַ טעראָריסטישן אַקט אין מאָסקווע אויפגעהאָנגען געוואָרן (1901). אויך גלעב מיטניקאָוויטש האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר צום סוף 1897 שוין געהאַט דאָרטן אַ גענוגענדע צאָל מענשן אויף צו בילדן אַן אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד".

אויך אַנדערע קלענערע פּראָווינציעלע שטעט אין פּוילן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם ווירקונג־קרייז פון „בונד". יעדער אַרבעטער פון אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, פלעגט בעת באַ־זוכן זיין געבורט־שטאָט אָדער ביים אַריבערפאָרן אויף אַרבעט אין

פיאָנערן און בויער

אַן אַנדער אָרט, אויספירן די ראָל פון אַ נאַטירלעכן אַגענט אָדער שליח פון „בונד". ער פלעגט זען אויפצובויען סאָציאַליסטישע־גרופּעס און ברענגען זיי אונטער דער השפּעה פון „בונד". וואַרשע איז גע־וואָרן דער צענטער, פון וועלכן אַלע אָט־די ניי־דערשאַפענע פּאָזיציעס פלעגן ווערן באַזאָרגט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און פון וואַנען זיי פלעגן צייטנווייז אויך קריגן פינאַנציעלע שטיצע, ספּעציעל פאַר שטרייקן.

די כסדר וואַקסנדיקע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגע־הייבן שטאַרק צו באַאומרואיקן נישט בלויז די רוסישע רעגירונג — וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער, — נאָר . . . אויך די פּ.פּ.ס. איר טאַקטיק פון מאַכן זיך נישט זעענדיק און פון צו פאַרשווייגן האָט שוין לאַנג נישט געטויגט. אויך האָט שוין נישט געטויגט צו ריידן וועגן אונזער באַוועגונג מיט אַ האַלבן מויל און דערמאָנען איר מיט דער איינציקער כוונה צו מאַכן זי צו קליינגעלט: עפּעס אַ פּאָר רוסיפיצירטע אינטעליגענטן און עטלעכע האַנטווערקער, אָן אַ געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג, אָן קיין שום פּאָליטישער ראָל . . .

ווען זי פלעגט געבן אין איר פּרעסע ידיעות פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פלעגט זי דאָס רוב ארויסלאָזן דעם וואָרט „איד" אָדער „אידיש". אַלע דעמאָנסטראַציעס אין וואַרשע, למשל, אין וועלכע אידישע אַרבעטער האָבן גענומען אַזאַ גרויסן אַנטייל, זיינען אויף אַזאַ אופן פאַרגעשטעלט געווען ווי דעמאָנסטראַציעס בלויז פון אַנהענגער פון דער פּ.פּ.ס.; דער שטרייק פון די לאָדזשער אידישע וועבער איז אַרויסגעקומען אַ שטרייק פון „וועבער אין לאָדזש". דער אָנפאַל פון אידישע אַרבעטער אין ווילנע אויף דער פּאָליציי ביים באַפרייען אַרעסטירטע (1900), איז געוואָרן אַ געשלעג צווישן קריסטלעכע אַרבעטער מיט דער פּאָליציי, הגם קיין איין איינציקער קריסטלעכער אַרבעטער האָט אין דעם קיין שום אַנטייל נישט גענומען. אַלע אַזעלכע ידיעות זיינען געווען בכיוון פאַרדרייט.

אַזאַ טאַקטיק פון פאַרשווייגן אָדער פון פאַרקלענערן דעם ווערט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט געקענט געדויערן אייביק. די גרינדונג פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין אַ סך פּוילישע שטעט און דערהויפּט די גרינדונג פון „בונד", וואָס איז געווען אַזאַ

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

ערשטקלאַסיקע געשעעניש אין דער אַלגעמיינער רוסלענדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן געצוואונגען די פּ.פּ.ס. אויפצודעקן אירע קאָרטן בנוגע אונז. עס האָט זיך אָ שאָט געטאָן אַ באַרג פון שאַרפע אַטאַקעס און פשוט פאַנטאַסטישע באַשולדיקונגען. אין אַט־דער מיאוסער קאַמפּאַניע צו דיסקרעדיטירן אונז אין די אויגן פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און פון דער פּוילישער געזעלשאַפט בכלל האָבן זיך מער פאַר אַלעמען אויסגעצייכנט סטודניצקי, יאַדקאָ און פּלאַכאַצקי־וואַסילעווסקי אין „פּשעדסוויט". אָבער אַ חוץ אַט־דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אין דער פּרעסע, האָט די פּ.פּ.ס. אויך אָנגעהייבן אָנצואווענדן „פּראַקטישע" מיטלען. די אַלטע גלייכגילטיקייט צו דער אַרבעט צווישן דער אידישער מאַסע איז פאַרשוואונדן. מיט אַלע כוחות האָט זי געזוכט צו באַשאַפן אַן אייגענע אידישע אָרגאַניזאַציע און אידישע ליטעראַטור. אַלע איר פּרוואוון אויף אַט־דעם געביט האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט.

די פּ.פּ.ס. האָט דאָס געמוזט אַליין אָנערקענען. אין איר גע־דרוקטן באַריכט וועגן איר טעטיקייט פאַר די יאָרן פון 1894 ביז 1899 געפינען מיר אַ סך־הכל פון איר אַרבעט אויך צווישן אידן. אין משך פון יענע פינף יאָר, האָט זי ארויסגעגעבן איין נומער פון אַ ציטונג, קיין אײנציקע בראָשור נישט און בלויז זעקס אויפרופן אין 6336 עקזעמפּלאַרן — אין דער צייט, ווען מיר האָבן פאַרפּלייצט ליטע און פּוילן מיט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער עקז. פון אויפרופן, ציטונגען און בראָשורן.

שנאה און קנאה. דזשאַן פאַרוואַנדלט זיך אין „פּראַאים״

אין קאַמף קעגן אונז זיינען די אַנהענגער פון די פּ.פּ.ס. נישט געווען באַזונדערס איבערקלייבעריש אין מיטלען. מיר איז באַשערט געווען צו ווערן איינער פון די הויפּט־קרבנות פון זייער שנאה, צו ווערן אַן אָביעקט פון זייער ביטערן האַס. מיין נאָמען איז פשוט געוואָרן טריף. מען האָט אים אַזוי מיסברויכט, אַז צוליב פּאָליציי־אישער פאַרזיכטיקייט האָב איך איך געמוזט אים אומבייטן און פון דזשאַן בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „פּראַאים״.

אין פּאָליטישן קאַמף און אין צווישן פאַרטייאישע מחלוקות איז נאָרמאַל און פולשטענדיק אָנגענומען צו „רייבן די מאָרדע״ דעם קעגנער. עס וואָלט געווען אין גאַנצן נאַאיוו צו דערוואַרטן אין אַזאַ פאַל סענטימענטאַליטעט און אַ באַהאַנדלונג מיט ווייסע הענטשקעס. אָבער איין זאַך איז נישט צו זיין סענטימענטאַל מיט אַ קעגנער און אַן אַנדער זאַך איז צו ארומרינגלען אים מיט העצע, מיט בייז־וויליקייט, מיט פאַנטאַסטישע באָבע־מעשיות. די דערפאַרונגען, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין מיין וואַרשעווער פעריאָד, געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. אונזערע פאַרטייאישע קעגנער האָבן מיך גע־האַסט פון די טיפסטע טיפעניש פון זייערע הערצער . . . ווען זיי פלעגן ריידן וועגן מיר, ווען זיי פלעגן דערמאָנען מיין נאָמען, איז דאָס געווען מיט כעס, מיט גאַל, מיט ציין־קריצעניש. דער דאָזיקער סענטימענט איז געבוירן געוואָרן, נאַטירלעך, בלויז אויפן באָדן פון אונזער פאַרטיי־קאַמף, אויפן באָדן פון אונזערע טאַקטישע און פּראָג־ראַם־אונטערשיידן, אויפן באָדן פון אונזער פּרינציפּיעלער אָריענ־טאַציע. די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן אונז האָבן דאָ קיין שום ראָל נישט געשפּילט. פּאַקטיש האָב איך פּערזענלעך איבערהויפּט

גאָרנישט געהאַט מיט זיי געמיינזאַמעס און קיין מאָל מיט זיין אין פאַמיליאַריטעטן זיך נישט אריינגעלאָזן.

אין זייערע אויגן האָב איך פיגורירט אַלס אַ פאַרביסענער קעגנער פון אַלץ, וואָס עס איז פאַר זיי געווען הייליק, און אויך אַלס אַ פאַנאַטישער אַנהענגער פון דער פוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע! די אידיש פּ.פּ.ס.׳ניקעס האָבן מיך באַטראַכט פאַר אַן איינדרינגלער אין זייער „מלוכה", אין זייער „ווירקונג-ספערע" און ווי אמת׳ע קליין-הענדלער זיך געשראָקן פאַר אַ דערפאָלגרייכע און געפערלעכע קאָנקורענץ.

עטלעכע צענדליק יאָר זיינען שוין פאַרביי זינט איך האָב פאַרלאָזן וואַרשע, און אפילו היינט — איך מיין ערב דער איצטיקער מלחמה — האָב איך געפונען אין דער נייער פּ.פּ.ס.׳ישער היסטאָרישער ליטעראַטור בייזע אָנפאַלן אויף מיר און ליגנערשע באַהויפּטונגען וועגן מיין ראָל אין דער וואַרשעווער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. אזוי, למשל, האָט דאָס געטאָן דער פוילישער היסטאָרישער זשורנאַל „ניעפּאָדעגלאָשטש". אויך מיכאל סאָקאָלניצקי, אין אַ בוך וועגן זיין צוואַנציק-יאָריקער טעטיקייט אין די רייען פון פּ.פּ.ס., דערציילט ווי אזוי צעלינאַ דאָווגיערד האָט פּרובירט צו באַקערן אים אין „מאַרקסיסטישן גלויבן", און ער דערמאָנט, אַז זי האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דעם „אידן-ליטוואַק מילל, אַ פּראָמינענטן מיטגליד פון דער פּ.ס.ד." דאַרף איך דאָ זאָגן, אַז איך בין קיין מאָל נישט געווען אָנגעשלאָסן אָן דער פּ.ס.ד.?

אין 1917, ווען איך האָב באַזוכט ניו-יאָרק, האָב איך געהאַט אַ גרויסע איבערראַשונג. איך האָב זיך דאָ באַגעגנט מיט דער גאַנצער אַמאָליקער גרופּע פון די „פּאָליאַקן פון משה רבנו׳ס גלויבן", וואָס האָבן געאַרבעט אין די רייען פון דער פּ. פּ.ס., צווישן זיי אויך מיט דעם קלוגן סטאָלער דעגענפיש און דעם ענערגישן, אָבער ווילדן — נישט אומזיסט איז זיין צונאָמען אין וואַרשע געווען „וואַריאַט", ד. ה. משוגענער — מעכאַניקער מאַנדלאַק — מענטשן, וואָס האָבן מיך אַמאָל באַקעמפט אזוי אומטאָלעראַנט און אויך אזוי אומזיניק. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון ל. גאָטליבן — דעם רעדאַקציע

פיאָנערן און בויער

סעקרעטאר פון „פאָרווערטס", — ווען איך האָב נאָך געקאַנט פון וואַרשע פון די יאָרן 1897־1898, אַז איך געפין זיך אין ניו־יאָרק, האָבן זיי מיך מכבד געווען מיט אַ מיטאָג־עסן און איינגעאָרדנט אַ קבלת פנים מיט אַ באַנקעטל. זיי האָבן דאַמאָלסט זיך שוין אָפּגערוקט פון דער פ. פ.ס. און ביסלעכווייז זיך דערנענטערט צו דער ריכטונג, וואָס האָט געפירט צו קאָמוניזם. מאַנדלאַק האָט זיך שפּעטער צוריק־געקערט קיין פוילן און טאַקע געוואָרן אַ פאַרביסענער קאָמוניסט און אַלס אַזעלכער נאָך אַ פרעכערער שונא פון „בונד", ווי פריער. דעגענפיש איז מיט אַ צען יאָר צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בירא־בידזשאַן באַוועגונג; ער האָט זי גענומען אַזוי ערנסט, אַז ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין וויטן וועג מיט אַ סך זיסע האָפענונגען, מיט געלט, מיט אַ פעסטן באַשלוס אָנצוהייבן אַ נייַ לעבן. די אַנ־טוישונג איז געקומען גיך און זי איז געווען טאַקע גאָר אַ גרויסע. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער זיך צוריקגעקערט און זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו ער איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן.

דזשאָן מילל

די אידישע „אינוואַזיע" אין פּוילן. די „ליטוואַקעס" און די „פּאָליאַקן פון משה רבנום גלויבן"

די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם 3טן, די אכזריותן, וואָס האָבן זיך אָנגעהייבן צו שיטן אויף די קעפּ פון דער אידישער באַפעלקערונג פון די רוסישע שטעט, דער ווילקיר, מיט וועלכער מען האָט געטריבן די אידן פון זייערע ביז־איצטיקע היי־מען, האָט געבראַכט אַן אמת'ע פאָלקסוואַנדערונג אין דער ריכטונג פון פּוילן. דער אָנקום פון די דאָזיקע אידן, פרעמד אין זייער שפּראַך, געוואוינהייטן און קולטור, פרעמד לויט זייערע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס, איז געווען אַ קוואַל פון געזעלשאַפטלעכע פאַרוויקלונגען: דאָס האָט נישט בלויז געגעבן שפּייז פאַר אַנטיסעמי־טישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך פאַרשאַרפט די באַציאונגען אין אידישן לעבן גופא. די אָנגעקומענע אידן זיינען אריינגעדרונגען אין אינדוסטריע און אין האַנדל און האָבן פאַרנומען אַרבעטספּלעצער אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. דאָס איז אייגנטלעך געווען איינע פון די סיבות פון די אומנאָרמאַלע און אומגע־זונטע באַציאונגען, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט איינגעשטעלט צווישן די פּוילישע און די רוסישע אָדער ליטווישע אידן. די קאָנקורענץ אויף דעם אזוי אויך שטאַרק באַשרענקטן ווירטשאַפטלעכן געביט איז געווען די הויפּט־מניעה פאַר אַ פריינטלעכן און פרידלעכן צוזאַמענלעבן צווישן זיי.

צוליב גאָר אַנדערע סיבות האָט זיך אַ וואָרף געטאָן קיין וואַרשע די אידישע ראַדיקאַלע יוגנט — אַרבעטער און אינטעליגענטן. אין משך פון עטלעכע יאָר איז וואַרשע מער און מער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ צווייטן צענטער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין אַ סך פּרטים אָנגעהייבן צו „קאָנקורירן" מיט ווילנע. אויב פריער האָבן אַלע פעדים זיך געצויגן קיין ווילנע, האָבן איצט אַלע

פיאָנערן און בויער

וועגן געפירט קיין וואַרשע. מערסטנטייל זיינען דאָס געווען „ליט־וואַקעס" פון ווילנע, ביאַליסטאָק, מינסק, בריסק, אָבער עס האָבן נישט אויסגעפעלט מענטשן אויך פון אנדערע שטעט און שטעטלעך, ווי יעקאַטערינאָסלאַוו, סטאַראָ־קאָנסטאַנטינאָוו און נאָך.

וואָס האָבן זיי געזוכט אין דער פוילישער הויפּטשטאָט?

נישט אַלע זיינען געקומען מיט די זעלבע כוונות. דאָס גרויס־שטאָטישע לעבן, דער אמת איראָפּעאישער כאַראַקטער פון וואַרשע, אירע קולטור אוצרות, אירע בילדונג־מעגלעכקייטן האָבן געצויגן צו זיך די אינטעליגענטערע עלעמענטן פון דער אידישער יוגנט. דעם אידישן אַרבעטער האָט וואַרשע געלאָקט נאָך צוליב אַ סך אַנדערע סיבות: די בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס ברייטערע פעלד פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט, די אָפטערע און ערנסטערע פּאָליטישע ארויסטרעטונגען. וואַרשע איז פּאַרט געווען אַ צענטער פון אַן אַנדערער, אינטערעסאַנטערער וועלט, אַ גייסטיקער צענטער, אַ פעסטונג פון פּאָליטישן קאַמף.

די אַלץ וואַקסנדע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע האָט ביסלעכוויז, אָבער מעטאָדיש געבראַכט שלום צווישן די פּויליש־אידישע אַרבעטער און די „ליטוואַקעס", זי האָט זיי אַסימילירט. דער וועג איז נישט געווען קיין גרינגער. מען האָט געדאַרפט דורכמאַכן דעם שווערן אידיאישן קאַמף, וואָס איז שוין אין הויפּטשטריכן באַשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. אַ גרויסע ענלעכקייט האָט מען געקענט באַמערקן אין דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די ערשטע פּויליש־אידישע אַרבעטער־פּיאָנערן מיטן צושטאַנד פון די ערשטע פּיאָנערן אין ווילנע. מער נישט די אויגן פון די ערשטע זיינען געווען געווענדעט צו מערב, פון די צווייטע — צו מזרח. די ווילנער — פון די גאָר ערשטע — זיינען געווען רוסיש אַסימילירט, זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער רוסישער ליטעראַטור, געווען מיט לייב און לעבן פאַראינטערעסירט אין אַלע זייטן פון רוסישן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, אפילו אין די רעליגיעזע סעקטעס, אין גראַף טאָלסטאָי'ס לערע, אין דער אַגראַר־פראַגע, אין דער פויערשער „אָבשטשינאַ". די וואַרשעווער זיינען דאָקעגן געווען פּויליש אַסימי־

לירט, באַגייסטערט מיט דער פּוילישער ליטעראַטור, דורכגעדרונגען מיט ליבע צו דער אידייע פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, פאַרגאָסן טרערן איבער דעם יאָמערלעכן גורל פון די פּוילישע פּויערים. אויף אַזאַ אופן זיינען די אידישע אַרבעטער פון פּ.פּ.ס. און די „ליט־וואַקעס" — די שפּעטערדיקע בונדיסטן — געשטאַנען איינע צו די אַנדערע מיט זייערע רוקנס און די אויפגאַבע איז געווען אָוועקצו־שטעלן זיי פּנים־אל־פּנים און זען צו געפינען אַ סינטעז פון זייערע שטרעבונגען און צילן. די אינטערעסן פון דעם אידישן אַרבעטער אַלס אַזעלכן האָבן געדאַרפט אויסבילדן אַזאַ סינטעז. דער אידישער אַרבעטער האָט געדאַרפט ווערן אַ צענטער פון זייער גאַנצער אויפ־מערקזאַמקייט, — נישט אַלס אַ „ליטוואַק" און נישט אַלס אַ פּוילישער איד, נאָר אַלס אַ בירגער פון דער גאַנצער מלוכה, וואָס האָט אַ חוץ אַלגעמיינע אינטערעסן אויך זיינע אייגענע, ספּעציפישע. דאָס פעלד איז געווען גרויס, די אויפגאַבע, כאָטש קאָמפּליצירט, האָט דאָך צו־געזאָגט צו ברענגען אַ דערפאָלג אין דער נאָענטער צוקונפט. מען האָט געדאַרפט אַרויסשלעפּן דעם וואַרשעווער אידישן אַרבעטער פון זומפּ, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, באַפרייען אים פון רעליגיעזן אַבערגלויבן און פון קולטורעלער פינסטערניש, מאַכן אים פאַר אַ דענקענדן מענטש, אָרגאַניזירן אים פּראָפעסיאָנעל און פּאָליטיש, פאַר־וואַנדלען אים פון אַ נידערגעשלאָגענעם שקלאַף אין אַ מוטיקן קעמפער. נישט אַלע פּויליש־אידישע אַרבעטער האָבן אָנגענומען אָט־דעם סינ־טעז, אָבער עס איז פאַרביי בלויז אַ קורצע צייט ווי די אידישע אַרבעטער סיי אין וואַרשע, סיי אין אַנדערע פּוילישע שטעט זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם, וואָס האָט געפירט צום „בונד" און מיטן „בונד".

ביי דער אינטעליגענץ איז דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צום וואַרשעווער לעבן פאַרלאָפן ביי נאָך שווערערע באַדינגונגען און איז נישט געווען דערפאָלגרייך. די גרעסטע צאָל פון זיי פלעגן זיך אַרומ־דרייען אונטער די פיס און האָבן אונז מער געשטערט ווי געהאָלפן. וועגן אייניקע פון זיי פלעגט מען זיך חכמה'ן, אַז קיין וואַרשע האָט זיי געבראַכט נישט אַזוי די „וואַרשאַוויאַנקאַ", ווי די וואַרשאַוויאַנ־קעס . . . אַלס סטודענטן און סטודענטינס פון דער דענטיסטישער

פּיאָנערן און בויער

שולע, פון אוניווערסיטעט, פון קאָנסערוואַטאָריע, פון דער אַקושאָרין־שולע, האָבן זיי אומעטום אַריינגעטראָגן דעם רוסישן גייסט און די רוסישע שפּראַך, וואָס איז געווען אַזוי פרעמד אין דער אַרומיקער וואַרשעווער סביבה. יעדן יאָר פלעגט אַ רוסישע טרופּע גאַסטראָלירן אַ וואָך אָדער צוויי אין וואַרשע, שפּילנדיק רוסישע אָפּערעס. ווער פלעגט אָנפילן דעם טעאַטער? רוסישע טשינאָווניקעס און מילי־טערלייט און . . . די אויבנדערמאָנטע אידישע אינטעליגענטן. פון דער גאַנצער מחנה אָנגעפּאָרענער אינטעליגענץ האָט בלויז אַ קליין הייפל, וואָס האָט גערעדט אַ ביסל אידיש, געקאָנט צוגעצויגן ווערן צו אונזער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט.

דזשאַן מילל

עס בענקט זיך נאָך וואַרשע

איך פערזענלעך האָב מיט פולע הויפנס געשעפּט פון וואַרשע־ווער לעבנס־קוואַל, וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך. וואַרשע האָט אין מיינע אויגן פאַרמאָגט אַ באַזונדערן צויבער, רייץ און עלעגאַנץ. איך האָב געקענט בערלין און ווין, אָבער זיי ביידן האָט געפעלט די אייגנאַרטיקע, ספּעציפישע צוציאונגסקראַפט פון וואַרשע. זי איז נישט געווען בלויז די געאָגראַפישע הויפּטשטאָט פון פוילן. צוגלייך מיט די פאַליאַקן האָב איך געזען אין איר דעם צענטער פון פוילישן לעבן און פון דער פוילישער געשיכטע, דעם צענטער פון קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. איך האָב אַלץ ליב געהאַט אין איר: איך לופט, די שלעסער און די בריקן, די פאַרקן און די מאָנומענטן, די אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצן, לאַזיענקי. אויך אירע באַרימטע טעאַטערס: „ווּיעלקי”, וואו מען האָט געשפּילט אָפּערעס, „ראָזמאַיטאָסצי” פאַר דראַמעס און קאָמעדיעס, „לעטני” אין זאַקסישן גאָרטן פאַר אָפּערעטעס — די אַלע זיינען געווען אַ רייכער, אומדערשעפּלעכער קוואַל פון גרויס פרייד און פון קינסטלערישן, עסטעטישן גענוס. איך האָב מסתמא נישט פאַרפעלט אפילו איין־איינציקן פון די זונטיקדיקע סימפאָנישע קאָנצערטן, וועלכע פלעגן אין זומער געגעבן ווערן אין „דאָלינאַ שוואַיצאַרסקאַ” אויף דער שיינער אויאַזדאָווער אַלייע. מען קען דאָס אַלץ נישט פאַרגעסן, כאָטש עס איז שוין אַוועק אַ האַלבער יאָרהונדערט.

אין איין פרט האָט דער וואַרשעווער פעריאָד געמאַכט מיינע אויפגאַבעס גרינגער, מיין שטימונג צופרידענער, מיין לעבן אָנגענעמער: איך בין געווען פולשטענדיק פריי פון מאַטעריעלער זאָרג. איך האָב נישט געדאַרפט אַרומלויפן גאַנצענע טעג, צו געבן „שטונדן”. אין משך פון די עטלעכע יאָר האָב איך געוואוינט ביי די דאָוויגיערדס אין אַן איידעלער אַטמאָספערע פון האַרציקער פריינטשאַפט, אַכטונג און וואַרימער אויפמערקזאַמקייט. קיין זאַך האָט מיר נישט געפעלט.

פיאָנערן און בויער

בלויז איין שעה אַ טאָג פלעג איך אויסהעלפן זייערע אַ פלימעניצע מיט אירע שול־לעקציעס, און די איבעריקע צייט בין איך געווען פריי ווי אַ פויגל און איך האָב די צייט אויסגענוצט פאַר דער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט און פאַר מיינע פערזענלעכע גייסטיקע אינטערעסן. אין וואַרשע האָבן געלעבט דריי משפחות פון מיינע אַמאָליקע פוילישע פריינט. די ווילנער פאַמיליע איז אויך אריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, נאָר שוין אָן מיין גוטהאַרציקן אָבער לייכטזיניקן שילער באַלעסלאַוון — ער האָט זיך דערשאָסן צוליב אַ האָפנונגלאָזער ליבע מיט אַ פאַר־הייראַטער פרוי. זיין מוטער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע מיט אירע צוויי אינגערע זין, אָבער די לעצטע זיינען שפּעטער געוואָרן פאַר־ברענטע „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן", פאַר׳סמ׳טע מיט אַנטיסעמיטיזם, און אין לויף פון צייט איז אונזער באַקאַנטשאַפט, נאַטירלעך, איבער־געריסן געוואָרן. מיינע באַציאונגען מיט דער פאַמיליע פון צעלינא דאָווגיערדס שוועסטער, מאַריאַ, האָבן זיך אַנטוויקלט צו אַן אמת׳ער פריינטשאַפט און גרויס איז געווען די פינאַנצ־יעלע און קאָנספּיראַטיוו־טעכנישע הילף, וואָס איך פלעג קריגן פון איר פאַר אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. זי פלעגט דאָס מוזן טאָן בשתיקה פון איר מאַן, וועלכער איז געווען אַ פחדן און קאַרג ביז גאַר.

אונזערע פריינטשאַפטלעכע, נאָענטע באַציאונגען האָבן זיך נישט געענדיקט מיטן סוף פון מיין אויפהאַלט אין וואַרשע. זיי זיינען קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן און יאָרן־לאַנג פלעג איך זיך טרעפן מיט זיי אַלעמען אין אויסלאַנד און פאַרברענגען צוזאַמען מערערע חדשים, אַמאָל אין איין פלאַץ און אַמאָל אין אַ צווייטן. מיין פריינטשאַפט מיט די דאָווגיערדס האָט געדויערט ביז זייער טויט.

אָפט בענק איך נאָך וואַרשע, נאָך דער אַמאָליקער וואַרשע, נאָך וואַרשע פון מיין עפּאָכע. אפשר איז דאָס אין דער זעלבער צייט אויך בענקשאַפט נאָך דעם שיינעם שטורעמדיקן יוגנט־גייסט, נאָך די יוגנט־יאָרן, ווען די גאַנצע וועלט האָט פאַר אונז אויסגעזען ווי איינגעוויקלט אין שיינענדע, גלענצענדע גאָלדענע שטראַלן, ווען די שווערסטע און פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען האָבן אויסגעקוקט אזוי איינפאַך און לייכט, און די ענדלאָזע דערנער־וועגן אַזוי גלאַט און קורץ? ווער ווייס?

דזשאָן מילל

אַ קאָרב פון לאָדזש. דער באַריכט צום צאַר

אַ קורצע שיפרירטע ידיעה פון גלעבן זאָגט מיר אָן, אַז אַ גרויסער קאָרב מיט ליטעראַטור איז אָקאָרשט אַריבערגעשמוגלט געוואָרן איבער דער גרענעץ און איז בשלום אָנגעקומען קיין לאָדזש. איך דאַרף תיכף, אָן אָפּשלעפּעניש, קומען, כדי אָפּצונעמען די „סחורה".

דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך אָוועקגעלאָזן אין וועג.

אין גלעב'ס צימער געפין איך אים און נאָך אימיצן — איך געדענק שוין נישט ווער. ביידע זיינען אַ ביסל אומרואיק. זיי מיינען, אַז מען שפּיאָנירט זיי נאָך. פאַרדעכטיקע סימנים פון נאָכשפּיאָנירן האָבן באַמערקט נישט בלויז זיי אַליין, נאָר אויך אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט.

אָן אייגענער, אָבער אַ גאַנץ כשר'ער, מענטש וועט ברענגען דעם קאָרב אויפן וואָקזאַל. ער, גלעב, וועט דאָרטן אויך זיין, — כדי צו אָבסערווירן פון דערווייטנס וואָס עס טוט זיך מיט מיר און מיטן טראַנספּאָרט ליטעראַטור.

עס איז שפּעט ביינאַכט און ווייניק פּאַסאַזשירן טומלען זיך אין וואָרט־זאַל. אין אַ ווינקל זע איך גלעב'ן — מיר ריידן, נאַטירלעך, נישט איינער מיטן צווייטן. מיינע אויגן זוכן פאַרדעכטיקעס, קוקן אַריין אין אַלע פּנים'ער, אָבער גאָרנישט, אַלץ שיינט צו זיין אין דער בעסטער אָרדענונג. אין אַ ווײַלע אַרום עפנט זיך די קאַסע און נאָך איידער איך געפין צייט צוצוגיין צום פענצטערל נאָך אַ בילעט, גייט גלעב פאַרביי נעבן מיר מיט גיכע שריט און שושקעט מיר אַריין בלויז איין וואָרט „שפּיאָנען".

איך קוק זיך אַרום און איך באַמערק טאַקע אַ פּאָר געזונטע, פלינקע חברה־לייט. איך גיי אויף אַ ווײַלע ארויס פון וואָקזאַל און זיי פאָלגן מיר נאָך. איך גיי צוריק אַריין און זיי טוען דאָס זעלביקע.

ווען איך שטעל זיך אַוועק אין דער ריי צו קויפן דעם בילעט, פאָלגן זיי מיר נאָך און שטעלן זיך גלייך הינטער מיר.

קיין ספק נישט, דאָס זיינען שפּיאָנען. פיל צייט צו טראַכטן און צו פּלאַנעווען וואָס צו טאָן האָב איך נישט. אָבער פּלוצלונג לויפט איין מיר דורך, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, אַ פּלאַן ווי זיך ארויסצודרייען פון זיי און ווי אזוי זיי אָפּצונאַרן. גענוג געלט האָב איך מיט זיך געהאַט, רוף איך בכיוון אויס הויך, צו דעם בילעט־פאַרקויפער: „אַ בילעט קיין מאָסקווע!" — אַנשטאָט קיין וואַרשע.

און פונקט אזוי אָפן און דעמאָנסטראַטיוו האָב איך אין דער באַגאַזש־אָפּטיילונג דערקלערט, אַז מיין קאָרב גייט קיין מאָסקווע.

שפּעטער האָב איך אליין זיך געוואונדערט איבער מיין איינפאַל. דירעקטע צוגן פון לאָדזש קיין מאָסקווע האָבן נישט קורסירט. זיי פלעגן גיין ביז דעם ווינער וואָקזאַל אין וואַרשע און כדי צו פאָרן ווייטער פלעגט מען מוזן נעמען אַן אַנדער צוג אויפן בריסקער וואָק־זאַל אין פּראַגע, מיט אַן איבעררייס פון עטלעכע שעה. אויפן ווינער וואָקזאל האָב איך פאַרלוירן יעדן שפּור פון די צוויי לאָדזשער שפּיאָנען. מיין אויסרעכענונג האָט זיך ארויסגעוויזן ריכטיק. זיי האָבן געמיינט, אַז איך פאָר קיין מאָסקווע, האָבן זיי מסתמא דעריבער נישט געפונען פאַר נויטיק נאָכצוגיין נאָך מיר אַ גאַנצן טאָג אין וואַרשע. זיי האָבן געזוים געוואַרט אויף מיר אויפן בריסקער וואָקזאַל אָדער אפשר אין מאָסקווע גופא. אַנשטאָט פאָרצזעצן מיין רייזע, בין איך, נאַטירלעך, פון וואַרשעווער וואָקזאַל פאַרזיכטיקערהייט אַוועק אַהיים, תיכף אָנגעשריבן אַ בריוול קיין מאָסקווע, — מיר דוכט זיך צו מונבליטן, — דערציילט אים וואָס עס איז פאָרגעקומען, צוגע־לייגט דעם באַגאַזש־קוויטל און צוגעגעבן, אַז אויב זיי קענען געפינען אַ זיכערן וועג ארויסצוקריגן דעם קאָרב, זאָלן זיי דאָס טאָן.

עס האָט זיך זיי טאַקע איינגעגעבן דעם קאָרב אַרויסצובאַקומען: — ווי אַזוי, ווייס איך נישט.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז דאַמאָלט, אין יענער צייט, וואָלטן מסתמא די שפּיאָנען מיך סיי־ווי־סיי נישט אַרעסטירט אין פאַרבינדונג מיטן קאָרב. זיי האָבן געהערט צו דער באַנדע פון זובאַטאָוו'ס אַגענטן, וואָס האָבן אָנגעהייבן אָנצוואַרענדן גאָר שפּאָגל נייע מעטאָדן פון

דזשאָן מילל

שפּיאָנירן — זיך נישט איילן מיטן אַרעסט פון די פאַרדעכטיקע רעוואָלוציאָנערן און ווי שאַטנס נאָכפאָלגן זיי ביז אַלע זייערע פאַרבינדונגען זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן.

עטלעכע חדשים שפּעטער, בשעת אַרקאַדי און וולאַדימיר זיינען שוין איינגעשפּאַרט געווען אין אַ מאָסקווער תפיסה, האָט זובאַטאָוו ביי אַ געלעגנהייט זיי דערציילט וועגן אַט דער געשיכטע און באַמערקט: „מילל נאָס באַדול („מילל האָט אונז אָפּגענאַרט").

אין זיבן יאָר אַרום, ווען די מלוכה׳שע שיף פון צאַרישן רוסלאַנד איז, צוליב דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געווען אין גרויס געפאַר אונטערצוגיין, איז איינער פון דעם צאַר׳ס געטרייע דינער, אַ הויכער באַאַמטער פון פעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, לעאָניד מענשטשיקאָוו, אויף אַ סענסאַציאָנעלן אופן אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סך מאַטעריאַלן פון היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערן אַרכיוו פון דעם דאָזיקן פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. בורצעוו׳ן האָט זיך איינגעגעבן ארויסצובאַקומען פון אים אַ טייל פון יענע מאַטעריאַלן און צווישן זיי אַן אויספירלעכן באַריכט, וואָס איז דיינערצייט געווען צוגעשטעלט צו ניקאָליי דעם צווייטן וועגן דער גאַנצער מעשה מיטן קאָרב און מיט אַ גענויער באַשרייבונג פון דער ראָל, וואָס „יאָסל־שליאָמאַ כאַימאָוויטש מילל" האָט אין איר געשפּילט.

בורצעוו האָט יענעם באַריכט צוגעשיקט צו דעם „אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד", און דער קאָמיטעט האָט אַרונטערגענומען פון אים אַ געשריבענע קאָפּיע פאַר זיין אַרכיוו.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דער קליין־קעפּיקער ניקאָליי דער צווייטער געהאַלטן אַזעלכע געווינלעכע, אומבאַדייטנדע ענינים פאַר ערנסטע מלוכה׳שע געשעענישן . . .

זובאַטאָוס נעץ. די גרויסע אַרעסטן

דעם ניי־געגרינדעטן „בונד" איז נישט באַשערט געווען דורך אַ לענגערע צייט פרידלעך און אָן קרבנות צו וואַקסן און צו פאַרשפרייטן זיין טעטיקייט. שוין אין מערץ 1898 האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן סימנים פון אַ פאַרשטאַרקטן נאָכשפּיאָנירן, ספּעציעל אין מינסק. די מגפה איז פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די רוסישע דעלעגאַטן צו דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מינסק. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געשלאָסן דעם 3טן מערץ און שוין דעם 11טן האָט מען אַרעסטירט אַלע זיינע רוסישע אַנטיילנעמער. עס איז געווען קלאָר, אַז אויף דעם וועט זיך דער אומגליק נישט אָפּשטעלן. און טאַקע, באַלד אין איין אָרט און באַלד אין אַ צווייטן, און אין אַ קורצע צייט אַרום אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד", איז דאָס נאָכשפּירן אַ גאַנצע ריי פירער פון דער באַוועגונג אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ גראַנדיעזן מאַסשטאַב.

די יאַגד האָט געדויערט אומגעפער 4 חדשים. זי איז צוגעגרייט געוואָרן לויט אַ גענוי באַאַרבעטן סיסטעם און אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם שעף פון דער מאָסקווער זיכערהייטס־פּאָליציי (אָכראַנאַ), זובאַטאָוו. אַ באַנדע פון זיינע דערפאַרנסטע און געניטסטע שפּיאָנען האָבן פאַרפלייצט אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו דער „בונד" איז געווען טעטיק.

דער ציל איז געווען אויסצורייסן אים מיטן וואָרצל, צו פאַרניכטן אים.

ווי מען זעט דאָס פון די פאַרבליבענע פּאָליציאישע געהיימע אַרכיוו־דאָקומענטן, האָט דער משוגענער האַס פון דער צאַרישער רעגירונג צום „בונד" געשטאַמט נישט בלויז פון דעם, וואָס ער איז באַטראַכט געווען אַלס אַ דראָענדיקע געפאַר פאַר די יסודות פון דעם רוסישן אַבסאָלוטיזם, נאָר אויך מחמת דער אומגעהויער גרויסער

און פּילזייטיקער הילף, וואָס ער האָט געגעבן דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אין איר קאַמף קעגן דער צאַרישער ממשלה.

אַ שווערע זאָרג האָט אַרומגעכאַפּט אונזער צענטראַלן קאָמיטעט. ער האָט געזען, ווי די קאַטאַסטראָפע רוקט זיך צו אַלץ נעענטער און נעענטער. מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי נאָר מעגלעך זי אויס־צומיידן. דער צ. ק. האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן מינסק און זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ רואיקערע שטאָט. אויך פאַר דער באַברויס־קער דרוקעריי האָט מען געזאָלט געפינען אַ מער זיכערן אָרט. אַ קליינער אויפרוף אונטערן קעפּל „אַ וואָרנונג", אָפּגעדרוקט אין אַ גרויסער צאָל, איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע אָרגאַני־זאַציעס. אין יעדער שטאָט זיינען צוויי עקזאמפּליאַרן פון אויפרוף געשיקט געוואָרן צו די אָרטיקע זשאַנדאַרם־פאַרוואַלטונגען מיט דער כוונה אַרויסצורופן אַ געוויסע צעמישעניש אין די רייען פון די צאַרישע אַגענטן, אַ קעגנזייטיקן אומצוטרוי צווישן זיי, ווייל זובאַטאָווס שפּיאָנען האָבן זיך געהאַלטן פאַרקאָנספּירירט אַפילו לגבי די לאָקאַלע פּאָליציי־ און זשאַנדאַרם אַדמיניסטראַציעס. די לעצטע האָבן נישט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף, וואָס זובאַטאָוו טוט אָפּ אויף „זייערע" טעריטאָריעס.

אין יענעם בלעטל האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט געוואָרנט אַלעמען וועגן דער סכנה, וואָס לויערט אין אַלע ווינקלען, און באַ־שריבן די פינצטערע אַרבעט פון די שפּיאָנען. עס זיינען דערביי אָנגעגעבן געוואָרן פאַרשידענע איינצלהייטן פון זייער אויפפיר און די נעמען פון די האָטעלן, וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. עס האָבן אויסגעפעלט סיי צייט סיי פּאַסיקע מיטלען אויף אויסצומיידן די קאַטאַסטראָפע. אין יולי פון דעם זעלבן יאָר זיינען אין פאַרשידענע שטעט אַרעס־טירט געוואָרן אַרום 70 פון די בעסטע טוער, די דרוקערייען פאַר־כאַפּט, די אַרבעט דעזאָרגאַניזירט.

און נאָר אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט זובאַטאָוו מכבד געווען דעם „בונד" מיט אַ נייער מתנה — מיט דער „אידישער אומאָפּהענ־גיקער אַרבעטער פּאַרטיי", וועלכע ער האָט אינספּירירט און געשטיצט און וואָס האָט געפּרעדיקט אַ מין „פּאָליצייאישן סאָציאַליזם".

שפּיאָנען אָן אַ שיעור. דער פּלאַן אַוועקצושטעלן אַ דרוקעריי אין זשענעווע. איך ווער פאַרוואָרפן קיין אויסלאַנד

אין זובאַטאָווס נעץ בין איך נאַטירלעך אויך אַריינגעפאַלן. די צוויי שפּיאָנען פון לאָדזש האָב איך אמת פאַרלוירן, אָבער עס איז פאַרביי אַ קורצע צייט און איך האָב אָנגעהייבן צו שפּירן, אַז אַרום מיר דרייען זיך אַנדערע אַזעלכע פאַרשוינען. צייטנווייז פלעגן זיי פאַרשווינדן אַזוי ווי זיי וואָלטן אין דער ערד פאַרזונקען געוואָרן און דערנאָך פלעגן זיי זיך ווידער באַווייזן, און נאָכשלעפּן זיך נאָך מיר אויף יעדן טריט און שריט. צוליב דער געפאַר אָנצושטעקן מיט דער חולאת די חברים פון קאָמיטעט און פון דער פעריפעריע, האָב איך אָנגענומען באַזונדערע פאַרזיכט־מיטלען און זיך געטראָפן מיט זיי בלויז אין דרינגנדע אויסנאַמפאַלן. אָפּטער און אָפּטער האָב איך אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן פאַרשווינדן אויף אַ פּאָר חדשים פון וואַרשעווער האָריזאָנט כדי צו פאַרווישן הינטער זיך אַלע שפּורן. אויסלאַנד האָט געצויגן אָם מערסטן.

אין יוני איז מיין פּלאַן רייף געוואָרן. אָבער פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד האָב איך געפונען פאַר נויטיק צו זען זיך מיט אַרקאַדי קרעמערן און וואָלאַדימיר קאָסאָווסקין. הגם די לאַגע אין מינסק איז שוין געווען זייער געפערלעך, און מיין רייזע אַהינצו איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער ריזיקע, האָב איך פונדעסט־וועגן נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון איר. איך האָב געהאַט אין זינען אַרומצורײדן מיט זיי אַן ענין פון גרויסער באַדייטונג.

איך האָב נעמלעך געוואָלט פאַרווירקלעכן אַ פּראָיעקט, וואָס איז שוין פריער געווען פיל מאָל דיסקוטירט. איך האָב געטראַכט אויסצונוצן מיין קורצן אויפהאַלט אין אויסלאַנד כדי אַוועקצושטעלן אין זשענעווע אַ בונדישע דרוקעריי, אין וועלכער מיר האָבן זיך

דזשאַן מילל

אַזוי שטאַרק גענויטיקט. די געהיימע דרוקעריי אין באָברויסק איז געווען זייער פּראָדוקטיוו, זייער אַרבעטס־פעאיק, אָבער זי איז געווען צו קליין. מען האָט דאָרטן נישט געקאָנט דרוקן אַזעלכע זאַכן, ווי, למשל, דעם „אידישן אַרבעטער" און גרעסערע בראָשורן. די פריער־דיקע עקספּערימענטן מיטן דרוקן אין אויסלאַנד זיינען אָבער געווען זייער ניט קיין געראָטענע און מער ווי אַנטוישונג, פאַרדראָס און אומ־צופרידנקייט האָבן זיי נישט געבראַכט.

אַ האַלבן טאָג האָבן מיר דריי — וולאַדימיר, אַרקאַדי און איך — אַרומגערעדט די פראַגע. זיי ביידע האָבן אָנגעוויזן אויף אַלערליי שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט מיין פּלאַן: נישטאָ קיין צוגעפּאַסטע מענטשן נישטאָ קיין געלט... אָבער אויף דעם האָב איך געענטפערט: „מען דאַרף זען, געלט וועל איך קריגן, דאָס איבעריקע לאָמיר פּרואוון". קיין ענדגילטיקער באַשלוס איז דערווייל נישט אָנגענומען געוואָרן. איך האָב געצאָלט פריער אויס־פאָרשן אַלע מעגלעכקייטן.

איך האָב תיכף אָנגעהייבן זיך באַמיען וועגן אַ פּאַס, אָבער — נישט אַזוי גיך מאַכט זיך, ווי עס רעדט זיך. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט מען מיר ארויסגעבן אַן אויסלענדישן פּאַס אין משך פון צוויי־דריי טעג. איצט האָב איך אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון פּאַספּאָרט־ביוראָ און פון דעם פּאָליצמייסטערס קאַנצעלאַריע, אָבער אָן שום דערפאָלג. אונטער פאַרשידענע תירוצים פלעגט מען מיר אָפּלייגן פון איין וואָך אויף אַ צווייטער. עטלעכע וואָכן זיינען אַזוי פאַרביי. דאָס אַלץ האָט אויסגעקוקט זייער פאַרדעכטיק, נאָך מער דערפאַר וואָס די לעצטע עטלעכע טעג זיינען די שפּיאָנען פשוט נישט אָפּגע־טרעטן פון מיר. עס איז געווען קלאָר, אַז דער פּאָליצמייסטער האָט ספּעציעלע מאָטיוון, צוליב וועלכע ער וויל מיר נישט אַרויסגעבן קיין פּאַס. אָבער אַ גליקלעכער צופאַל האָט מיר אַרויסגעהאָלפן. איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אימיצער פון דעם צאַרס פאַמיליע האָט געדאַרפט דורכפאָרן וואַרשע און דער פּאָליצמייסטער, ווי דאָס איז געווען דער מנהג, האָט געמוזט אים אָפּוואַרטן אויף דער באַן־סטאַנציע. און גראַד אָט־דעם טאָג בין איך ווידער געגאַנגען זיך קלאָגן צום פּאָליצמייסטער. אנשטאָט אים אָבער האָב איך געטראָפן

זיין געהילף, און ער האָט נאָך אַ קורצער קווענקלעניש אונטערגעשריבן די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן מיר דעם פּאַס. דאָס איז געווען צען אַזייגער אין דער פרי — און אַרום צוועלף בין איך שוין געזעסן אין צוג, וואָס האָט מיך געפירט אין דער ריכטונג קיין עסטרייך.

ווען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — דעם 26טן יולי 1898 — זיינען פאָרגעקומען די אַרעסטן און רעוויזיעס אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד", האָט אויך מיין וואוינונג געהאַט אַ וויזיט פון זובאַ־טאָווס שפּיאָנען און זשאַנדאַרמען, איך בין שוין אָבער דאַמאָלס געווען אין ווין.

די שרעקלעכע, באַטויבנדיקע נייעס האָט מיך דאָ דערגרייכט נאָך דעם, ווי איך האָב אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג אויף בריוו פון מינסק און וואַרשע. פון מינסק האָב איך נאַטירלעך גאָר נישט דער־האַלטן, די וואַרשעווער חברים האָבן מיר מיטגעטיילט אין קורצע ווערטער וועגן די לעצטע פּאַסירונגען. פון דעם בערלינער „פאָר־ווערטס" האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם גרויסן אומפאַנג פון דער קאַטאַסטראָפע. אַ גענויע באַשרייבונג פון דער הויז־זוכונג, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן דורכגעפירט אין מיין דירה אין וואַרשע, איז צוגעשיקט געוואָרן צו די דאַוויגיערדס פון זייער קעכין.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל דאָס מאָל נישט אַריינ־פאַלן אין די לאַפּעס פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען. דער אויבן־דער־מאָנטער צופאַל האָט מיר געהאָלפן זיך אַרויסצודרייען פון לאַנגע, פיינלעכע חדשים אין די רוסישע תפיסות און אפשר פון יאָרן אין סיביר. אָבער אויפן האַרצן איז געווען ביטער, שרעקלעך ביטער, נישט אויסצוהאַלטן...

און ווידער הייבט זיך אָן גאָר אַ נייַ קאַפּיטל אין מיין לעבן: די גרינדונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און מיין אַרבעט אין אים פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ: 1898—1917.

אַ לעבן פון נייַע פרייד און פון נייַע זאָרג...

צוזעצטל פון נעמען

אַלטער (קאַמאַשנמאַכער) — 61.
אַלטער (דער בערשטער) — 72.
אַלעקסיי (זע מאַרטאָוו).
אַנטאָקאָלסקי, יונה — 62, 236.
אַקסעלראַד, ליובאַ („אָרטאָדאָקס") — 52, 53.
אַקסעלראַד, פּאַוול — 43, 158, 173, 175, 176, 177, 178, 199, 202.
אַרקאַדי — זע קרעמער, אַרקאַדי.
אַגוז — 53.
אַסוואָריץ — 61.
אָקוליטש — 36.
אָקוניעוויטש — 48, 50, 128.
„אָרטאָדאָקס" — זע אַקסעלראַד, ליובאַ.
אָשמיאַנסקי — זע זעלדאָוו, טייבעטש־קע.
אוריצקי — 281.
אורבאַנאָוויטש — 47.
איזביצקי, יוסף — 234.
איליאַשעוויטש — זע רובאַנאָוויטש.
איידלמאַן — 282, 283.
אייזענשטאַט, איסאַי (יודין, וויטאַלי) — 78, 79, 82, 84, 97, 107, 115, 119.
אייזנשטאַט, ליובאַ, — זע לעווינסאָן, ליובאַ.

באַנעוואָור — 72, 234.
באַסקין, אַ. — 72.
באָלעסלאַוו — 132, 133, 136, 141, 295.
בודיאַני, גענעראַל — 226.
בוכהאָלץ — 140.
בורצעוו — 224, 298.
ביסק — 173.
ביין — 243.
בלומענפעלד, ס. — 62.
בעבעל — 197, 260.
בערמאַן, פּאַוול — 25, 26, 33, 109, 111, 112, 273.
בערנשטיין, עדואַרד — 170, 196, 197.

גאָדלעווסקי — 62, 80.
גאָטליב, ל. — 288.
גאָזשאַנסקי, ש. (לנו) — 62, 72, 79, 80, 85, 86, 127, 215.
גאָכמאַן — 62.
גאָלדבערג, סטאַניסלאַוו — 210, 241.
גאָלדמאַן — 141.
גאָלדמאַן, לעאָן — 215, 216, 230, 270, 275.
גאָרדאַן, אַברהם — 98, 99, 102.
גאַרדאַן, אַנגאַ, — 62.
גאָרדאַן, פּאַליאַ — 62.
גוט — 179.
גוטמאַן — 169, 226.
גורוויטש, יעווגעניאַ — 110.
גינזבורג, מערעלע — 230, 269.
גלעב — זע מיטניקאָוויטש, אַברהם.

געלפאנד, חיים־יאנקל (ליטוואק) — 106.
געלפאנד, העלענא — 61, 97.
גערשאוואסקי, יעקב — 61, 97.
גערשאנאוויטש, העלענא — 236.
גרוויליך — 171.
גראזאווסקי — זע יאגיכעס.
גרישין — זע קאפעלזאן, צמח.
גרעסער — זע עגאן־גרעסער.

דאבראָלובאָוו — 45.
דאָדעל, פּראָפ. — 169.
דאָווגיערד, צעלינא — 132, 134, 135, 138, 140, 141, 153, 154, 155, 233, 243, 244, 288, 294.
דאמאשעוויטש, ד"ר — 36, 37.
דאַרווין — 45.
דאַשינסקי — 132, 194.
דאַשעווסקי — 137.
דזיערזשינסקי, פעליקס — 37, 140, 226, 249.
דעגענפיש, שאול — 251, 254, 288, 289.

האנעצקי — זע פירסטנבערג.
האַראַוויטץ — 241.
הורוויטש, צביה — 236, 238, 270.
הורקאַ — 99.
היים — פּראָפ. — 169.

וואַלט, אברהם — 62, 110, 111.
וואַלפסאָן, בערטא — 61.
וואַלפסאָן, גוסטא — 61.
וואַלפסאָן, זשעניא — 61.
וואַלק, צילע — 62, 72.
וואַלק, מינע — 63.
וויטקינד, יאַשע — 62, 236.
וויטקינד, יעווא — 62.
ווילטער, מאַרק — 61.
וויסלאָווך — 132.
וולאדימיר — זע קאסאוסקי, וולאַדימיר.
וועיווער, מערל — 69, 70.

זאַיאָנץ — זע מאַראַווסקי.
זאַלעווסקי — זע טרוסעוויטש.
זאַלקינד, אלבערט (סיביריאַק") — 62, 72, 236.
זאַלקינד, ראזא — 236.
זאַקאָם — 148.
זאַסוליטש, וויערא — 43, 78, 173, 205.
זובאַטאָוו — 74, 75, 298, 300.
זינגער, פּאַאול — 209.
זעלדאוו, סערגיי — 106.
זעלדאוו, טייבעטשקע (אַשמיאנסקי) — 106.
זשאַלודסקאיא, מאריא — 230, 269, 270.
זשאָרעס — 54.
זשיטלאָווסקי — 199, 220.
טאָלסטאָי, לעוו — 50.
טאַביאַש, מאַקס — 106, 213, 215.
טיומין — 110.
טיאמקין, וו. — 107.
טיכווינסקי — 223, 224.
טימאפיי — זע קאַפעלזאָן, צמח.
טישקאָ, זע יאגיכעס.
טעפּלאָוו — 169, 173.
טערעזא (שניידערן) — 61.
טרוסעוויטש, סטאניסלאַוו — 37, 249.
טרעגער — 173.
טרעפּאָוו — 206.
טשערנישעווסקי — 33.

יאָגיכעס, לעוו (טישקא", גראזאווסקי, „ליאווקא") — 47, 54, 55, 56, 57, 58, 62, 98, 167, 168, 179, 211, 214, 224, 245, 249.
יאָדקאָ — 286.
יאַהאָלקאווסקא (צווײ שוועסטער) — 243, 248.
יאַכע (זאַקנמאַכערין) — 61.
יוזעפאוויטש, ליובא — 61, 110.
יוזעפאוויטש, שפרה — 61.
יעווא (האַנדלסאָנגעשטעלטע) — 61.

כאדעצקא, מאַריאַ — 245.
כמיעלניצקי — 173.

לאַווראָוו — 201.
לאַסאַל, פערדינאַנד — 208, 209.
ליובאַ (די קאָנטערטניצע) — 67, 68, 69.
לוקסעמבורג, ראזא (מאַצעי רוזגא, קרושינסקאַ) — 47, 55, 56, 58, 98, 167, 169, 172, 175, 179, 180, 181, 182, 183, 184, 186, 187, 188, 189, 190, 191, 192, 193, 194, 195, 196, 211, 212, 224, 244, 247, 249, 250.
ליאָווקא — זע יאָגיכעס.
ליאַכאָווסקי, ד"ר — 62, 215, 216.
ליאַלקאַ — 254.
ליאַס, רעוועקא — 62, 124, 125, 147.
ליבער, מאַרק — 141.
ליבקנעכט, ווילהעלם — 211, 212.
ליבקנעכט, קאַרל — 58.
ליזע (האַנדלס־אָנגעשטעלטע) — 61.
ליטוואַק — זע געלפאַנד, חיים־יאַנקל.
ליעסין, א. — זע וואַלט, אַברהם.
ליפשיץ, מ. — 61.
ליפשיץ, נאַאום (נחום) — 61, 72.
לנו — זע גאזשאנסקי.
לעווי, דזשיימס — 80.
לעווין, פאַניא — 61.
לעווינסאָן, בערטא — 84.
לעווינסאָן, ליובאַ — 72, 78, 79, 83, 84, 158, 201, 215.
לעווינסאָן, מענדל — זע קאַסאַווסקי, וולאַדימיר.

מאַכאַיסקי — 86.
מאַנדליאַק — 254, 288, 289.
מאַראַווסקי („זאַיאַנץ", „קאַטשאַן") — 37, 249.
מאַרטאָוו, יולי (צעדערבוים, „אלעקסיי") — 48, 109, 120, 158, 159, 215, 229.
מאַרכלעווסקי, יוליוש (קאַרסקי) — 179, 226, 244, 249.
מארכלעווסקא, מאַרטא — 139, 226, 243.
מאַרקס, קאַרל — 56, 57, 139, 191.
מוטניק, אברהם — זע מיטניקאָוויטש.
מוטערמילך — 241.
מונבליט — 193, 297.
מיטניקאָוויטש, אַבראַם (אברהם) — „גלעב" — 109, 148, 149, 150, 215, 270, 271, 274, 282, 296.
מייזעל, מאַטל — 97.
מיכאילאָווסקי, נ. — 120.
מיכאלעוויטש, בייניש — זע איזביצקי, יוסף.
מילל, דזשאָן — 66, 79, 123, 298.
מילל (יאָס ל־ שליאָמאָ־ כאאימאאָוויטש) — זע מילל דזשאָן.
מיצקעוויטש, אַדאַם — 131, 175, 176.

מעדעם, וולאדימיר — 210.
מעלקענבור — 178.
מענאקער, סאלאמאן — 61, 88, 89, 215.
מענשטשיקאָוו, לעאָניד — 298.
מערינג — 197.

נאָוואָפּלאַנסקא — 236.
נח — זע פּארטנעי.
ניעמאָיעווסקי, אנדזשיי — 182.
ניקאָלאַי דער צווייטער — 297.
נעמאַנסקי — זע זעלדאוו, סערגיי.

סאָראָקא, גרישא — 61, 70, 71, 275.
סאָקאָלניצקי, מיכאל — 245, 288.
סווערדלאוו (זעצער) — 62.
סטאָאון, בערטאַ — 84.
סטראַשונסקי — 53.
סטרואווע, פּיאָטר — 220.
סלעפּיאן — 110.
סמידאָוויטש — 173.
סמיילס — 25.
סעגאַל, שיינע־רייזל — 67, 68, 72, 74.
סעווערין — 131.
ספּענסער — 45.
סרעדניצקאַיאַ, פּאטי (קרעמער, פּאטי) — 78, 79, 83, 127, 215, 270.

עגאַן, גרעסער — 46, 48, 49, 65, 121.
עטינגער — 242, 248.
ענגעלס, פרידריך — 56, 57, 178, 192, 225.

פּאַטי — זע סרעדניצקאַיאַ, פּאַטי.
פּאַסטעריאַן — 237.

פּאַרוואוס — 197.
פּאַרטנעי, נח — 80, 183.
פּויזנער — 243.
פּוזירענסקאיא (צווייטע שוועסטער) — 62.
פּילסודסקי — 132, 172, 245.
פּילץ — 136.
פּימערין, סאניע — 242.
פּייסאַכזאָן, יצחק („מאטעלע") — 236, 237, 238, 256, 284.
פּלאָטען, פּראָפּ. — 169.
פּלאָכאָצקי־וואסילעווסקי — 286.
פּלעכאנאוו, געאָרגי — 43, 56, 98, 158, 173, 177, 184, 199, 201, 202, 203, 204, 205, 206, 225, 258, 259, 261.
פּעטערסאָן — 169, 173.
פּעסקין, ישראל — 62, 77, 177, 236.
פּעסקין, שמואל — 62, 124.
פּערל, פעליקס — 175, 176.
פּערנסטאָרפער — 165, 260.
פּראָקאָפּאוויטש — 203, 259.
פּרץ, י. ל. — 251.

פאָלמאַר — 178.
פייגע (זאָקנמאַכערין) — 61.
פיינבערג — 62.
פין — 62, 80.
פירסטנבערג („האַנעצקי") — 242.
פעליציאַ — 210.
פרומקין, באריס — 110, 282.
פרידמאַן, רובים — 71, 72, 151.

צעבריקאָווא — 50.
צעדערבוים — זע מארטאוו.
צעטקין, קלארא — 260.
צעלינא, זע דאחגיערד, צעלינא.
צעמאכאוויטש — 106.

קאַאוטסקי, קאַרל — 197, 225.
קאָזלאָווסקי, מיעטשיסלאַוו — 48, 49.
קאָזלאָווסקי, לעאָן — 248.
קאָטשאַן — זע מאָראַווסקי.
קאַיגען, יונה — 220.
קאָן, פעליקס — 226.
קאָנטאָווט — 36.
קאַנטאָראָוויטש — 110.
קאָסאָווסקי, וולאַדימיר — 140, 148, 149, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 221, 222, 274, 278, 297, 301, 302.
קאַפּלינסקי, ישראל־מיכל — 74, 75, 276.
קאַפּעלזאָן, צמח („טימאפיי“, „גרי־שין“) — 29, 31, 32, 33, 36, 41, 52, 59, 63, 77, 79, 220, 237.
קאַרטשמאַר, יאַקאָוו — 62.
קאַרטשמאַר, ציליאַ — 62.
קאַרסקי — זע מארכלעווסקי.
קאַשוטסקי — 243, 248.
קוזמא — 207.
קוליאַבקאָ־קאָרעצקי — 203, 204, 205, 206, 207.
קולטשיצקי — 81, 163.
קורנאַטאָווסקי — 169, 173.
קורסקי, פראַנץ — 140, 149, 209.
קושיוויצקי, פּראָפ. — 210, 244.
קליאַטשקאָ — 62, 212, 228.
קענאַן, דזשאָרדזש — 131.
קרושינסקאַ, ר. — זע לוקסעמבורג, ראזא.
קריגעל, מערע — 74.
קריס, ציליא — 62.

קרעמער, אַרקאַדי — 37, 78, 79, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 97, 114, 119, 122, 125, 139, 140, 147, 149, 157, 211, 213, 215, 220, 258, 259, 260, 261, 267, 268, 269, 270, 271, 273, 274, 276, 277, 281, 282, 283, 297, 301, 302.

ראַגאַלסקי — 46, 48.
ראַדטשענקאָ — 282.
ראָזענבוים, מענדל — 62, 199.
ראָזענבערג, איליאַ — 106, 239.
ראזענטאל, יעקב — 271.
ראזענטאל, פּ. — 242.
ראַטינסקי — 211, 212, 213.
ראָמער — 248.
ראַפּאַפּאָרט, ח. — 53, 54.
רובאַנאָוויטש (איליאשעוויטש) — 107.
רוג, אַנאַסטאַזי („מאַריאַן“) — 254, 256.
רוזגא, מאַצעי, זע לוקסעמבורג, ראזא.
ריזשאָוו, וו. — זע שאַרעי, וויקטאָר.
ריינעס, מארוסיא — 220.
רעזניק, פאַניע — 97.

שאַרעי, וויקטאר (וו. ריזשאָוו) — 48, 65, 120, 125, 158, 244.
שאַרעי, לידא — 50, 120, 125.
שאַרעי (מוטער) — 121, 122, 123.
שוואַיניצקא — 36.
שווייצער — 33.
שוועץ — 213.
שמיט, קאָנראַד, פּראָפ. — 169.
שפּילהאַגען — 33.